STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02845

KULTUR-GESHIKHTE

Yaakov Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „יהודיה"

קולטור־געשיכטע.

ערשטער טייל.

די מאטעריעלע קולטור.

בעארבייט פון

לעווין.

ווארשא

אינהאלטס=פֿערצייכניס:

איינלייטונג אין די קולטור=געשיכטע	3—11
ערשטעס קאפּיטעל: געצייג און געוועהר	12—23
צווייטעס קאפּיטעל: די פֿערשפּרייטונג פֿון דעם מענשען און זיין ערשטע שפּייז	23—34
דריטעס קאפּיטעל: דאס אנגרייטען אויף שפּעטער און אקערבוי	34—49
פֿערטעס קאפּיטעל: די פֿערהיימישונג פֿון חיות און די פֿיהצוכט	49—63
פֿינפֿטעס קאפּיטעל: דאס פֿייער און דאס אנגרייטען שפּייז	63—80
זעקסטעס קאפּיטעל: קליידונג און וואהנונג	80—97
זיבענטעס קאפּיטעל: האנדעל און טראנספּארט=מיטלען	97—107

Druk. I. Haendlera Warszawa, Długa 26. Tel. 260-19.

איינליישונג אין די קולטור־געשיכטע.

די מענשליכע געזעלשאפט שטעהט נישט אויף איין ארט. זי ענטוויקעלט זיך. יעדער עלטערער מענש וועט אייך קאנען דערצעהלען וועגען פיעל ענדערונגען און וויכטיגע אויסבעסערונגען, וועלכע זענען פארגעקומען אין דער ארומיגער סביבה פאר זיין צייט. אזוי וועט ער אייך צ. ב. דערצעהלען, אז מען האט אמאל פון מינסק אין ווארשא געדארפט פאהרען מיט א פוהר גאנצע וואכען, און ווען מען פלעגט בעגלייטען איינעם אין אמעריקא, פלעגט מען דערביי אזוי וויינען, ווי מען וואלט זיך מיט איהם געזעגענט אויף אייביג, ווייל דאס פאהרען אין אמעריקא פלעגט דאמאלס דויערן גאנצע חדשים און אמעריקא האט זיך דאמאלס גערעכענט פאר אנ'אנדערע, ווייטע וועלט. און איצט זעצט מען זיך אין מינסק פארנאכט אין צוג און אויף מארגען גאנץ פריה קומט מען שוין אין ווארשא; און אמעריקא מיט אייראפא איז איצט, ווי מען זאגט, „א שטוב מיט א קאמער". דאס פאהרען אין אמעריקא דויערט אין גאנצען 10 טעג. ער וועט אייך דערצעהלען, אז אונזערע זיידעס האבען זייערע הייזער בעלויכטען מיט קינעלעך און נאר פרייטאג־צו־נאכטס פלעגט דאס אידישע הויז זוכה זיין צו זעהן א חלב'נע ליכט, אויף וועלכע מען האט געדארפט בענשען. און איצט איז שוין נישטא קיין איין הויז, וואו עס זאל ווייניגסטענס נישט ברענען א קעראסין־לאמפ, אויב נישט קיין גאז אדער עלעקטריע. ער וועט אייך נאך דערצעהלען, ווי ער האט געזעהען גאנצע מחנות פויערן „פראווען פריהאן", טהון זייערע קנעכטישע ארבייט פאר די פריצים; און איצט איז אין רוסלאנד שוין קיין קנעכטשאפט נישטא, און די גאנצע בעפעלקערונג האט אפילו בעקומען דאס רעכט צו נעהמען אנ'אנטהייל דורך איהרע געוועהלטע פארשטעהער אין דער געזעצגעבונג פונ'ם לאנד.

נאך קענטיגער אבער און פיעל דייטליכער ווייזט זיך די ענטוויקלונג פון דעם מענשען, ווען מען פערגלייכט צ. ב. דעם אייראפייער פון א גרויסער שטאדט מיט איהרע גלאט אויסגעברוקירטע גאסען, מיט

איהרע טראמוויען און עלעקטרישער בעלייכטונג, מיט איהרע שולען, מוזעאומס און טעאטערען, מיט איהרע פאבריקען און גרויסע געשעפטען — ווען מען פערגלייכט דאס מיט דעם אייראפעיער מיט דעם ווילדען אויסטראליער, וועלכער וואנדערט ארום הויל און נאקעט איבער די סטעפעס און וועלדער מיט זיין שטיינערנער האק און הילצערנעם שפיז און זוכט ווארצלען אין דער ערד זיך צו דערנעהרען אדער פאנגט א פליעג, א ווארים, א יאשטשערקע, א מויז און פערשפייזט דאס מיט גרויס אפעטיט.

און דער איצטיגער אויסטראליער, וועלכער שטעהט אזוי נידעריג אויפ'ן לייטער פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, שטעלט נאך לאנג נישט פאר די נידעריגסטע שטופע, אויף וועלכער דער מענש קען זיך געפינען. ער איז שוין א פראדוקט פון א לאנג-לאנג-יעהריגער ענטוויקלונג; ער פערמאגט שוין אזוינע געצייג און אזוינע ידיעות, וועלכע ער האט גע־קאנט ערפינדען און ערווערבען נאר בוסלעכווייז און משך פון פיעלע פיעלע דורות. עס זענען געווען צייטען, ווען דער מענש איז געשטאנען אין זיין ענטוויקלונג נאך א סך נידעריגער, ווען ער האט נאך אפילו קיין בעגריף נישט געהאט וועגען אזוינע געצייג, ווי עס פערמאגט איצט דער אויסטראליער, און האט זיך בענוצט נאר מיט א פשוט'ען שטיין אדער א שטעקען, וואס די נאטור האט איהם געגעבען גרייט אין יעדען ארט; ווען ער האט אפילו נישט געוואוסט, ווי צו בענוצען זיך מיט פייער, ווייל ער האט נאך קיין ענטוויקעלטע שפראך נישט געהאט, ווען ער איז נאך בכלל געשטאנען אין זיין גאנצער ענטוויקלונג נישט פיעל העכער, ווי א סך חיות פון העכערען מין.

און דאך האט זיך דער מענש פון אזא נידעריגער מדרגה אויפגע־הויבען אזוי הויך. אנפאנגס איז ער געווען א קינד פון דער נאטור, אדער ריכטיגער — א קנעכט פון דער נאטור און האט געמוזט, ווי אלע אנדערע חיות, פאלגען אלע איהרע קאפריזען, נעהמען נאר דאס, וואס זי גיעט איהם גרייט, הונגערן, ווען זי איז געווען קארג, פערשלאפען פון היץ אונטער די ברענענדיגע שטראהלען פון דער זון און ווייקען זיך אונטער'ן גוס-רעגען, — בוסלעכווייז איז ער אבער געווארען דער הער און געביטער פון דער נאטור, וועלכער צווינגט זי איהם צו פאלגען און פונקטליך ערפילען זיינע בעפעהלען, וועלכער האט אין זיינע געביידעס שוין קיין מורא נישט פאר איהרע היצען, קעלטען און רעגענס, וועלכער נעהמט ארויס פון דעם שוים פון דער ערד אזוי פיעל, וויפיעל ער דארף אויף צו ערנעהרען זיך, און קאן אויך אבלעגען אויף שפעטער, כדי ער

זאל נישט דארפען מורא האבען פאר'ן מארגענדיגען טאג; וועלכער בעניצט זיך מיט די כחות פון דער נאטור גופא — מיט די כחות פון אנדערע חיות, פון דעם לויפענדען וואסער, פונ'ם שנעלען ווינד, פון דער ווארעמקייט פון דער זון און פונ'ם פייער, פון עלעקטריע — איהר אנצוטהון א צוים און זי צו קערעווען לויט זיין פערלאנג, ווי עס איז פאר איהם נוצליכער און בעקוועמער.

וואס האט דעם מענשען געגעבען די מעגליכקייט אזוי הויך צו שטייגען אין זיין ענטוויקלונג, אין דער צייט, וואס די איבעריגע חיות, צו וועלכע ער איז די אמאליגע צייטען געווען זעהר ענהליך, זענען געבליבען שטעהן אויף איין ארט? מען דארף בעמערקען, אז פערגלייכענדיג דעם מענשען מיט אנדערע חיות, מוז מען איהם אין פיעלע הינזיכטען שטעלען נידעריגער פאר זיי. ער איז פיזיש שוואכער פאר'ן העלפאנד, פאר'ן לייב, פאר'ן טיגער און פאר צעהנדליגער אנדערע חיות; ער האט נישט אזוינע שארפע חושים, ווי פיעלע חיות: נישט אזא חוש הראיה, ווי די קאץ, נישט אזא חוש-הריח, ווי דער הונד; ער קאן נישט אזוי לויפען, ווי דער הירש אדער דאס פערד. און אין דעם זין פון פערטיידיגען זיך געגען אנדערע חיות איז דער מענש כמעט דאס שוואכסטע בעשעפעניש: דער לייב האט שרעקליכען כח און שארפע קראלען, דער העלפאנד האט שטויס-צייהנער, דאס פערד — קלויען, דער אקס — הערנער, די שלאנג — גיפט; נאר דער מענש פערמאגט קיינע פיזישע מיטלען נישט אום זיך געגען די אנדערע חיות אנטקעגען צו שטעלען. דערפאר אבער האט דער מענש געהאט איין מעלה, וועלכע האט איהם געגעבען די מעגליכקייט אויפצוהויבען זיך איבער אלע לעבעדיגע בעשעפענישען און צו ווערען דער בחיר פון אלע ברואים. די מעלה איז בעשטאנען דערין, וואס אין פערלויף פון אונצעהליגע יאהרען האט זיך ביי'ם מענשען אויסגעבילדעט א העכערעם נערווען-סיסטעם, א גרעסערער און ענטוויקעלטערער מארך, און דערמיט אויך העכערע גייסטיגע פעהיגקייטען. ער האט שוין נישט נאר געקאנט בעמערקען פערשיעדענע זאכען און ערשיינונגען פון דער נאטור, נאר אויך געדענקען זיי, און דאס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט ביסלעכווייז אנצוקלייבען א געוויסע ערפאהרונג, מיט וועלכער ער האט זיך ביי יעדער געלעגענהייט בענוצט. און איבערגעהענדיג פון דור צו דור, האט זיך די ערפאהרונג פערמעהרט און פערטיעפט און איז געווארען א קראפט, וועלכע האט מיטגעהאלפען דעם מענשען אין זיין קאמפף פאר זיין עקזיסטענץ און האט איהם געגעבען

די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך אלץ ווייטער און ווייטער.

אזוי האט, צ. ב., דער מענש דאס ערשטע מאל, ווען ער האט צופעליג דערזעהען דאס פייער, וואס א בליץ, אריינשלאגענדיג אין א בוים, האט געקאנט אנצינדען, זיך געווים דערשראקען דערפאר נישט ווייניגער, ווי אלע אנדערע חיות. נאר ווען ער האט פייער אנגעטראפען עטליכע מאל, האט ער נישט געקאנט נישט בעמערקען, אז ווען ער איז דורכגענעצט דורכ'ן רעגען, איז ביי'ם פייער ווארעם און אנגענעהם, און אז אין דער נאהענטקייט פון פייער בעווייזען זיך נישט קיין אנדערע חיות און עס איז דארטען דעריבער אונגעפעהרליכער און זיכערער צו זיצען. צוערשט איז דער מענש געווים נאר גאנץ לאנגזאם צוגעגאנגען נעהנטער צום פייער און ערשט שפעטער, ווען ער האט בעמערקט, אז עס טהוט נישט קיין שלעכטס, ווען מען שטעהט נישט צו נאהענט פון איהם, נאר פערקעהרט — עס דערווארעמט נאך און טריקענט, האט זיך ביי איהם אויסגעארבייט דער געדאנק, אז דאס פייער איז אונשעדליך און זאגאר נוצליך, און ער האט זיך מיט איהם אנגעהויבען צו בענוצען, איהם אונטערצוהאלטען און שפעטער אליין צו מאכען. און אויף וויפיעל דאס פייער האט דערנאך מיטגעהאלפען דעם מענשען אין זיין ווייטערדיגער ענטוויקלונג, וועלען מיר נאך שפעטער זעהען.

אלזא, די העכערע גייסטיגע פעהיגקייטען האבען געגעבען דעם מענשען *די מעגליכקייט* צו ענטוויקלען זיך. די דאזיגע פעהיגקייטען אליין זענען אבער נאך נישט אימשטאנד געווען צו טרייבען דעם מענשען צו שטענדיגער ווייטערדיגער ענטוויקלונג. מען קאן לייכט בעמערקען, אז א העכערע שטופע פון ענטוויקלונג האט דערגרייכט נאר יענער טייל פון דער מענשהייט, וועלכער לעבט אין די לענדער מיט א מיטעלמעסיג-ווארימען קלימאט; און יענער טייל, וועלכער לעבט אין די טראפישע געגענדען, האט זיך אבגעשטעלט אין זיין ענטוויקלונג און איז געבליבען שטעהן אויף א פערהעלטנישמעסיג נידעריגער שטופע. און די סבה דערפון איז נישט שווער צו געפינען. אין די טראפישע געגענדען, וואו די נאטור איז אזוי רייך, וואו דער ערשטער בעסטער פרוכט-בוים, ווי די קאקאס-פאלם, דער ברויט-בוים, חוה'ס-פייג (באנאן) א. ד. ג. קאנען צו יעדער צייט שטילען דעם הונגער פון דעם מענשען; וואו פערשיעדענע פליישיגע עסבארע ווארצלען בעגעגענען זיך אויף יעדען טריט; וואו מען דארף זיך נישט בויען קיין הייזער און געצעלטען אויף צו פערטיידיגען זיך פון קעלט, און וואו דער מענש האט דערפאר געקאנט במעט

אהן יעדער אנשטרענגונג געפינען אלץ, וואס איהם איז נויטיג — ביי זיינע בעגרענצטע בעדערפנישען — אויף אונטערצוהאלטען זיין עקזיסטענץ און האט נישט נויטיג געהאט צו בענוצען זיך מיט זיינע פעהיגקייטען, זיי צו שארפען און ווייטער צו ענטוויקלען, מיט איין ווארט — וואו ער האט כמעט נישט בעדארפט ארבייטען, דארט, אין די טראפישע געגענדען, איז ער געבליבען שטעהן אויף דער נידעריגער ענטוויקלונגס־שטופע. גאנץ אנדערש איז געווען אין די וועניגער רייכע לענדער פון דעם מיטעלמעסיגען קלימאטישען גארטעל. דארט גיעט די נאטור גרייטעס זעהר וועניג. און דעם מענשען איז דארט דערפאר אויסגעקומען יעדען טאג און יעדע מינוט אנצושטרענגען זיינע כחות און פעהיגקייטען צום קאמפף מיט דער נאטור, כדי זיך צו שיצען פון קעלט, צו ערווערבען די נויטיגע שפייז־מיטלען, און דאס האט אלץ מעהר זיינע פעהיגקייטען ענטוויקעלט. דארטען האט דער מענש געמוזט פיעל ארבייטען, כדי צו קענען עקזיסטירען, און דערפאר איז ער דארטען פריהער ארויסגעגאנגען פון זיין ווילדען צושטאנד, האט ער זיך דארטען מעהר און שנעלער ענטוויקעלט; דערפאר זענען דארטען פריהער, ווי אין אנדערע הייסערע ערטער, ענטשטאנען העכערע מענשליכע געזעלשאפטען, גרויסע ציוויליזירטע מלוכות, ווי מצרים, בבל, חינא א. ד. ג.

אלזא, אויב זיינע פעהיגקייטען האבען דעם מענשען געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך, איז זיין גאנצע ווירקליכע ענטוויקלונג א פראדוקט פון זיין ארבייט, צוערשט איז די ארבייט פון׳ם מענשען אנ׳איינפאכע און נאר אויף עטליכע בעגרענעצטע געביטען: ער פערטיידיגט זיך געגען אנדערע חיות, געגען קעלט און נאסקייט, אדער זוכט פאר זיך שפייז, וואס ווייטער ווערען אבער די בעדערפנישען פון׳ם מענשען אלץ ברייטער און פיעלפאכער. די נאטירליכע צוגעבונדענקייט פון דער מוטער צו איהרע קינדער צוזאמען מיט דער נויטיגקייט צו שטיצען איינע די אנדערע מיט זייער פערשיעדענער ארבייט — דער מאנס־פערזאן מיט זיין יאגד־טרייבען, די פרוי מיט איהר זאמלען ווארצלען און קערנער און מיט׳ן אונטערהאלטען דאס פייער—דאס אלץ שאפט די שטאנדהאפטיגע פאמיליע, וועלכע פערגרעסערט זיך ביסלעכווייז און פערוואנדעלט זיך אין א מענשליכע געזעלשאפט. די געזעלשאפט אליין הויבט אן צו שפיעלען אלץ א גרעסערע און וויכטיגערע ראלע אין דעם לעבען פון׳ם מענשען. זי פערלייכטערט איהם דעם קאמפף פאר זיין עקזיסטענץ, זי רופט אבער ביי איהם ארויס אלץ נייע בעדערפנישען, שאפט

פאר איהם נייע פפליכטען און לעגט ארויף איהר שטעמפעל אויף די
גאנצע ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם מענשען. עס ווערען בעשאפען
די בעגריפען און די אינסטיטוטען פון אייגענטום און רעכט, פון מלחמה
און שלום; עס ענטשטעהט דער האנדעל, וועלכער רופט ארויס די בע־
דערפעניש פון קענען רעכענען; צוזאמען מיט די בעציהונגען צווישען פער־
שידענע מענשליכע געזעלשאפטען ענטשטעהט די נויטיגקייט צו קאנען
איבערגעבען די געדאנקען נישט מונדליך, נאר דורך צייכענס—עס ענט־
שטעהט די קונסט פון שרייבען. אויף א געוויסער שטופע פון ענטוויקלונג
הויבט דער מענש אן צו שטרעבען צו ערקלערען די סבות פון די ארומי־
גע ערשיינונגען. דאן שאפט זיך ביי איהם די פארשטעלונג וועגען גייס־
טער (רוחות), וועלכע הערשען איבער אלץ און רופען ארויס אלע ער־
שיינונגען; שפעטער געהט די דאזיגע פארשטעלונג איבער אין דער רע־
ליגיע, ארום וועלכער עס ווערט בעשאפען א קולט מיט די פערשיע־
דענסטע מנהגים און צערעמאניעס. און ענדליך ברענגט די זעלבע שטרע־
בונג צו דער עטוויקלונג פון דער וויסענשאפט.

אזוי איז פון אנהויב די הויפט־ארבייט פונ'ם מענשען בעשטאנען
הויפטזעכליך אויף דעם געביעט פון אונמיטעלבארער בעפרידיגונג פון
זיינע מאטעריעלע בעדערפנישען; שפעטער וואקסען אויס נייע בע־
דערפנישען, וועלכע ווערען ארויסגערופען דורך לעבען און געזעלשאפט,
און נאך שפעטער הויבען־אן צו פארנעהמען אנ'ארט אויך די גייסטיגע
בעדערפנישען. עס פערשטעהט זיך, אז דערמיט מיינט מען נישט, אז די
דריי ערליי מינים בעדערפנישען און די ארבייט זיי צו בעפרידיגען זענען
שפעטער ביי'ם מענשען אבגעזונדערט איינס פון דאס אנדערע. זיי קענען
עקזיסטירען צוזאמען און געהען געוועהנליך צוזאמען. און דער מענש
ווענדט גלייכצייטיג אן זיין ארבייט פאר דער בעפרידיגונג פון אלע זיינע
בעדערפנישען, ווייל די נישט בעפרידיגונג פון דער אדער יענער בע־
דערפניש, צו וועלכער קאטעגאריע זי זאל נישט געהערען, רופט ביי איהם
ארויס אנ'אונאנגענעהמען געפיהל, ליידען אדער שמערצען. אלזא, די נויט־
ווענדיגקייט צו בעפרידיגען זיינע בעדערפנישען האט דעם מענשען גע־
צוואונגען צו ארבייטען און האט אזוי ארום ארויסגערופען די מענשליכע
ענטוויקלונג. דער גאנצער סכום פון ארבייט, פון די ווירקונגען אויף דער
ארומיגער נאטור, וואס דער מענש האט אנגעווענדט אויף צו בעפרידי־
גען זיינע בעדערפנישען, הייסט קולטור. לויט די פארמען פון דעם
מענשענס ארבייט, פון זיינע פערשידענע איינריכטונגען, ידיעות, פיהרונ־

גען א. ד. ג. קאן מען אורטיילען וועגען דער הויך פון זיין קולטורעלען צושטאנד. און די געשיכטע פון דער מענשליכער ארבייט, אדער די געשיכטע פון דעם, ווי דער מענש האט פון זיין ניעדעריגען קולטורעלען צושטאנד, ווען ער איז זעהר ענהליך געווען צו אייניגע חיות פון דעם העבערען מין, זיך אויפגעהויבען צו זיין איצטיגען קולטורעלען צושטאנד אין די ענטוויקעלטסטע לענדער פון אייראפא און אמעריקא, הייסט קולטור־געשיכטע, אדער געשיכטע פון דער מענשליכער קולטור.

די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער קולטור פאר די לעצטע פינף טויזענד יאהר, זינט דער מענש האט זיך אויסגעלערנט שרייבען און האט געלאזען א זכר פון זיין ארבייטען און ווירקען דורך אויפשריפטען אויף שטיינער אדער פאפיער, ווערט מייסטענס ערלערנט פון די איבערגעבליבענע געשריבענע דאקומענטען. דער דאזיגער פינף־טויזענד־יעהריגער פעריאד הייסט דער היסטארישער פעריאד פון דער מענשהייט. אבער אויף צו ערלערנען די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער קולטור אין די פריהערדיגע פארהיסטארישע פעריאדען ווערען בענוצט אנדערע מיטלען. דאס זיינען ערשטענס די רעשטען פון דער אמאליגער מענשליכער עקזיסטענץ, וועלכע מען געפינט ביי די פערשיעדענע ארכעאלאגישע אויסגראבונגען: אמאליגע געצייג און געוועהר, רעשטען פון אמאליגע געביידעס, פון ציערונג, מכשירים פון רעליגיעזען קולט, פערשיעדענע צייכנונגען אויף ביינער און שטיין א. ד. ג. לויט די אלע רעשטען קאן מען בעקומען א פארשטעלונג וועגען דעם קולטורעלען צושטאנד פון די מענשען, וועלכע האבען זיך מיט זיי בענוצט, און די פערגלייכונג פון אזוינע רעשטען, וועלכע מען האט געפינען אין פערשיעדענע שיכטען פון דער ערד און אין פערשיעדענע ערטער אויף דער ערד, קאן אונז געבען א מעהר אדער ווייניגער קלארען בעגריף וועגען דער ענטוויקלונג פון דעם מענשען אין פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע ערטער.

צווייטענס, קענען אונז וועגען דעם פארהיסטארישען צושטאנד פון די איצטיגע מעהר קולטורעלע פעלקער געבען א בעגריף די נאך איצט ווילדע און האלב־ווילדע מענשליכע שטאמען, וועלכע עקזיסטירען נאך אין אונזער צייט. די דאזיגע שטאמען מאכען איצט דורך יענע שטופען פון ענטוויקלונג, אויף וועלכע די איצטיגע מעהר קולטורעלע פעלקער זיינען געשטאנען מיט פיעל טויזענדער יאהרען צוריק. די ידיעות וועגען דעם

לעבען פון אזוינע ווילדע און האלב־ווילדע שטאמען זענען דערפאר אונגעהויער וויכטיג אויף צו ערקלערען די געשיכטע פון דער מענשליכער קולטור.

דאס דריטע וויכטיגע מיטעל צו ערקלערען די פארהיסטארישע קולטור זענען די רעשטען פון דער אמאליגער קולטור, וואס זענען נאך איבערגעבליבען אין דער היינטיגער. צ. ב. אין אינדיען בעקומען נאך איצט אויך די בראמינער (גלחים) פייער פאר זייערע טעגליכע קרבנות, רייבענדיג איין האלץ אן אנדערען, כאטש זיי וויסען שוין, ווי מען קען לייכטער בעקומען פייער, אויסהאקענדיג פונקען פון א פייערשטיין (קרעמען) דורך א שטיקעל שטאל. ווען מען פרעגט זיי, צוליעב וואס פטר'ן זיי אומזיסט כחות, ווען זיי וויסען א פיעל־לייכטערעם מיטעל צו בעקומען פייער, ענטפערען זיי, אז זיי טוהען דאס אזוי, כדי צו בעקומען ריינערען, הייליגערען פייער. אונז איז אבער זעהר לייכט אנצושטויסען זיך, אז זיי האלטען דאס אונטער א מנהג, וועלכער ענטהאלט אין זיך א רעשט פון דעם אמאליגען וועניגער קולטורעלען לעבענס־צושטאנד פון זייערע ווייטע אור־עלטערען, וועלכע האבען נאך קיין אנדער מיטעל צו בעקומען פייער, אויסער רייבען איין האלץ אן דעם אנדערען, נישט געוואוסט.

דאס פיערטע מיטעל צו ערקלערען די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער קולטור, איז די לינגוויסטיק, אדער די וויסענשאפט, וועלכע ערקלערט די ענטוויקלונג פון די מענשליכע שפראכען. פערגלייכענדיג די ווארצלען און די גראמאטיקאלע פארמען פון פערשיעדענע שפראכען, געפינט זי דעם יחוס פון פערשיעדענע פעלקער, ווייזט זי אן, וואו זיי זענען געבוירען געווארען, מיט וועלכע פעלקער זיי זענען געקומען אין בעריהרונג אד"ג.

די דאזיגע פיער און איניגע אנדערע הילפס־מיטלען גיבען די מעגליכקייט דער קולטור־געשיכטע אויסצומאהלען א מעהר אדער וועניגער גענוי בילד פון דער מענשליכער ענטוויקלונג פון די ניעדריגסטע ביז די העכסטע שטופען.

געוועהנליך טיילט מען איין דאס לעבען פון דער מענשהייט אין 4 ענטוויקלונגס־שטופען: 1) די שטופע פון דעם א ו ר־מ ע נ ש ע ן, וועלכער האט נאך נישט געוואוסט פון פייער און האט אלס געצייג געהאט נאר א פשוט'ען שטעקען, אדער א נישט־בעארבייטעטען שטיין, ביין א. ד. ג. 2) די שטופע פון דעם ווילדען מענשען, וועלכער ערנעהרט זיך מיט פערשיעדענע פלאנצונגען און פלייש פון חיות, נישט בעארבייטענדיג די ערד און נישט פערהיימישענדיג די חיות. דער ווילדער מענש וואהנט, געוועהנליך, אין די טראפישע וועלדער, וואו ער קאן זיך געפינען שפייז כמעט דאס

גאנצע יאהר, אויף איין ארט, און אין די ווייניגער פרוכטבארע און קעלטערע ערטער וואנדערט ער געוועהנליך אום פון ארט צו ארט, זוכענדיג זיך ווילדע פפלאנצונגען און חיות צו ערנעהרען זיך. זיינע געצייג זענען אויך געוועהנליך פון האלץ, שטיין און ביין; נאר ער בעארבייט זיי שוין מעהר אדער ווייניגער. בענוצען זיך אבער מיט מעטאלען קאן ער נאך נישט. 3) די שטופע פון בארבאריזם, ווען דער מענש הויבט אן צו בעשעפטיגען זיך מיט אקערבוי און פיה־צוכט, צו פערוואנדלען ערדען און מעטאלען, פון וועלכע ער מאכט דאן זיינע געצייג; ווען ער לערנט זיך אויס די קונסט פון טעפעריי א. ד. ג. און 4) די שטופע פון ציוויליזאציע, ווען די מענשען לערנען זיך אויס שרייבען און אויף אזא אופן איבערלאזען לזכר פאר די קומענדיגע דורות די געשיכטע פון זייערע מנהגים, געזעצען, ידיעות און רעליגיע, וואס עס בינדט צוזאמען די פערגאנגענהייט מיט דער צוקונפט אין איין קייט פון גייסטיגען און מאראלישען פראגרעס. די ענטוויקעלטע ציוויליזירטע פעלקער זענען דורכגעגאנגען אלע פיער שטופען, די בארבארישע דריי א. א. וו.

מיר וועלען דא נישט בעטראכטען אלזייטיג יעדע פון די אנגערופענע פיער שטופען בעזונדער, נאר מיר וועלען, בעטראכטענדיג א געוויסע ערשיינונג פון דער מענשליכער קולטור, אנצייכנען דעם גאנצען וועג, וואס זי האט דורכגעמאכט פון די נידריגסטע אור־פארמען ביז די העכסטע ציוויליזירטע פארמען. און די גאנצע געשיכטע פון דער מענשליכער קולטור וועלען מיר איינטיילען אין דריי אבטיילונגען לויט די אויבענאנגעוויזענע פערשידענע מענשליכע בעדערפנישען און דער פערשידנארטיגער ארבייט, וועלכע איז אנגעווענדעט געווארען כדי זיי צו בעפרידיגען. דאס איז: 1) די מאטעריעלע קולטור, וועלכע בעטראכט די ענטוויקלונג פון די מיטלען און פון די ארטען פון ארבייט אויף צו בעפרידיגען די בעדערפנישען אין שפייז, קליידונג, וואהנונג א. ד. ג. 2) די געזעלשאפטליכע קולטור, וועלכע בעטראכט די ענטשטעהונג און די ענטוויקלונג פון דער פאמיליע, פון דער געזעלשאפט, פון אייגענטום, פון שטאנדען און קלאסען, פון רעגירונג, געזעצען, געריכט און ד. ג. און 3) די גייסטיגע קולטור, וועלכע בעטראכט די ענטוויקלונג פון דעם גייסטיגען מענשליכען לעבען: פון דער שפראך, פון דער קונסט, פון שרייבען און רעכענען, פון דער רעליגיע מיט דעם רעליגיעזען קולט, פון דער מאראל, וויסענשאפט א. ד. ג.

ערשטע אבטהיילונג.

די מאטעריעלע קולטור.

ערשטעס קאפיטעל.

געצייג און געוועהר.

מיר האבען שוין איבען געזעהען, אז דער מענש איז זעהר ארעם און נאטירליכע פערטהיידיגונגס־מיטלען; זיינע ציינער און נעגעל — די איינציגע וועהר־מיטלען, וואס ער פערמאגט — זענען צו שוואך, ער זאל זיך קאנען מיט זיי מיט ערפאלג שטעלען געגען א גרעסערער חיה. דער מענש האט זיך דערפאר געדארפט נעהמען צו הילף א קינסטליך געוועהר, וואס זאל פערגרעסערען זיין וועהר־קראפט. אזא געוועהר איז דעם מענשען נישט שווער געווען צו בעקומען. דער מענש געהט אום גלייך אויף צוויי פיס. דאס גיעט איהם די מעגליכקייט צו האבען שטענדיג פריי די הענד, וועלכע ער האט געקאנט זיך געוועהנען צו האלטען פערשיעדענע געגענשטענדען. און די דאזיגע געגענשטענדען האבען אנגעהויבען צו דיענען אין זיינע הענד אלס געוועהר, זיך צו פערטהיידיגען געגען די אנפאלער אדער אליין אנצופאלען, און אלס געצייג אויף צו ווירקען מיט מעהר ערפאלג אויף די ארומיגע נאטור. אזוי בעוואפענט זיך דער מענש מיט א שטעקען און לאזט צו זיך נאהענט די חיה נישט צו, קעמפפט מיט איהר פון דערווייטענס מיט זיין פערלענגערטער האנד, וועלכע האט שוין דאן קיין מורא נישט פאר קיין ביס, אדער ער שליידערט א שטיין אין דער חיה און טויט זי פון דערווייטענס. ווען זיין האנד איז צו קורץ אויף צו דערלאנגען א פרוכט פון בוים, פערלענגערט ער זיין האנד דורך א שטעקען און קלאפט מיט איהם אראב די פרוכט. ווען זיינע ציינער אדער זיינע פינגער זענען צו שוואך אויף צוקנאקען א קאקאס־נוס, צוקנאקט ער איהם מיט דער הילף פון א שטיין.

דעריבער האט מען דעם מענשען, כדי צו אונטערשיידען איהם פון אלע איבעריגע חיות, אנגערופען: „די חיה, וואס בענוצט זיך מיט געצייג". דער דאזיגער נאמען איז אבער נישט אינגאנצען ריכטיג, ווייל

עס זענען אויך פאראן אנדערע חיות, וואס קענען זיך בענוצען מיט פערשידענע געגענשטענדען אלס געוועהר און געצייג; דאס זענען די מאלפעס. אזוי ווארפט דער אראנג־אוטאנג פונ'ם בוים, אויף וועלכען ער זיצט, אין זיין פיינד שטעכעדיגע פרוכטען און אפילו גאנצע צווייגען, וועלכע ער ברעכט פון בוים אב; און דער שימפאנזע, זאגט מען, צוקנאקט הארטע ניס מיט דער הילף פון א שטיין, ווי דער מענש טהוט עס. וועט דערפאר ריכטיגער זיין אנרופען דעם מענשען: „די חיה וואס מאכט געצייג“, ווייל נאר פון אנהויב בענוצט זיך דער מענש מיט די געצייג, וואס די נאטור גיעט איהם גרייטע; שפעטער אבער לערנט ער זיך אוים זיי אויסצובעסערען, מעהר צופאסען זיי צו די פערשידענע ארבייטען, שאפען נייע געצייג און זיי פערפאלקאמענען. וואס אנבעלאנגט די ערשטע געצייג פונ'ם מענשען, איז געוועהנליך נאך שווער אבצוגרעניצען און זאגען, אז ער האט זיי בענוצט נאר אלס געוועהר, אדער נאר אלס געצייג. מייסטענטיילס האט איין און דאס זעלבע געצייג געדיענט צו פערשידענע צוועקען. אזוי צ. ב. שאבט ארום דער זולוס (אין מזרח־אפריקא) זיין שטעקען, פון וועלכען ער וויל מאכען א שפיז, מיט דעם זעלבען שטיקעל אייזען, וואס ער וועט שפעטער אנטהון אויפ'ן שטעקען, כדי צו פערוואנדלען איהם אין א שפיז. ער האט נאך נישט קיין בעגריף וועגען דעם, אז דאס שטיקעל אייזען, וואס דארף דיענען אלס שפיץ צום שפיז, איז נישט דאס בעסטע געצייג אויף צו שניידען און שאבען. איין און דאס זעלבע אמאליגע געצייג, — זאגט טיילאר, — האט געדיענט סיי אויף צוקנאקען א קאקאסנוס, סיי אויף צו האקען א מענשליכען שארבען; סיי אויף אבצוהאקען צווייגען פון א בוים, סיי אויף אבצושניידען מענשליכע גליעדער“. און ערשט שפעטער האבען זיך די געצייג ספעציאליזירט און האבען זיך צוטיילט אויף ארבייטס־געצייג און אויף געוועהר.

די ערשטע געצייג, וואס דער מענש האט בענוצט, זענען געווען נישט ערפונדענע, נאר געפונענע, ד. ה. אזוינע, וואס די נאטור האט איהם געגעבען פארטיגע: שטעקענס אויף צו שלאגען און ווארפען אלס שפיז; שטיינער אויף צו ווארפען און צוקנאקען ניס און אנדערע הארטע זאכען; שארפע שטיינדלעך אויף צו שאבען און שניידען; שטעכעלקעס, ציינער און ביינער פון פערשידענע חיות און פיש אויף דורכצושטעכען אדער דורכצובויערען עטוואס.

דערביי האבען אין די טראפישע געגענדען אין די אור־אלטע צייטען א בעזונדער ראליע געשפיעלט די געצייג פון האלץ. אין יענע געגענדען

איז אין די אויבערשטע שיכטען פון דער ערד, וואס האבען זיך געבילדעט פון די רעשטען פון די פריהערדיגע פלאנצונגען: פון צופוילטע בלעטער, שטאמען פון בוימער א. ד. ג., אפט זעהר שווער צו געפינען שטיינער; און האלץ קאן מען אין יענע געגענדען בעקומען וויפיעל מען וויל. אויסער דעם וואקסען נאך דארטען אזוינע הארטע פלאנצונגען, ווי דער באמבוס, וועלכער איז זעהר רייך אין זאמד-שטאף און פון וועלכען מען קאן דער-פאר מאכען זעהר שארפע געצייג. דאס, וואס ביי אייניגע טראפישע פעל-קער בענוצט מען נאך איצט צוליעב ריטועלע צוועקען א באמבוס-מעסער, בעווייזט, אז זייערע אור-עלטערען האבען א מאל אזוינע מעסערס בע-נוצט אין אלטעגליכען לעבען, ווייל זיי האבען נישט געהאט קיין אנדערע, קיין בעסערע. אויפ'ן ארט פון די אמאליגע פאליעס-געביידעס, וועגען וועלכע מיר וועלען נאך שפעטער רעדען, האט מען געפונען אין א גרוי-סער צאהל פערשיעדענע הילצערנע געצייג: מעסערס, שווערדען א. ד. ג., וועלכע זענען נאך ביז איצט געבליבען גאנץ, א דאנק דעם, וואס זיי זע-נען בעגראבען געווארען אונטער'ן וואסער.

נאר בכלל האבען דעם הויפט-מאטעריאל פאר דעם געצייג געבילדעט שטיינער, און צווישען זיי האט דעם וויכטיגסטען ארט פערנומען דער פייערשטיין (קרעמען). טרעפען קאן מען דעם דאזיגען שטיין כמעט או-מעטום; ער איז זעהר הארט און אין דער זעלבער צייט שפאלט ער זיך לייכט אויף לאנגע דינע שפליטערס, ביי וועלכע דער קאנט איז אזוי שארף ווי גלאז, מעלות, וועלכע האבען דעם דאזיגען שטיין געמאכט ווי צוגע-פאסט פאר מענשליכע געצייג.

צווישען די איינפאכסטע געצייג דארף מען אונטערשיידען פאלגענדע:

1) דער פלאקען, א גראבער שטאק, וועלכען מען האט מייסטענס בענוצט אלס געוועהר.

אויף די אינזלען פונ'ם חרום-אקעאן בענוצען נאך איצט די איינ-וואהנער אלס געוועהר פלעקער, אויף וועלכע זיי שניידען געוועהנליך אויס די פערשיעדענסטע צייכנונגען. אלס געצייג בענוצט מען די פלעקער אויף די פאלינעזיאישע אינזלען: דארט קלאפען מיט זיי די פרויען אויס די קארע פון בוימער, כדי צו מאכען פון איהר שטאף אויף קליידער.

2) דער האמער. צוערשט איז דאס געווען א פשוט'ער שטיקעל שטיין, וואס מען האט געקענט אננעהמען אין האנד. די אפריקאנישע שמידען בענוצען נאך איצט אזא שטיינערנעם האמער, און אלס אמבאס (שמיד-אייזען, קאוואדלע) בענוצען זיי א צווייטען גלאטען שטיין. ווען

איין קאַנט פון שטיין איז געווען אַ שאַרפער, האָט זיך בעקומען די האַק, וועלכע מען האָט שוין בענוצט נישט נאָר אויף צו קלאַפען נאָר אויך צום האַקען. שפּעטער האָט מען דעם האַמער, אָדער די האַק, צוגעבונדען צו אַ שטעקען און עס האָט זיך בעקומען אַ בעקוועמערעס געצייג מיט אַ שטיל. די ווילדע בראַזיליאַנער קלייבען אויס אַ שטעקען מיט אַ דיקען קאָפּ און קלאַפען אין דעם דאָזיגען שטעקען אריין אַ שטיין. אייניגע אינדיאַנער שפּאַלטען אָן אַ בוים און שטעקען אין איהם אריין אַ סאַרפּאַטען שטיין. מיט דער צייט פערוואַקסט דער בוים צוריק און דער שטיין בלייבט דאָרטען פעסט זיצען. דאַן שניידען זיי אָב דעם בוים און בעקומען פון איהם אַ פאַרטיגע האַק. שפּעטער לערנט זיך אויס דער מענש נישט צופּאַסען דעם שטיל צום שטיין, נאָר פערקעהרט, דעם שטיין צום שטיל: ער לערנט זיך אויס דורכצובויערען דעם שטיין און מאַכען אין איהם אַ לאָך פאַר'ן שטיל. דער האַמער און די האַק האָבען געדיענט אַלס געוועהר און אַלס געצייג. די אַלטע גערמאַנער האָבען בענוצט אַלס געוועהר די האַק און די סקאַנדינאַווער — דעם האַמער. לויט די פּראָבען, וואָס מען האָט געמאַכט, קאָן מען מיט אַן אַמאָליגער שטיינערנער האַק אָבהאַקען בוימער פון מיטעלער גרויס. די פּאָלינעזיער פלעגען מיט זייערע שטיינערנע העק צושפּאַלטען קלעצער אויף ברעטער, פון וועלכע זיי פלעגען מאַכען שיפלעך ביז 80 פוס די לענג. שטיינערנע העק פלעגט מען אָפט געפינען אויף די פעלדער ביי'ם אַקערען און זיי האָבען זיך ביי פיעל פעלקער, אַפילו ביי די מעהר ענטוויקעלטע רוימער, גערעכענט פאַר די פיילען, וואָס דער גאָט פון דונער און בליץ שיסט אויף דער ערד בשעת אַ געוויטער. געפינען אַזאַ „פייל" האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרויס גליק: עס האָט פאַראויס געזאָגט מזל און איז געווען מסוגל צו היילען קראַנקען. דערצו פלעגט מען פון איהר אָנשאַבען שטויבעלעך און וואַסער און געבען טרינקען דעם חולה. דער רוימישער געלעהרטער פּליניאוס דער עלטערער האָט גערעכענט, אַז האָבענדיג אַזאַ „פייל" קאָן מען איינגעהמען גאַנצע שטעדט.

3) אויף צו טויטען אַ חיה איז גענוג אַ פלאַקען אָדער אַ פּשוט'ער שטיין. אויף אָבשניידען פון איהר דאָס פעל דאַרף מען אָבער האָבען אַ שאַרפערע געצייג. די נעגעל און די צייהנער פונ'ם מענשען זענען אויף דעם גאַנץ אָפט נישט גענוג. אַזוינע שאַרפע געצייג האָט דער מענש צוערשט אויך געפינען גרייטע. דאָס זענען: מושלען פון מושעלן, פיש־צייהנער, שטיקלעך ביינער, שאַרפע שטיינדלעך. איבערהויפּט שפּליטערס פון פייער־

שטיין. אויף דעם געדאַנק, אַז מען קאָן דעם פֿייערשטיין צושפּאַלטען אויף דינע שאַרפֿע שפּליטערס, האָט געקאָנט אַנשטויסען דעם מענשען די נאַטור אַליין: פֿון אַ שנעלער פֿעראַנדערונג אין דער אַרומיגער טעמפּעראַטור האָט זיך דער פֿייערשטיין אַליין געקאָנט צושפּאַלטען אויף דינע שפּליטערס. אַזאַ דינער שאַרפֿער שפּליטער איז געוועזען דאָס ערשטע קליינגעל פֿון אַ מעסער. מיט אַ מעסער האָט מען געקאָנט אָבשינדען אַ חיה, אָבשאָבען דאָס פֿעל; מיט זיין שאַרפֿען שפּיץ האָט מען געקאָנט דורכבויערען אַ האָלץ אָדער אַ ביין. די אַלטע מעקסיקאַנער האָבען מיט זייערע מעסערס פֿון אָבסידיאַן (וואָלקאַן-גלאָז) געגאָלט און געלאָזען אָדער, וואָס עס האָט נישט וועניג פֿערוואונדערט די שפּאַניער, וועלכע זענען דאָס ערשטע מאָל אהינגעקומען. מיט אַ שטיינערנעם מעסער האָט צפּורה מל געווען איהרע זיהן אין וועג (שמות ד׳ כ״ה).

4) ווען מען האָט אַזאַ מעסער אָנגעטהון אויפ׳ן שפּיץ פֿון אַ שטעקען, האָט זיך בעקומען אַ שפּיז. די אַלטע מעקסיקאַנער פֿלעגען בעפֿעסטיגען אין דער גאַנצער לענג פֿון דעם שטעקען שאַרפֿע שטיינדלעך, און עס האָט זיך ביי זיי בעקומען אַ שטיינערנעם שווערד. איינִיגע שטאַמען אויף די מיקראָנעזישע אינזולען האָבען אַנשטאָט שאַרפֿע שטיינדלעך אָנגעזעצט אין זייערע שווערדען ציינער פֿון אַ הייפֿיש (אַקולע) און עס האָט זיך ביי זיי בעקומען אַ ביינערנעם שווערד.

פֿריהער האָט דער מענש זיך בענוצט נאָר מיט גרייטע, אַזוי צו זאָגען, מיט רויהע שטיינער; שפּעטער אָבער האָט ער זיך אויסגעלערנט זיי אַרומצושלייפֿען און דערמיט זיי געמאַכט שענער, בעקוועמער און בעסער. די דאָזיגע אויסבעסערונג איז, ווי אַלע אַנדערע אין דער אוראַלטער צייט, פֿאָרגעקומען נישט פּלוצלונג און נישט בעוואוסטזיניג. דער מענש האָט לייכט געקאָנט בעמערקען, אַז גלאַטע געצייג איז פֿיעל בעקוועמער צו האַלטען אין האַנד און אַז זיי שניידען אויך בעסער. אין רייבענדיג איין שטיין אָן אַנדערען, צ. ב. ביי׳ם צוזאַמענרייבען קערנער אויף אַ שטיין, האָט דער מענש אויך געקאָנט בעמערקען, אַז די אייבערפֿלעכען פֿון די שטיינער ווערען גלאַטער. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער געקאָנט ביסלעכווייז קומען צום געדאַנק אַליין צו שלייפֿען די שטיינערנע געצייג, כדי זיי בעקוועמער און שאַרפֿער צו מאַכען. צו וואָס פֿאַר אַ פֿאָלקאָמענהייט אין שלייפֿען שטיינערנע געצייג די אַלטע פֿעלקער האָבען דערגרייכט, קאָנען אונז געבען אַ בעגריף די שטיינערנע העק, וואָס שלימאַן האָט געפֿינען בשעת די אויסגראָבונגען ביי טראָיאַ.

6). האַרטע שטעכעלקעס, שאַרפֿע פֿערשפּיצטע ביינער און שטיקלעך פֿייערשטיין האָבן געדינט דעם מענשען אַלס בויערס. אַ שטיקל געצייהנדעלטער שטיין איז געווען די אוראַלטע זעג, וועלכע מען האָט שפּעטער שוין קינסטליך געמאַכט פֿון פֿייער־שטיין.

דאָס זענען די שטענדיגע געצייג, וואָס דער מענש האָט אַ מאָל בענוצט. און כאָטש זיי זענען נאָך געווען אַזוי גראָב, האָבן די אַמאָליגע האַנדווערקער—סטאָליער, שטיינהאַקער א. ד. ג. — מיט זיי געמאַכט אַזוינע גלאַטע אַרבייט, וועלכע האָבן זיך גאַנץ אָפֿט נישט וואָס צו שעמען פֿאַר די אויסאַרבייטונגען פֿון די איצטיגע האַנדווערקער, וועלכע בעזיצען אַזוינע פֿערהעלטנישמעסיג פֿאָלקאָמענע געצייג. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז זיי פֿלעגען דערגרייכען אַזוינע גלענצענדע רעזולטאַטען נאָר אַ דאַנק דעם גרויסען סכום פֿון אומזיסטע קרעפֿטען, וואָס זיי פֿלעגען אַריינלעגען אין פֿערגלייך מיט דער איצטיגער אַרבייט.

די צייט, ווען אַלע, אָדער ווייניגסטענס דער גרעסטער טייל פֿון אַלע מענשליכע געצייג זענען געווען פֿון שטיין, הייסט שטיין־פּעריאָד. דער דאָזיגער פּעריאָד איז דער לענגסטער אין דער קולטור־געשיכטע. און נאָר אין די לעצטע עטליכע טויזענד יאָהר הויבען אָן די שטיינערנע געצייג ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסען צו ווערען דורך אַנדערע, פֿיל בעסערע און בעקוועמערע געצייג פֿון מעטאַל.

די ערשטע מעטאַלענע געצייג זענען אין צפֿון־אַמעריקאַ געווען פֿון קופּער, אין אַפֿריקאַ פֿון אייזען. ביי דער „אויבערשטער אָזערע" אין צפֿון אַמעריקאַ געפֿינט זיך קופּער אין ריינעם צושטאַנד, אַזוי אַז מען קאָן איהם אָהן דער הילף פֿון פֿייער, נאָר אויסקלאַפּענדיג צווישען צוויי שטיינער, צוגעבען די געווינשטע פֿאָרם. די געגענשטענדע, וועלכע בעקומען זיך אויף אַזאַ אופֿן פֿון דעם דאָזיגען שענעם רויטען מעטאַל, האָט מען צוערשט געוויס בענוצט נאָר אַלס צירונג און ערשט שפּעטער האָט מען זיי אָנגעהויבען צו בענוצען אויך אַלס געצייג. נאָר די געצייג פֿון ריינעם קופּער האָבען נישט געקאָנט אַרויסשטויסען די שטיינערנע, ווייל זיי זענען געווען נישט גענוג האַרט און נישט גענוג שאַרף.

אין אַפֿריקאַ איז ריין קופּער כמעט נישט בנמצא, און ריין אייזען געפֿינט זיך בכלל נישט אין דער נאַטור, אויסער די מעטעאָריטען (שטיינער וואָס פֿאַלען פֿון הימעל), וועלכע בעגעגענען זיך זעהר זעלטען. דערפֿאַר אָבער קאָן מען אין אַפֿריקאַ כמעט אומעטום טרעפֿען אייזען־רודעס. ווען דער אַפֿריקאַנער נעגער האָט אויף אַזוינע רודעס אַ לענגערע צייט גע־

האַלטען זיין פֿייער, האָט זיך פֿון דער רודע געקאָנט אויסשמעלצען שטיק-
לעך פֿון מעהר אָדער וועניגער ריינעם אייזען, וועלכע מען האָט געקאָנט
בענוצען אַלס ציערונג אָדער אַלס געצייג. דאָס האָט געקאָנט אַנשטויסען
דעם אַפֿריקאַנער אויפֿ'ן געדאַנק אַליין אויסצושמעלצען אייזען פֿון די רו-
דעם מיט דער הילף פֿון פֿייער. אַלס האַמער און אַמבאָס (קאָוואַדלע) האָ-
בען ביי'ם אַפֿריקאַנער געדיענט פּשוט'ע שטיינער. דערפֿאַר אָבער האָט ער
שוין גאַנץ פֿריה צוגעטראַכט דעם בלאָז-זאַק אויף צו פֿערשטאַרקען דאָס
פֿייער. ער פֿלעגט נעהמען פֿייער אוועקשטעלען אַ טאָפּ, אין וועלכען ער
פֿלעגט דורכבויערען אַ לאָך; דעם טאָפּ פֿלעגט ער צודעקען און אַרומבינ-
דען מיט אַ שטיקעל פֿעל, אין וועלכען ער פֿלעגט אַריינשטעקען אַ הענד-
טעל. ווען מען דריקט אָן מיט דער הענדטעל אויף דער פֿעל, געהט פֿון טאָפּ
אַרויס אַ שטראָם לופֿט אויפֿ'ן פֿייער און בלאָזט איהם פֿונאַנדער. שפּעטער
האָט ער אַלס הענדטעל גענומען אַ פּוסטען רעהריגען ביין און דאַן האָט
דורך איהם געקאָנט אַריינגעהן אין טאָפּ נייע לופֿט; די רעהר האָט מען
אויך געקאָנט פֿערשטאָפּען מיט'ן פֿינגער און עס האָט זיך בעקומען זעהר
אַ גוטע לופֿט-רעהר. ביי אַזאַ אַרט אויסשמעלצען אייזען זענען די רעזול-
טאַטען געוועהנליך געווען נישט גרויס. און צווישען די נעגער אין אַפֿריקאַ
האָט זיך דאָס אייזען דערפֿאַר געשאַצט זעהר הויך און מען פֿלעגט פֿון
איהם מאַכען נאָר די נויטיגסטע געציינ, ווי דעם גראַב-אייזען און אייני-
ניגע אַנדערע אַקערבוי-געציינ. צוזאַמען מיט די דאָזיגע אייזערנע געציינ
האָבען נאָך ווייטער עקזיסטירט פֿערשיעדענע געציינ פֿון שטיין.

די חינעזער אין מזרח-אַזיען האָבען שוין אַ 2000 יאָהר פֿאַר קריס-
טוס'ען געבורט געוואוסט פֿון אַלע מעטאַלען. נאָר זיי האָבען גאָלד, זיל-
בער און קופּער בענוצט נאָר אַלס ציערונג, און געוועהר האָבען זיי גע-
האַט שטיינערנע. מיט אַזוינע געוועהר האָבען זיי איינגענומען די טיבע-
טער, פֿון וועלכע זיי האָבען שפּעטער בעקומען אייזערנע געוועהר אַלס
צינס. אַ יאָהר 1000 פֿאַר קריסטוס'ען געבורט זענען די חינעזער דער-
גאַנגען, אַז ביי'ם צונויפֿשמעלצען קופּער מיט צין בעקומט זיך אַ נייער
מעטאַל, וועלכער קאָן מיט גרויס ערפֿאָלג אויסגענוצט ווערען פֿאַר געציינ,
ווייל ער איז זעהר האַרט. זשאַווערט נישט אויף דער לופֿט און שמעלצט
זיך ביי אַ פֿערהעלטניסמעסיג נישט הויכער טעמפּעראַטור, אַ דאַנק וואָס
מען קאָן פֿון איהם לייכט אויסגיסען אין ערדענע פֿאָרמען פֿערשיעדענע
געגענשטענדען. דער דאָזיגער נייער מעטאַל הייסט ב ר אָ נ ז ע. בראָנזענע

געצייג הויבען דערפאר אן פון דאמאלס צו פערנעהמען א ווינציגען ארט אין חינא.

דער הויפט־צענטר פון מעטאל־גיסעריי אין אייראפא און אזיען (אויסער חינא) זענען געווען די אוראל־בערג, וועלכע זענען אזוי רייך אין מעטאלען. פון דארטען האט א טוראנישער שבט פערטראגען די קונסט פון מעטאל־גיסעריי אין בבל; פון בבל האט זי זיך פערשפרייט ווייטער איבער אשור, סיריען, פאלעסטינא און מצרים און דערנאך איז זי איבערגעגאנגען אין אייראפא צו די גריכען און רוימער. אין די אלטע קברים פון די כשדים (אין בבל) געפינט מען, אויסער שטיינערנע געצייג, אויך פערשיעדענע געגענשטענדען פון גאלד, בראנזע און אייזען. איבערהויפט אבער פון בראנזע. אייזען איז נאך דאן, קענטיג, געוועזען זעהר טייער און מען האט עס בענוצט נאר אלס צירונג, אבער נישט אלס געצייג.

דאס צין, וואס איז געווען נויטיג אויף צוזאמענשטעלען בראנזע, פלעגט מען צוערשט בעקומען אויף קאווקאז, פון וואנען עס פלעגען איהם ברענגען די פיניקיער און דערנאך די גריכען, און שפעטער האט מען זיך אנגעהויבען צו בענוצען מיט די רייכע צין־גרובען אין בריטאניען.

א מאל אין מצרים און אין אייניגע אנדערע מזרח־לענדער און אין אייראפא כמעט אין פערלויף פון דעם גאנצען מיטעלאלטער האט די בראנזע געשפיעלט די ראליע פון דעם הויפט־מעטאל, פון וועלכען מען האט געמאכט געוועהר און געצייג. און ערשט אין די לעצטע יאהרהונדערטער פון מיטעלאלטער האט דאס אייזען גענומען ארויסשטויסען די בראנזע.

די געלעהרטע האבען לויט אנ׳אנאלאגיע מיט אייראפא פריהער גערעכענט, אז די שטיינערנע געצייג זענען אומעטום ארויסגעשטויסען געווארען דורך בראנזענע און רשט שפעטער האבען די אייזערנע געצייג פערנומען דעם ארט פון די בראנזענע. זיי האבען דערפאר לויט דעם געצייג־מאטעריאל איינגעטיילט די צייט נאכ׳ן שטיין־פעריאד אויף א בראנזע־פעריאד און נאך איהם אויף אנ׳אייזען־פעריאד. איצט אבער איז שוין בעוואוסט, אז עס זענען פאראן ערטער, וואו מען האט פון בראנזע גארנישט געוואוסט, ווי צ. ב. אין אפריקא (אויסער מצרים), און ערטער, וואו צוזאמען מיט די בראנזענע געוועהר און געצייג האט מען איינצייטיג בענוצט אין א בעדייטענדען אומפאנג אויך אייזערנע, ווי צ. ב. אין פאלעסטינא און אשור.

די געצייג און געוועהר פון בראנזע זענען צוערשט זעהר ענליך געווען צו די געצייג און געוועהר פון שטיין, מעהר נישט זייער אויסארביי־

טונג איז געווען א פיעל גלאטערע. אויף אלטע געמעלדער קאן מען זעהן: שטופענוויזיגע ענטוויקלונג פון איניגע שטיינערנע און בראנזענע געציינג. נאר אויסער דעם האט מען נאך פון בראנזע געמאכט פערשידענע שוץ־געוועהר. דער ווילדער מענש זעהט זיך שוין צו פערשטעלען פון דעם שונא'ס אנפאלען. דערצו בענוצט ער פריהער פאר אלץ א שטיק פעל, מיט וועלכען ער פערשטעלט די מעהר געפעהרליכע שטעלען: דעם קאפ, די ברוסט און ד. ג., ווי עס טהוען נאך איצט די איינוואוינער פון קאנגא, ווען זיי געהען אויף מלחמה. אמאל בענוצט מען צו דעם צוועק די פע־טערע פעל פון א קראקאדיל און אנדערע געפאנצערטע חיות, ווי מען פלעגט דאס טהון אין מצרים. אויף די מעלאנעזיאישע אינזלען בענוצט מען פאנצערען פון בוים־קארע, אין סודאן—פון וואטע, און אין גריכענלאנד, רוים און אין אייראפא אין מיטעלאלטער האט מען די אלע שוץ־געוועהר: העלמען פאר'ן קאפ און פאנצערען פאר'ן ברוסט אדער פאר'ן גאנצען קערפער געמאכט פון בראנזע.

די לעצטע עטליכע הונדערט יאהר האבען די אייזערנע געציינג און געוועהר ארויסגעשטויסען כמעט אלע איבעריגע, איבערהויפט זינט מען האט ערפונדען א מיטעל צו מאכען שטאל. דעם איצטיגען פעריאד קאן מען דערפאר מיט רעכט אנרופען אייזען־פעריאד. וועגען דעם, אויף וויפיעל די פערשידענע געציינג פון אייזען, וועלכע ענטוויקלען זיך אלץ מעהר און ווערען צוזאמען פעראייניגט, קאמבינירט און פערוואנדעלט אין די פערשידענסטע מאשינען, ווירקען אויף די גאנצע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, וועט אונז נאך אויסקומען צו רעדען.

אויסער די געציינג און געוועהר, וואס דער מענש פלעגט זיך בענוצען פאר נאהענטער ארבייט און פערטיידיגונג, זענען נאך געווען אזוינע, וועלכע ער פלעגט ווארפען פון דערווייטענס. דאס איז ערשטענס א פשוט'ער ווארף־פלאקען. דער זולוס (אין מזרח־אפריקא) ווארפט נאך איצט זיין פלאקען מיט'ן פערקיילעכטען קאפ אין א אינד און זעלטען ווען ער פערפעהלט. מיט עטליכע צעהנדליג יאהר צוריק פלעגען נאך די טערקען בענוצען ווארף־פלעקער אין מלחמה. די אויסטראליער האבען אויסער ווארף־פלעקער און ווארף־העק נאך א בעזונדער מין ווארף־געציינג, א אויסגעבויגענעם פלאקען אדער בומעראנג, וועלכער ביים־אום גשעת'ן פליהען זיין ריכטונג און קעהרט זיך אום צוריק צום ווארפער.

וויטער געהט דער שפיז—א פערשפיצטער שטעקען, אויף וועלכען מען פלעגט געוועהנליך אנטהון א געקארבטען שטיינדעל, כדי ער זאל זיך

ניִשט אַרויסרוקען פֿון דער וואַנד. כּדי צו וואַרפֿען דעם שפּיז אויף אַ ווייטערע שטרעקע, האָט געדינט אַ בּעזונדער שפּיז־שליידער. בּיי די נײַ־קאַלעדאָניער, ווען קוק האָט בּעזוכט זייער אינזעל, איז דער שפּיז־שליידער בּעשטאַנען פֿון אַ שטריק מיט אַ שלייפֿעל אויף צו האַלטען בּעסער אין האַנד. בּיי די רוימישע סאָלדאַטען איז דער שפּיז־שליידער בּעשטאַנען פֿון אַ רימען און בּיי די אויסטראַליער איז דער שפּיז־שליידער פֿון האָלץ.

אויף צו פֿאַנגען חיות, בּענוצען פֿיעל שטאַמען לאַנגע שטריק מיט שלייפֿען. בּיי די פּאַטאַגאָנער הייסט אַזאַ געצייג באָלאַס און בּעשטעהט פֿון שווערע קוילען, צו וועלכע עס איז צוגעבּונדען אַ לאַנגע שטריק. די שטריק דרעהט זיך אַרום די פֿיס אָדער דעם האַלז פֿון דער חיה און נעהמט זי געפֿאַנגען. די עגיפּטער און סאַרמאַטען פֿלעגען אַ מאָל אויף אַזאַ אופֿן אַרויפֿוואַרפֿען אַ שלייף אויפ'ן האַלז פֿונ'ם שונא און נעהמען איהם אין פֿלען. אַזאַ פֿאַנג־שטריק, אָדער לאַסאָ, בּענוצען נאָך איצט אויך די אַראַוקאַנער און טשיליער אין דרום־אַמעריקאַ אויף צו פֿאַנגען חיות.

נאָך פֿון אַלע וואַרף־געצייג איז דאָס ווייכטיגסטע דער בּויגען. ער איז אונז בּעקאַנט לויט די ל״ג בּעומר בּיקסעלעך, וואָס די קינדער מאַכען פֿון אַ האַלבּער רייף. דעם בּויגען פֿלעגט מען געוועהנליך מאַכען פֿון אַ בּויגזאַמען שטיקעל האָלץ, אויף וועלכען מען פֿלעגט אָנציהען אַ שפּאַן־שנור. אַלס פֿיילען האָבּען געדינט פֿערשפּיצטע שטיקלעך האָלץ, אין וועלכע מען פֿלעגט אַריינשטעקען אַ שאַרפֿען שטיינדעל, אַ צאָהן פֿון אַ פֿיש, אַ שטיקעל מעטאַל א. ד. ג. שוין זעהר פֿריה האָט זיך דער מענש דערטראַכט אָנצוטהון אויפ'ן פֿייל אַ פֿעדער, כּדי ריכטיגער און זיכערער מאַכען זיין פֿליה.

דער בּויגען איז דאָס ערשטע געצייג, וועלכעס שטעלט ניִשט פֿאָר קיין פֿערלענגערונג אָדער קיין נאָכאַמונג פֿון אַ געוויסען מענשליכען גליעד; דאָס איז אַ געצייג, וואָס דער מענש האָט ערפֿונדען, בּיי וועלכען דער מענש האָט זיך בּענוצט מיט אַ געוויסען אויסערן כּח פֿון דער נאַטור — מיט דער עלאַסטיציטעט פֿון די קערפּער. אָנשטויסען דעם מענשען אויף צו בּענוצען זיך מיט דעם דאָזיגען כּח האָבּען געקאָנט די צווייגען פֿון די בּוימער, וועלכע זיינען געוועהנליך זעהר עלאַסטיש. אפשר איז דער פֿאָטער פֿונ'ם בּויגען אַ צונויפֿגעבּויגטער צווייג מיט אַ שטיין — אויפ'ן וועג, וואו עס דאַרף דורכגעהען אַ חיה. ווען די חיה ריהרט זיך אָן אָן דעם צווייג, בּויגט ער זיך פֿונאַנדער און שליידערט דעם שטיין גלייך אין די חיה אַריין. אַלס אַ יאַגד־געוועהר פֿערנעהמט נאָך איצט דער בּויגען זעהר אַ

וויכטיגען ארט ביי פיעל ווילדע און באַרבאַרישע פעלקער. אלס מלחמה־געוועהר האט מען נאך דעם בויגען בענוצט אין איראָפּא די גאַנצע צייט פון מיטעלאלטער. די ענגלישע קעניגין עליזאבעט (1558 — 1603) האט נאך געהאט א שטענדיגען פאלק פון בויגענשיסער. נאך אין 1814־טען יאהר האט פּאריז געזעהען א שען בילד, ווי צוזאמען מיט דער גאַנצער רוסישער ארמעע, איז אבער איהרע גאסען דורכגעריטען א קאַוואלעריע־פאלק פון קאלמיקען, בעוואַפענט מיט פייל און בויגען.

א ווארף־געוועהר פון גאר אנ'אנדער מין איז דער בלאז־רעהר, פון וועלכען די אינדיאנער פון בראזיליען פלעגען נאך גארנישט לאנג ארויסבלאזען זייערע גיפטיגע פיילען. אזוינע בלאז־רעהרען זענען אויך געווען ביי די מאלאיער און אין פיעל אנדערע ערטער, וואו עס האט געוואקסען דיקער שטארקער טשעראט. ווען מען האט ערפונדען דאס פולווער, האט מען גענומען בענוצען אלס שטויסקראפט אויף ארויסצושליידערען דעם פייל פונ'ם רעהר די גאזען, וואס בעקומען זיך ביי'ם אויפרייסען דעם פולווער. ס'פערשטעהט זיך, אז דעם רעהר האט מען דערביי שוין געמאכט פון מעטאל; און עס האט זיך בעקומען די ביקס. אנשטאט די אמאליגע שפיציגע פיילען האט מען פאר דער ביקס גענומען בענוצען פערשיעדענפארמיגע שראט און קוילען פון בליי אדער פון אנ'אנדער מעטאל.

אויף אויפצורייסען דעם פולווער פלעגט מען אין מיטעלאלטער צו דער אנלאדונג צולעגען א קויהל אדער א ברענענדען קנויטעל. שפעטער האט מען צוגעמאכט א פייערשטיין, פון וועלכען עס פלעגט ביי'ם אראבלאזען דעם שלאס ארויספליהען א פונק און אויפרייסען דעם פולווער. און איצט בענוצט מען זיך מיט פלאם־זילבער, וועלכעס מען לעגט אריין אין פיסטאן: פונ'ם קלאפ פון שלאס צינדט זיך דאס פלאם־זילבער אן און רייסט אויף דעם פולווער.

אויף צו ברעכען מויערען בשעת א מלחמה האבען נאך די רוימער זיך בענוצט מיט גאנץ ווירקזאמע געצייג — מיט זייערע ט א ר א נ ע ן (ברעך־מאשינען). דאס איז געווען א שארפער גראבער קלאץ מיט א קופערנעם שפיץ; מען פלעגט איהם שטארק פונאנדערשאקלען און קלאפען מיט איהם אין מויער. אויף ווארפען שטיינער אין די בעלאגערטע שטעדט האבען די רוימער בענוצט א בעזונדער געצייג — ק א ט א פ ו ל ט ע ן. ווען מען האט ערפונדען דאס פולווער, האט מען זיך מיט זיין קראפט גענומען בענוצען אויף צו ווארפען שטיינער אויפ'ן פיינד, און עס האט זיך בעקומען די הארמאט. שפעטער האט מען די שטיינערנע באמבעס פון

דער הארמאט פערבינטען אויף מעטאלענע אײנפאכע אדער פלאצענדיגע.

מיר האבען זיך דא גענויער אבגעשטעלט אויף דער ענטוויקלונג פון די געצייג, וואס דער מענש האט בענוצט אלס געוועהר צו פערטיידיגען די געגען די אנפאלען פון חיות און אין דער זעלבער צייט אויך אויף צו אנגריף און שפעטער אויך אויף מלחמה געגען אנדערע מענשען, וועלכע ער האט צוליעב דער אדער יענער אורזאכע גערעכענט פאר זיינע פיינד. וועגען די געצייג, וואס דער מענש האט בענוצט אויף אנדערע געביטען פון ארבייט, ווי אויף דעם געביעט פון ערד־ארבייט, פון צוגרייטען שפייז א. ד. ג. וועלען מיר נאך רעדען, בעטראכטענדיג די ענטוויקלונג פון די דאזיגע געביטען.

צווייטעס קאפיטעל.

די פערשפרייטונג פון דעם מענשען און זיין ערשטע שפייז.

צו האט זיך דער מענש פון איין ארט, פון איין צענטער פערשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, צי פון עטליכע צענטרען, איין זאך איז יעדענפאלס זיכער, אז די ערשטע מענשען האבען געלעבט אין די הייסע געגענדען, ווייל נאר אין די הייסע טראפישע געגענדען, וואו די נאטור איז זעהר רייך, האט זיך דער אורמענש, וועלכער האט נאך קיין ערפאהרונג ניט געהאט און איז ערשט פונ'ם חיות־צושטאנד ארויס, געקאנט געפינען שפייז זיך צו ערנעהרען. אין די טראפישע וועלדער האט דער אורמענש לייכט געקאנט געפינען פערשידענע עסבארע פרוכטען אויף די בוימער און עסבארע ווארצלען כמעט אויף דער אויבערפלעכע פון דער ערד; דארטען האט ער אויך געקאנט אויסקומען אהן קליידונג, פון וועלכע ער האט נאך קיין בעגריף ניט געהאט, און גאנץ בעקוועם אומגעהן אין וואס די מאמע האט איהם געהאט. אין קעלטערע געגענדען אבער, וואו די נאטור גיעט גרייטעס זעהר ווייניג און וואו מען דארף דערפאר אנווענדען געוויסע ארבייט צו ערנעהרען זיך און אויסער דעם צו פערטיידיגען זיך געגען נאסקייט און קעלט, אין אזוינע קעלטערע געגענדען וואלט דער אורמענש, וועלכער איז געשטאנען אויף דער נידריגסטער שטופע פון ענטוויקלונג, ניט געקאנט עקזיסטירען און וואלט אונטערגעגאנגען. ערשט שפעטער, ווען ער האט אין די הייסע געגענדען אין משך פון פיעל, פיעל דורות שוין א ביסעל זיך ענטוויקעלט און אנגעקליבען א געוויסע ער־

פאהרונג און ערווארבען זיך פערשיעדענע נוצליכע ידיעות און געצייג, ערשט שפעטער האט ער געקאנט אנהויבען זיך אריבערקלייבען אין די וועניגער הייסע געגענדען און פון דארט ווייטער אין די קעלטערע. און מען מוז נאך דערביי געדענקען, אז די דאזיגע איבערוואנדערונג איז געגאנגען אונגעהויער לאנגזאם.

וואס האט דעם מענשען געטריבען צו פערלאזען זיין אור־היימאט, די רייכע הייסע געגענדען, און איבערגעהן אין קעלטערע און ארעמערע? מען דארף רעכענען, אז די הויפט־סבה דערפון איז געוועזען די פערמעהרונג פון די מענשען. אין די טראפישע רייכע געגענדען האט זיך דער מענש שטארק פערמעהרט. אזוי אז מיט דער צייט איז פאר איהם זיין וואהן־ארט געווארען ענג. מען דארף נישט פערגעסען, אז די דאמאלס־דיגע ארט לעבען האט נישט דערלאזען קיין געדיכטע בעפעלקערונג. אויף זאמלען פרוכט אדער ווארצלען, אויף טרייבען יאגד דארף אפילו א קליינע גרופע מענשען האבען א גרויסען שטח באדען. און ווען עס איז ענג געווארען אין דער אלטער היימאט, האבען זיך די מענשען אנגעהויבען צו פערשפרייטען איבער אלץ א גרעסערען שטח אין דער לענג און אין דער ברייט. אין לעצטען פאל האבען זיי געמוזט איבערגעהן אין וועניגער ווארעמע געגענדען. און ווייל דער איבערגאנג איז געוועזען זעהר א לאנגזאמער און ווייל דער מענש האט שוין געהאט אין די פריהערדיגע דורות אנגעזאמעלט ערפאהרונג, האט ער זיך געקאנט צופאסען צו די נייע בעדינגונגען. דא, אין די וועניגער ווארעמע און וועניגער רייכע געגענדען, האט דער מענש געמוזט מעהר אנשטרענגען זיינע כחות און פעהיגקייטען, כדי אונטערצוהאלטען זיין עקזיסטענץ; ער האט זיך דערפאר דא פיעל מעהר ענטוויקעלט, איידער אין זיין הייסער אורהיימאט. און נאר אין די גאר קאלטע לענדער, וואו די נאטור איז זעהר איינארטיג און ארעם, און וואו דער קאמפף פאר דער עקזיסטענץ איז אונגעהויער שווער, האט דער מענש נישט געקאנט שאפען קיין פערשיעדענארטיגע ענטוויקעלטע קולטור און איז געבליבען שטעהן אויף א פערהעלטניסמעסיג נידעריגער שטופע. די איינוואהנער אבער פון די דאזיגע קאלטע געגענדען, צ. ב. די עסקימאכען, האבען זיך צו די בעדינגונגען פון זייער נייער היימאט זעהר גוט צוגעפאסט.

אויפ'ן וועג פון די הייסע געגענדען אין די קעלטערע האבען זיך צווישען די מענשען, א דאנק דער ווירקונג פון דעם קלימאט און אנדערע געאגראפישע פאקטארען, ווי אויך פון די ערנעהרונגס־מיטלען און בכלל א

דאנק דער ווירקונג פון פערשידענארטיגע לעבענס-בעדינגונגען—אויסגעבילדעט פערשידענע ראסען. יעדע ראסע שיידעט זיך אב פון די אנדערע מיט איהר הויט-פארב, מיט'ן פארם פון שארבען, פון פנים, פון די האהר א. ד. ג. שפעטער האט זיך יעדע ראסע ווידער איינגעטיילט אויף א גרעסערע אדער קלענערע צאהל פערשידענע פעלקער, וועלכע שיידען זיך אונטער צווישען זיך לויט זייער שפראך, מנהגים, זיטען, לעבענס-ארט א. ד. ג. און אפט אויך לויט זייער אויסזעהען, לויט דער פארב פון די האהר, פון די אויגען א. ד. ג.

אזוי האט זיך די מענשהייט צוטיילט אויף פינף הויפט-ראסען: 1) די ווייסע אדער קאווקאזישע; 2) די געלע אדער מאנגאלישע; 3) די שווארצע אדער נעגרישע; 4) די רויטע אדער אינדיאנער און 5) די מאלאאישע.

די קאווקאזער ראסע האט זיך מיט דער צייט צוטיילט אויף צוויי הויפט-שטאמען: 1) אויף דעם סעמיטישען און 2) אויף דעם אינדא-אייראפעאישען. צום ערשטען געהערען די אידען און די אראבער, און אין דער פערגאנגענהייט האבען צו איהם געהערט נאך די פיניקער, אסירער, בבלים און פיעל אנדערע קלענערע פעלקער, ווי מואב, עמון, אדום און, ווי אייניגע מיינען, אויך די כנענים. צום אינדא-אייראפעאישען שטאם געהערען פון איין זייט די אינדוסען (אין אינדיען) און די פערסען, און פון דער אנדערער זייט די אייראפעאישע פעלקער: די ראמאנישע — ווי די איטאליענער, פראנצויזען, שפאניער און אנדערע; די גערמאנישע — ווי די דייטשען, האלענדער, שוועדען און אנדערע; און די סלאווישע — ווי די רוסען, טשעכען, פוילען און אנדערע.

די געלע ראסע איז די פערשפרייטעסטע. צו איהר געהערען די חינעזער און די יאפאנער, ווי אויך די פיעל קלענערע פעלקער און שטאמען אין סיביר און צענטראל אזיען. אין אייראפא געהערען צו דער מאנגאלישער ראסע די פינען, מאדיארען (אין אונגארן) און טערקען. אין דער פערגאנגענהייט האבען צו דער ראסע געהערט אויך די סומערא-אקאדיאנער; דאס איז די אלטע בעפעלקערונג פון בבל, וועלכע האט אויפגעבויט די בעוואוסטע בבל-קולטור.

די שווארצע ראסע איז פערשפרייט איבער גאנץ אפריקא, אויסער די סאמע צפון'דיגע און די סאמע דרום'דיגע טיילען איהרע, און אויך אין אויסטראליען און אויף פיעל אויסטראלישע אינזלען. די רויטע ראסע איז פערשפרייט אין די ביידע אמעריקא'ס. און די מאלאאישע — אויף דער

אינדא־חינעזישער האלב־אינזעל און אויף פיעל אינזלען פון דעם שטילען אקעאן. די אמאליגע מצריים האבען געהערט, ווי אייניגע מיינען, צו א בעזונדער רויט־ברוינער אדער בראנזעווער ראסע.

ווי א מאל איז פארגעקומען א בעוועגונג פון די מענשען פון די טראפישע לענדער אין די קעלטערע, אזוי קומט פאר די לעצטע צייט א אומגעקעהרטע בעוועגונג פון די וועניגער ווארעמע לענדער אין די הייסערע. און דאס מאל רוקט זיך אהין איבער די ווייסע ראסע. איהרע פארשטעהער האבען זיך שטארק פערמעהרט אין די לענדער פון דעם מיטעלמעעריגען גארטעל און איצט הויבען זיי זיך אן צו פערשפרייטען איבער דער גאנצער ערד. ערפאהרענע און געוואפענטע מיט פערשיעדענארטיגע ידיעות און א רייכער טעכניק, זענען ווי אומעדום מנצח די איינגעבארענע פון די הייסערע געגענדען און שטופען זיי פון דארטען ארויס. די דארטיגע איינגעבארענע קומט אויס אונטער דעם דאזיגען דראנג פון די ווייסע בים־לעכווייז אונטערצוגעהן. און נאר דאס, וואס די ווייסע, די געוועזענע אייראפעער, קאנען זיך זעהר שווער אקלימאטיזירען אין די הייסע געגענדען, שטעלט א געוויסע גרעניץ זייער פערשפרייטונג.

מיט וואס האט זיך דער אורמענש אין זיין הייסער אור־היימאט גענעהרט? אייניגע מיינען, אז איינע פון די הויפט־שפייזען פון דעם אור־מענשען איז געוועזען מילך פון פערשיעדענע לעבעדיגע ברואים. עס זענען פאראן לעגענדען, וועלכע באהויפטען אויך דאס זעלבע. אזוי דערצעהלט די רוימישע לעגענדע, ווי א וועלפין האט מיט איהר מילך ערנעהרט די קינפטיגע אויפבויער פון דער שטאדט רוים — ראמולוס און רעמוס. אויפ'ן ערשטען בליק לעגט זיך די דאזיגע מיינונג לייכט אויפ'ן שכל: די מענשהייט בכלל האט זיך אין איהר קינדהייט מסתמא ערנעהרט מיט דאס זעלבע, וואס יעדער מענש אלס קינד בפרט. די דאזיגע מיינונג איז אבער נישט ריכטיג. ערשטענס איז ביי ווילדע, נאך נישט פערהיימישטע חיות געוועזען שווער און אפשר כמעט אונמעגליך צו בעקומען זייער מילך. צווייטענס געפינען זיך נאך פיעל מענשליכע שבטים אין אמעריקא און אויסטראליען, וועלכע, ביז די אייראפעער זענען צו זיי געקומען, האבען גארנישט געוואוסט פון מילך געברויך, און נאכדעם שוין האבען זיי, אויך זעהר נישט גערן, נאכגעטהון די אייראפעער. די ענגלענדער האבען אויף פיעל אינזלען פון דעם שטילען אקעאן אויסגעלערנט די ארטיגע בעפעלקערונג צו האדעווען פיה. כדי אויסצובעסערן זייער קלאגעדיגע לאגע, האבען זיך די פערשיעדענע בהמות דארטען פערמעהרט און אנגעהויבען

ווילדע ארומצוואנדערען איבער די בערג, ווייל די בעפעלקערונג האט זיך וועגען זיי גארנישט געקימערט. און נאך פון צייט צו צייט פלעגען די אנפיהרער פון די דארטיגע שבטים היינטיגע שיסען עטליכע פון די ווילד-געווארענע בהמות, כדי איינזאלצען זייער פלייש און דערנאך פער-קויפען עס אויף די אייראפעאישע שיפען.

די אינדיאנער אין אמעריקא האבען קיינמאל קיין פערהיימישטע חיות, אויסער דעם הונד און דעם חזיר, נישט געהאט, און ביי די מצריים זענען די ערשטע פערהיימישטע חיות אויך געווען נישט קיין מילכגעבענ-דע, נאר דער הונד און די קאץ. און אפילו די, וואס האבען שוין לאנג פערהיימישט חיות, בענוצען זיך אויך אדער אין גאנצען נישט, אדער זעהר ווייניג מיט זייער מילך. אזוי האט דער בעוואוסטער פארשער פון אפריקא — ליווינגסטאן געזעהען ביי'ם אנפיהרער פון דעם שטאם מואזי ביי דער אזערע ניאסא גאנצע טשערעדעס בופלאקסען, וועלכע מען האט פון צייט צו צייט בענוצט אויף פלייש, וועלכע עס איז אבער קיינעם אפילו נישט איינגעפאלען צו מעלקען. די זולוסען, וועלכע האבען גרויסע טשע-רעדעס פיה, מעלקען זייערע קיה מיט'ן מויל: זיי זויגען אן א גאנצען מויל מיט מילך און גיסען דאס דערנאך אויס אין א כלי. ס'פערשטעהט זיך, אז אזא מילך ווערט באלד זויער. די קאפערס טרינקען אזא מילך גארנישט, און פון די איינגעזייערטע מילך ווארפען זיי ארויס די געדיכטע זויער-מילך און טרינקען נאר די סירוועטקע. ביי'ם שבט אמאקלאזא אין מערב-אפ-ריקא איז פערבאטען יעדען, וואס איז ארויס פון קינדהייטס-עלטער, צו טרינקען זיסע מילך, און אין פיעל געגענדען אין מזרח-אפריקא איז צווי-שען די דארטיגע שבטים נאך איצט פערשפרייט דער גלויבען, אז דאס ברויכען פון איהר מילך ווירקט שלעכט אויף דער בהמה. דאס בעווייזט, אז קיין וויכטיגער נאהרונגס-מיטעל איז מילך דארט קיינמאל נישט געווען.

אין אינדיען האט מילך יא געשפיעלט א געוויסע ראליע אלס שפייז, איבערהויפט ביי די בראמינער, אבער דאס אויך אין דער לעצטער צייט נאר. די נאמאדען, וועלכע האבען איינגענומען אמאל אינדיען, האבען אי-בערהויפט געהאדעוועט פערד און די מילך פון די שקאפעס פלעגען זיי געווענליך טרינקען נישט זיסע, נאר מען פלעגט זי איינזייערען און טרינ-קען די סירוועטקע. אזא מאכל איז אבער געווען א גרויסער לוקסוס, וואס נאר גאר רייכע לייט האבען זיך איהם געקאנט ערלויבען.

אלזא מילך האט ביי'ם אור-מענשען נישט געדיענט אלס הויפט-

ערנעהרונגס־מיטעל און אפילו נישט אלס איינער פון די וויכטיגערע ערנעהרונגס־מיטעל.

אנדערע ווידער מיינען, אז דער אורמענש האט זיך צוערשט ערנעהרט נאר מיט געוויקס־שפייז. קינדער ביז א יאהר 15 האבען מעהר ליעב געוויקס־שפייז, איידער פליישיגס. און ווען מען זאל די דאזיגע קינדער־נייגונג איבערטראגען אויף די קינדהייט פון דער מענשהייט, וועט זי דינען אלס בעווייז, אז דער אורמענש האט זיך ערנעהרט מיט געוויקס־שפייז. די לעגענדען בעהויפטען אויך, אז דער מענש האט זיך צוערשט ערנעהרט נאר מיט גרינס. אזוי, דערצעהלט דער חומש, האט מען ערשט נח'ן נאכ'ן מבול ערלויבט צו עסען פלייש: פריהער איז דאס געווען פערבאטען. און אז דער מענש קאן אויסקומען מיט געוויקס־שפייז אליין, בעווייזען די באנזען (גייסטליכע) אין יאפאן און חינא, פיעל בודיסטען, די בראמינער אין אינדיען, די אמאליגע פיטאגאריער און די איצטיגע וועגעטאריאנער, וועלכע בענוצען זיך נאר מיט אזוינע שפייז.

נאר דאך קאן די דאזיגע מיינונג נישט גערעכענט ווערען פאר קיין ריכטיגע. ערשטענס וויזען די צייהנער פונ'ם מענשען און זיין מאגען, אז דער מענש איז אנ'אלץ־עסענדע בעשעפעניש, צווייטענס קאן מען אין די קאלטע געגענדען געפינען גאנצע שבטים, ווי די עסקימאסען, וועלכע ערנעהרען זיך נאר מיט פליישיגס. דאס, וואס די בודיסטען, בראמינער א. ד. ג. און אויך די איצטיגע וועגעטאריאנער עסען נישט קיין פליישיגס, איז אוים רעליגיעזען פערבאט אדער לויט אנדערע איבערצייגונגען. אזוי גלויבען די בודיסטען, אז אין דער בהמה קאן וואהנען די נשמה פון א מענשען, און אז, עסענדיג איהר פלייש, עסט מען צוזאמען מיט דעם די מענשליכע נשמה, און דאס איז פערבאטען. די מצריים האבען אויך געגלויבט אין גלגול פון דער מענשליכער נשמה אין בהמות; נאר זיי האבען געגלויבט, אז די נשמה לעבט אין קאפ, און האבען דערפאר פערבאטען נאר דעם קאפ פון דער בהמה. ביי אידען איז פערבאטען צו עסען בלוט אויך, וויל „הדם הוא הנפש“ — דאס בלוט איז די נשמה. אין אינדיען, וואו דער אקערבוי האט זיך אזוי פערשפרייט, אז עס איז כמעט נישט געבליעבען קיין ארט פאר פיה־צוכט, און וואו די צאהל בהמות איז דערפאר געווען פערהעלטניסמעסיג א גאנץ קליינע, און וואו די בהמה איז געווען אין דער זעלבער צייט די וויכטיגסטע קראפט ביי'ם ציהען דעם אקער און ביי אנדערע אקערבויערישע ארבייט, האט מען צוערשט געקוקט אויף פלייש עסען ווי אויף א פערשווענדעריי און שפעטער איז דאס עסען פלייש

אינגאנצען פערבאטען געווארען. אין זיין פולער קראפט איז דער דאזיגער פערבאט געבליבען פאר דער בראמינער קאסטע. די איצטיגע וועגעטאריאנער עסען נישט קיין פלייש ערשטענס, צוליעב צער־בעלי־חיים, צווייטענס, ווייל זיי האלטען די געקווילעטע בהמה פאר דער זעלבער נבלה וואס די גע'פגר'טע, און דריטענס, ווייל זיי רעכענען, אז דאס עסען פלייש ווירקט שלעכט אויפ'ן גייסטיגען און מאראלען צושטאנד פונ'ם מענשען און אפילו אויף זיין פיזישען צושטאנד.

דער אור־מענש אבער האט נישט געהאט קיינע איבערציינגונגען, וואס זאלען איהם טרייבען אבצוזאגען זיך פון פליישיגס. קיין אבשוי צו פליישיגס, ווי מיר בעגעגענען איצט ביי איינצעלנע מענשען אדער גאנצע גרופען, האט ביי'ם אור־מענשען אויך נישט געקאנט זיין: אזא אבשיי צו דיעזער אדער יענער שפייז ערשיינט ערשט שפעטער און ווערט ארויסגערופען דורך ערפאהרונג — וואס געשמאק איז און וואס נישט געשמאק — און אויך דורך רעליגיעזען פערבאט.

אין פערקעהרט, ביי ווילדע מענשען (און דאס זעלבע אויך ביי חיות), וועלכע ערנעהרען זיך לאנג נאר מיט געוויקס־שפייז, קאן מען נאך בעמערקען א בעזונדער תאוה צו פלייש און אפילו א דורשטיגקייט נאך בלוט. אזוי האבען מייז, וועלכע מען האט פערשפארט אין א שטייגעל און געגעבען עסען נאר געוויקס־שפייז, פון צייט צו צייט אויפגעפרעסען איינע פון זייערע חבר'טעס אין געלאזען פון איהר נאר די הויט מיט די ביינדלעך. פון דער דאזיגער תאוה נאך פלייש און בלוט שטאמט אפשר אויך די מענשען־פרעסעריי. ביי דער תאוה נאך פלייש ווערט מענשען־פלייש ביי איניגע שבטים דער אידעאל. אזוי האבען די נידעריגע שיכטען פון דער בעפעלקערונג אין דער אלטער מעקסיקא ערנעהרט זיך אויסער מיט געוויקס־שפייז אויך מיט פיש און בהמות־פלייש. די הערשענדע קלאסען האבען זיך דארט אבער מיט אזא שפייז נישט בעגנוגענט: פאר זיך און פאר זייערע געטער פלעגען זיי מאכען מאהלצייטען פון מענשען־פלייש און מענשען־בלוט. עס איז אינטערעסאנט, אז די פרויען ווערען געוועהנליך כמעט אומעטום צו אזוינע קאניבאלישע — מענשען־פרעסערישע — סעודות נישט צוגעלאזען און זיי מוזען זיך בעגעהן מיט ערגערס: זיי קלייבען זיך אן פערשידענע ווערימלעך, אינזעקטען, פויפעס א. ד. ג. און שטילען דערמיט זייער תאוה צו פלייש. אויפ'ן מערב־ברעג פון אפריקא עסען די דאטיגע כהנים נאר געוויקס־שפייז; דערפאר ערלויבט זיי דער מנהג נאך ביז איצט צו בענוצען פריש בלוט.

און ווען די מענשען הערען אליין אויף צו עסען בלוט, בלייבט דאך דאס בלוט איבער אלס שפייז פאר די געטער. די גריכען פלעגען מקריב זיין בלוט פאר די „שאטענס“ פון זייערע עלטערען. די רוימער און גערמאנער פלעגען מקריב זיין בלוט אויף זייערע מזבחות.

מען דארף דערפאר רעכענען, אז דער אורמענש האט זיך נישט ערנעהרט אויסשליסליך מיט דעם אדער מיט יענעם מין שפייז. אויף די ערשטע שטופען איז דער מענש א גאנץ קליינער אויסקלייבער: וואס עס האט זיך געמאכט, דאס האט ער געגעסען.

אין די וועלדער פון די טראפישע געגענדען בעגעגענען זיך פיעל עסבארע פרוכטען, ווי דער קאקאס־נוס, חוה׳ס פייגען, די פרוכטען פון דעם ברויט־בוים (באאבאב), פון דעם פאנדאן א. ד. ג. אויסער דעם געפינען זיך דארטען פערשידענע עסבארע ווארצלען. מען האט דארט אויך געקאנט עסען די יונגע צווייגלעך און דעם מארך (דאס הארץ) פון איינינגע פאלמען־בוימער.

אין די ווענינגער הייסע לענדער געפינען זיך נאך אויך פערשידענע עסבארע פרוכטען און ווארצלען. אזוי ערנעהרען זיך די האטענטאטען אין דרום־אפריקא מיט די פרוכטען פון דעם „האטענטאטישען פייגענבוים“, מיט א געוויסען מין נים און מיט די ווארצלען פון די ציפערוס. אין די ווארעמע געגענדען פון דעם מיטעלמעסיגען גארטעל האט דער מענש אויסער דעם געפונען די עלטערען פון אונזערע ברויט־געוויקסען, ווי דעם ווייץ, די גערשט און דעם הירז אין אזיען און דעם מאאיס אדער טערקישען ווייץ (קוקורוזע) אין אמעריקא. אין מצרים האט מען נאך געגעסען די קערנער פון דעם לאטאס, וועלכער איז דערפאר שפעטער געווארען ביי זיי א הייליג געוויקס, אויך די קערנער פון איינינגע באב־געוויקסען, וועלכע מען פלעגט שפעטער דערפאר צוגעבען צו די קרבנות פאר די געטער. אין די קעלטערע געגענדען געפינען זיך פערשידענע יאגדעס. אזוי ערנעהרען זיך די אינדיאנער אין די פעלזען־בערג אין צפון־אמעריקא מיט יאגדעס און טאנען־שישקעס.

אויף צו בענוצען זיך מיט די אלע אויסגערעכענטע געוויקס־שפייז האט דער מענש זיך נישט גענויטיגט אין קיינע געצייג, אויסער די סאמע פשוט׳ע. די אלע פרוכט, ווארצלען און אפילו קערנער האט מען געקאנט עסען רויהערהייד. אויף אראבצושלאגען א פרוכט, וואס איז געהאנגען צו הויך און ארויפדראפען זיך נאך איהר איז געווען שווער, האט גע־

דינט א לאנגער שטעקען אדער א שטיין. אויף ארויסגראבען א ווארצעל האט געדינט א פערשפיצטער שטעקען, וועלכען די אויסטראליער טראגען איצט אויך שטענדיג נאך מיט זיך. דער בושמען בענוצט דערצו א שטעקען, אויף וועלכען עס איז אנגעטהון א שישקע, וואס דינט ווי א אנשפאר-פונקט פון א הויב-שטאנג (רימשאג).

נאר אויסער די געוויקס-שפייז האט זיך דער אורמענש נישט אבגעזאגט פון קיינע פליישיגס. און דערביי האט איהם אלץ גוט געשמעקט. דער אויסטראליער עסט נאך איצט אויך מיט גרויס אפעטיט די ווערימלעך פון פער שיעדענע אינזעקטען און זייערע פופעס, אויך פשוט'ע ערד-ווערים, זשאבעס, יאשצערקעס און שלענג. ביי די בושמענער רעכענען זיך די מוראשקעס פאר זעהר א געשמאק געריכט, די בודינער, וועלכע האבען געוואהנט אין דרום-רוסלאנד אין דער צייט פון דעם גריכישען היסטאריקער הערודאט, האבען — לויט זיינע ווערטער — מיט א בעזונדער אפעטיט געגעסען פליי און אנדערע פאראזיטען, וועלכע לעבען אויפ'ן מענשליכען קערפער. ביי די אינדיאנער אין גויאנא זענען דאס בעליעבטעסטע געריכט — די פעטע נישט געפליגעלטע טערמיטען. און די אראבער און א מאל אויך די אידען פלעגען עסען היישעריקען (זעה ויקרא י"א, כ"ב). די אינדיאנער פון פייער-לאנד ערנעהרען זיך הויפטזעכליך מיט שנעקען און פיש, אזוי אז אויפ'ן גאנצען ברעג פונ'ם אינזעל האבען זיך אין משך פון הונדערטער דורות אנגעקליבען גאנצע בערגלעך פון די מוערקעפלעך פון די שנעקען און פון פיש-ביינער. דאס אלץ עסט געוועהנליך דער מענש רויהעראייד.

מיט דער צייט הויבט דער מענש אן זיך צו יאגען אויך נאך חיות און בישלעכווייז ווערט דאס יאגד-טרייבען ביי'ם מענשען איינס פון די וויכטיגסטע מיטלען צו ערנעהרען זיך. צוערשט פאנגט ער נאר קלענערע חיה'לעך, ווי מייז, וועלכע מען קאן טויטען פשוט מיט אווארף פון א שטיין. שפעטער געהט ער איבער צו גרעסערע חיות און הויבט זיך אן צו בענוצען מיט בעסערע געוועהר. אזוי הויבט ער אן צו בעניצען דעם שפיז, שפעטער דעם בויגען און דעם לאסא. ער בענוצט זיך אויך מיט פאסקעס און נעצען. די ערשטע פאסקע בעשטעהט פון א צווייג פערבונדען מיט א שלייף: די חיה געהט דורך, שפארט אריין דעם קאפ און קאן איהם צוריק נישט ארויסציהען. אדער זי בעשטעהט פון א טיפער גרוב, צו טיעף די חיה זאל פון דארטען קאנען ארויסשפרינגען. שפעטער בעדעקט דער מענש די גרוב מיט צווייגען און מיט מאך, זי זאל נישט קענטיג זיין, אדער

מיט ברעטער, אַזוי אַז ווען די חיה געהט דורך, קעהרען זיך די ברעטער אום און די חיה קוליעט זיך אין גרוב אַריין. פֿויגעל ווערען געפֿאַנגען מיט נעצען. אויף די עגיפּטישע דענקמעלער קאָן מען טרעפֿען בילדער, וועלכע שטעלען פֿאָר, ווי אַ נעץ פֿאַנגט ווילדע גענז גאַנצע טוצענווייז.

מיט דער צייט זאַמעלט זיך ביי דער מענש אָן זעהר וויכטיגע ידיעות, ער לערנט די נאַטורען פֿון די חיות, נאָך וועלכע ער יאָגט זיך, און ווערט אַ אויסגעצייכענטער יעגער. אַזוי צ. ב. ווייס דער באַטאָקוד אין בראַזיליען אַלע געוואוהנהייטען פֿון יעדען פֿויגעל און חיה; ער קאָן לויט אַ שאָלעכץ פֿון אַ פֿרוי אָדער אַ יאַגאָדע זאָגען, וואָס פֿאַר אַ חיה האָט דאָ געגעסען; ער ווייס ביז וואָס פֿאַר אַ הויך קאָן אַ פֿאַנצער־טרעגער אָבשוילען די קאָרע פֿון אַ בוים, און קאָן לויט די דאָזיגע שפּורען דערגעהן ביז דער נאָרע פֿון דער דאָזיגער חיה. בעהאַלטענדיג זיך הינטער אַ בוים, מאַכט דער באַטאָקיד נאָך דעם געזאַנג פֿון פֿויגעל און דאָס געשריי פֿון חיות מיט אַזאַ גענויאיגקייט, אַז ער פֿערנאַרט זיי זעהר לייכט נאָהענט צו זיך און שיסט דאַן אין זיי אַריין זיינע גיפֿטיגע פֿיילען. רייבענדיג די שאַרסטקע אייער פֿון אַן'אַליגאַטאָר (אַמעריקאַנישער קראָקאָדיל) איינס אָן דאָס אַנדערע, קאָן ער אַרויסרופֿען די דאָזיגע שרעקליכע חיה פֿון וואַסער אין דערנאָך טויטען זי. ווען ער שיסט אַ מאַלפּע און זי בלייבט הענגען אויף איהר עק אויף אַ צווייג, דראַפּעט ער זיך צו איהר אַרויף איבער אַ ליאַנע (אַזאַ קריכענדיגע פֿלאַנצונג), איבער וועלכער אַ ווייסער מענש וואָלט בשום אופֿן נישט קאָנען אַרויף. בעפּאַקט מיט זיין יאַגד־רויב, געפֿינט ער דעם וועג צו זיין געצעלט נאָך דער זון און לויט די צווייגלעך, וואָס ער האָט פֿון צייט צו צייט פֿערבויגען אויף די ביימער, פֿערטיעפֿענדיג זיך אין וואַלד.

דער אויסטראַליער יאָגט זיך אָפֿטמאָלס אין משך פֿון עטליכע טעג נאָכאַנאַנד נאָך אַ קענגורו, ביז ער טויט זי. ביי נאַכט לעגט ער פֿונאַנדער אַ קליין פֿייערעל אויף אַ גענוג ווייטער שטרעקע פֿון דער קענגורו און האַלט זיך די גאַנצע צייט געגען ווינד, כדי די חיה זאָל אפֿילו זיין ריח נישט דערשמעקען. דער בושמען גנב'עט זיך אונטער צו דער חיה אַזוי שטיל, אַז זי בעמערקט איהם קיינמאָל נישט; און עס איז נישט געמאָלט, ער זאָל ווען עס איז איבערשרעקען אַ חיה אָדער ער זאָל אין איהר שיסען און אין איהר נישט טרעפֿען. דער אויסטראַליער שווימט צו, ליעגענדיג אין וואַסער און אָטהעמענדיג דורך אַ טשערעט־רעהרעל צו אַ גאַנצער טשערעדע ענטלעך, אין מיטען טייך און שלעפּט זיי אונבעמערקבאַר און

אהן שום טומעל איינע נאך דער אנדערער פאר די פיסלעך אין וואסער אריין און פערשטעקט זיי הינטער זיין גארטעל.

ווי נאר דער מענש האט פערהיימישט דעם הונד, האט ער איהם אנגעהויבען צו בענוצען אלס בעהעלפער ביי׳ם יאגד־טרייבען. און אנדערע ערטער האט מען נאך צוגעוועהנט צום יאגד־טרייבען פערשיעדענע רויב־פויגעל, ווי דעם האביכט און דעם פאלק. די פאלק־יאגד איז זעהר פערשפרייט געווען צווישען די טאטערען און דערנאך צווישען די רוסישע פירשטען און קיסריים. אויף צו יאגען זיך נאך הירשען פלעגט מען נאך בענוצען שנעל־לויפיגע פערד.

איידער דער מענש איז איבערגעגאנגען צו ערד־ארבייט, איז דאס יאגד־טרייבען ביי׳ם איהם, איבערהויפט אין די געגענדען מיט א ווענינגער ווארימען קלימאט, געווארען איינער פון די הויפט־צווייגען פון זיין ארבייט און איינס פון די הויפט־מיטלען אונטערצוהאלטען זיין עקזיסטענץ. און ווען דער מענש האט זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט ערד־ארבייט און האט זיך אבגעזעצט אויף איין ארט, האט די יאגד געהאט נאך א צוועק — אויסצוראטען די ווילדע חיות, זיי זאלען קיין שאדען נישט ברענגען די טשערעדעס אין די פעלדער.

וואס מעהר אבער דער מענש האט אויסגעהאקט די וועלדער צוליעב ערד־ארבייט, אלץ ווענינגער געווילד איז געבליעבען, און דאס יאגד־טרייבען האט דאדורך בילעכווייז אויפגעהערט צו זיין א נויטיגער און נוצליכער צווייג פון ארבייט. דאמאלס האט עס זיך פערוואנדעלט אין א ספארט, וועלכער פלעגט אפט ברענגען זעהר פיעל שאדען דעם אקערבויער, ווייל די חיות, וועלכע מען פלעגט ספעציעל לאזען האדעווען זיך צוליעב יאגד, פלעגען שאדען די טשערעדעס און צוטרעטען די פעלדער. און גאר דער לעצטער צייט איז די יאגד פערבליבען נאר אלס פערוויילונג ביי די גאר גרויסע פריצים און שררות.

אויסער מיט פלייש פון חיות האט דער אורמענש זיך נאך ערנעהרט מיט פיש. ביי׳ם ברעג ים האט דער מענש זעהר לייכט געקאנט בעמערקען, אז ביי׳ם אבפלוס פונ׳ם וואסער בלייבט אפט איבער אין די גריבלעך אדער הינטער שטיינער פיעל פיש. אויפ׳ן ברעג פון די טייכען האט ער דאס זעלבע געקאנט בעמערקען ביי זייער פונאנדערגיסען זיך. ער האט זיך דארטען דערפאר זעהר גיך געקאנט דערטראכטען אליין אריינצושלאגען פלעקער ביז א געוויסער הויך און אויף אזא אופן אבצוימען דאס ארט. וואוהין די פיש וועלען קומען צו שווימען בשעת׳ן צופלוס און אי־

פערבלײבען בשעת'ן אבפלוס. אזוי טהוען נאך איצט די אײנוואוהנער פון פײער־לאנד. אין אנדערע ערטער פער'סמ'ט דער מענש דאס וואסער אין טײך און דערמיט אויך די פיש, וועלכע שווימען דאן ארויף אויף די אויבערפלעכע פון דעם וואסער. אזוי טהוען די ווילדע שבטים אין בראזיליען. די װײטערדיגע פארם פון פיש־פאנגען איז דורכשטעכען די פיש מיט א שפיז אדער מיט א פיש־גאפעל. דער אויסטראליער לעגט זיך דערבײ אין דער ברײט פון זײן קארע־שיפעל, בויגט אראב דעם קאפ אזוי, אז די אויגען זאלען זײן אפען אונטער'ן וואסער און האלט דעם שפיז גרײט ארײנצושטעכען איהם אין דעם פיש. אײניגע שיסען אין די פיש מיט פײלען פון בויגענס. פון קײן אנגעל (ווענדקע) אבער וויסען נישט אלע מענשליכע שטאמען. די אויסטראליער, וועלכע וויסען יא פון איהר, מאכען די האקענס פאר דער אנגעל פון שטיקלעך מויער־קעפלעך, פון א האביכט־נאגעל א. ד. ג. דער עגיפטער פלעגט דעם האקען מאכען פון בראנזע, איצט מאכט מען איהם פון שטאל.

אלזא, געוויקס־שפײז, פלײש און פיש האבען אלע צוזאמען געדיענט דעם אורמענשען אלס שפײז. נאר דאך האבען זײ אלע נישט אין אלע ערטער געהאט א גלײכע בעדײטונג. אין די טראפישע געגענדען פערנעהמט דעם וויכטיגסטען ארט די געוויקס־שפײז, אין די געגענדען פון דעם מיטעלמעסיגען ערד־גארטעל — פלײש און געוויקס־שפײז, און אין די קאלטע געגענדען — פלײש. דערבײ שפיעלט בײ'ם ים און בײ די ברעגען פון טײכען א וויכטיגע ראליע אויך פיש.

דריטען קאפיטעל:

דאס אנגרײטען אויף שפעטער און אקערבוי.

אײנער פון די הויפט־שטריכען, דורך וועלכע דער מענש שײדעט זיך אונטער פון די איבעריגע חיות, בעשטעהט אין דעם, וואס ער קלערט נישט נאר וועגען רגע, וועגען אנזעטיגען זיך דאס מאל, ווען ער איז הונגעריג, און מעהר נישט, ווי אלע חיות טהוען, נאר ער קלערט אויך וועגען מארגענדיגען טאג, ער פערזארגט זיך אויף שפעטער. אזוי ארבײט דער אקערבויער אין משך פונ'ם גאנצען זומער, כדי סוף זומער ארײנצונעהמען פון די פעלדער שפײז אויף א גאנצען יאהר.

נאר פון אזא פערזארגען זיך אויף שפעטער, פון אזא זאמלען פאראט מיט דער אויסזיכט שפעטער נישט צו הונגערען, האט דער מענש

נישט שטענדיג געוואוסט. דער אורמענש איז אין דער הינזיכט געשטאנען נישט העכער, איידער אנדערע חיות. ווען ער האט געפונען א מאל ווענינ צו עסען, האט ער געהונגערט; און ווען פיעל — האט ער געגעסען, וויפיעל ער האט געקאנט. ער האט אבער נישט געטראכט איבערצולאזען פון איין מאל אויף דאס אנדערע, און נאך ווענינער—אנצוגרייטען שפייז אויף א לענגערע צייט, כדי צו פערזארגען זיך פון הונגער אויף שפעטער.

אין די רייכע טראפישע געגענדען, וואו מען קאן כמעט שטענדיג לייכט געפינען פערשיעדענע שפייז, איז איינענטליך דאס זאמלען, דאס אנגרייטען געווען איבעריג. צוליעב וואס אבלעגען, זאמלען, ווען מען קאן צו יעדער צייט געפינען דאס נויטיגסטע צום עסען? אין אזויגע געגענדען האט ביי׳ם מענשען אפילו נישט געקאנט ענטשטעהן דער געדאנק וועגען אנגרייטען אויף שפעטער. און נאך ביז איצט צייכנען זיך אויס די מענשליכע שבטים פון די הייסע געגענדען מיט זייער אונגעוועהנליכער זארגלאזיגקייט.

אין די הייסע געגענדען צייכענט זיך דער מענש נאך אויס מיט זיין פוילקייט. דאס איינציגע, וואס האט איהם דארט געטריבען צו אנשטרענגען זיך, צו ארבייט, איז, אויסער דאס פערטיידיגען זיך געגען די ווילדע חיות, געווען נאר דער אונמיטעלבארער הונגער. ווען דער הונגער האט שטארק געדריקט, האט זיך דער מענש נישט ווילענדיג געלאזען זוכען שפייז. ווען דער הונגער איז אבער געשטילט געווען, האט זיך דער מענש שוין מעהר וועגען קיין זאך נישט געקימערט; ער האט זיך רוהיג געלעגט אויפ׳ן גראז און געווארעמט זיך אויף דער זון, אדער געקיהלט זיך אין א שאטען פון א בוים, אדער ער האט געשלאפען. אזוי מיידען נאך איצט אויך אוים די בושמענער און די קאפערן, ווי אויך פיעל אנדערע שבטים אין די הייסע געגענדען פון אפריקא, יעדע פיזישע אנשטרענגונג און מאכען קיינמאל קיין איין איבעריגע בעוועגונג.

אזא רוהען אדער פוילען זיך, צו וועלכער דער מענש האט זיך צוגעוועהנט אין משך פון דורות, האט איהם זעהר פיעל געשטערט איבערצוגעהן צו א העכערער שטופע פון קולטור און בעזונדערס — צו קלערען וועגען זאמלען, וועגען גרייטען, וועגען ארבייטען איין צייט מעהר, כדי פערשפארען זיך ארבייט אין דער צוקונפט.

אין די געגענדען, וואו די הויפט-שפייז פונ׳ם מענשען איז געוועזען פלייש, האט דאס זאמלען, דאס אנגרייטען זיך אויך זעהר שווער געקאנט ענטוויקלען. און וואלט דער מענש אין אזוינע געגענדען זיך אפילו דער-

טראַכט צום געדאַנק וועגען זאַמלען, וואָלט ער פֿון איהם קיין נוצען ניש־
געהאַט. דער מענש האָט נאָך נישט געוואוסט, ווי צו קאָנסערווירען פֿלייש־
פּעדהיטען עס זאָל קאָנען בלייבען ליגען לענגער און נישט קאַליע ווערען.
ווען דאָס פֿלייש פֿלעגט בלייבען ליגען, פֿלעגט עס אין די וואַרעמע לענדער
באַלד צופֿוילט ווערען און מעהר נישט טויגען צום עסען.

דער מענש האָט דערפֿאַר זיך געאיילט אויפֿצועסען אין גאַנצען דאָס
פֿלייש,וואָס ער האָט אָפּט מיט אַזוי פֿיעל מיה געקראָגען, כדי וואָס מעהר צו
געניסען פֿון דעם געשמאַקען ביסען, ביז עס וועט צופֿוילט ווערען, און כדי
נישט איבערלאָזען גאָרנישט זיינע ערגסטע שונאים — די ווילדע חיות.
אַזאַ אויפֿעסען דאָס פֿלייש באַלד נאָכ'ן פֿאַנגען, וואָס דער מענש האָט
פּראַקטיצירט אין משך פֿון דורות, האָט געבראַכט דערצו, אַז ביי'ם מענ־
שען זאָל ענטשטעהן אַ מנהג, וועלכער פֿערבאָט איהם זאָגאַר איבערצולאָ־
זען וואָס עס איז פֿון מאָהלצייט. אויב עס ווערט קאַליע ווען מען לאָזט
איבער, איז אַ סימן, אַז די גייסטער—וועגען וועלכע דער מענש בעקומט
מיט דער צייט אַ בעגריף—זענען געגען אַזאַ איבערלאָזען. דער אינדיאַנער
אין אַמעריקאַ עסט דערפֿאַר באַלד אויף אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשאַפֿט,
און לאָזט גאָרנישט איבער פֿון זיין סעודה, ווייל ער האָט מורא דער
„גרויסער גייסט“ זאָל נישט ברוגז ווערען און מיט דער צייט הויבט דער
אינדיאַנער זאָגאַר אָן צו גלויבען, אַז דער „גרויסער גייסט“ איז געגען
אַלץ, וואָס מען טהוט, כדי צו פֿערזאָרגען זיך אויף שפּעטער. ביי די אינ־
דיאַנישע שבטים דעלאַווערען און איראָקעזען אין צפֿון־אַמעריקאַ פֿערזייי־
הען די פֿרויען שטיקלעך פֿעלדער מיט מאַאיס (טערקישער ווייץ). נישט
איין מאָל האָט אָבער געטראָפֿען, אַז חיות האָבען אויסגעטראָטען די דאָ־
זיגע פֿעלדער זייערע אָדער דער האָגעל האָט זיי אויסגעשלאָגען. איז דאָס
דען נישט אַ געניגענדער בעוויז, אַז דער „גרויסער גייסט“ איז בכלל גע־
גען אַזאַ פֿערזאָרגערישער אַרבייט און בפֿרט געגען ערד־אַרבייט?

די אינדיאַנער זענען דערפֿאַר פֿיינדליך געשטימט געגען ערד־אַרבייט.
און די יאַגד־שטאַמען פֿון דעם איבערען טייל פֿון אַמעריקאַ, וועלכע האָ־
בען שטענדיג אין די ברייטע סטעפּעס און געדיכטע וועלדער געהאַט געניג
ווילדס און ביי וועלכע די זאָרגלאָזיגקייט און די שנאה צו יעדער פֿער־
זאָרגעניש איז געווען גרעסער און שטאַרקער ווי ביי אַנדערע, האָבען זאָ־
גאַר צושטערט די העכערע אַקערבויערישע קולטור, וועלכע האָט זיך גע־
האַט אויסגעבילדעט אין מזרח־זייט פֿון צפֿון־אַמעריקאַ און די ווילדע קאַ־
ראַיבען האָבען פֿערניכטעט די העכערע אַקערבויערישע קולטור אויף די

אנטילישע אינזלען שוין נאכדעם, ווי די איראפעער האבען ענטדעקט אמעריקא. די זארגלאזיגקייט פון די אינדיאנער דערגעהט ביז אזוי ווייט, אז זיי שיסען אן מעהר ווי זיי קאנען אויפעסען און קאנסערווירען, און זיי שיסען געוועהנליך מייסטענס די טראגעדיגע חיות, וועלכע עס איז לייכטער נאכצויאגען, חאטש דערמיט לאזען זיי זיך נישט פערמעהרען די חיות, אין וועלכע זיי וועלען זיך אליין שפעטער נויטיגען.

דער ווילדער מענש צייכענט זיך נאך אויס מיט זיין פרעסעריי. ער זשאלעוועט דאס פלייש, וואס ער האט געקראגען און שטאפט דערפאר אין זיך אפט מעהר, וויפיעל ער קאן. ווען דער מענש האט אבער געשאסען א גרעסערע חיה, האט ער קיין מעגליכקייט נישט אויפצועסען זי אליין, איידער זי ווערט צופוילט. און אויב מען טאר גארנישט איבערלאזען, איז דאס איינציגע מיטעל אויפצועסען דאס גאנצע פלייש — איינלאדען נאך מענשען, וועלכע זאלען העלפען נאך עסען. אזוי ענטשטעהט דער מנהג פון הכנסת־אורחים, וועלכער איז זעהר שטארק פערשפרייט צווישען די ווילדע מענשליכע שבטים.

אזוי איז ביי דעם שבט נאמאקווא אין אמעריקא א מנהג, אז אלץ, וואס איינער פון זיי האט געקראגען צום עסען, ווערט צוטיילט צווישען אלע מיטגליעדער פון דעם שבט. א קאפר גנב'עט נאך איצט אויך נישט זעלטען צו א בהמה פון א פרעמדער טשערעדע; פאר א גנב ווערט ער אבער ביי זיינע דארפס־לייט פערעכענט נאר דאן, ווען ער שעכט א בהמה פון זיין אייגענער טשערעדע און לאדעט נישט איין צו דער סעודה אלע זיינע דארפס־לייט.

דער מנהג פון הכנסת־אורחים, וועלכער ווערט מיט דער צייט איינגעווארצעלט ביי דעם אדער יענעם שבט, פערשטארקט די זארגלאזיגקייט פונ'ם מענשען און שטערט דער זאמלונג פון פאראט. אזוי צ. ב. ווייסען די איראקעזען און דעלאווערען שוין גאנץ לאנג פון אקערבוי; זייער גאסטפריינדליכקייט לאזט אבער נישט ענטוויקלען זיך ביי זיי דאס פערזארגען זיך אויף שפעטער, דאס אנזאמלען.

א ביסעל קלענער האט די זארגלאזיגקייט פונ'ם מענשען געמוזט זיין אין די ארעמערע געגענדען, וואו דער מענש געפינט זיך ניט שטענדיג גענוג צו עסען און וואו איהם קומט דערפאר אויס אפטער צו הונגערען. אין אזויגע געגענדען דערפיהלט דער מענש פריהער דעם ווערט פון דעם, וואס ער האט שוין געפונען, און דארט הויבט זיך אן ביי'ם מענשען פריהער צו ענטוויקלען די שפארזאמקייט, דאס זאמלען. אבער אויך דא איז דאס

אנזאמלען צו ערשט נישט נוגע דאס פלייש, ווייל איידער מען געהט צו צואנזאמלען שפייז, דארף מען זיי קאנען קאנסערווירען, און קאנסערווירען פלייש האט זיך דער מענש אויסגעלערנט גאנץ שפעט. דער ערשטער פאר־ראט, וואס דער מענש האט אנגעזאמעלט, איז בעשטאנען פון געוויקס־שפייז.

אין דער צייט, וואס דער מאנספערשוין האט זיך געיאגט נאך פערשידענע חיות און איז אפט און שנעל איבערגעגאנגען פון ארט צו ארט, איז די פרוי געוועהנליך געזעסען אין „דערהיים“, ערגיץ אין א היהל אדער אין א געצעלט. מיט די קליינע קינדער אויף די הענד אדער אויף די פלייצעס, האט זי געקענט זיין נאר א קליינע מיטהעלפערין דעם מאן בשעת דער יאגד. פערקעהרט, נאכגעהענדיג דעם מאן, וואלט זי איהם פיעל געשטערט, ווייל עס וואלט איהם דאמאלס נאך אויסגעקומען צו קלערען וועגען פערטיידיגען זי מיט די קינדער פון די ווילדע חיות. אויסער דעם האט די פרוי געהאט נאך א וויכטיגע אויפגאבע—אונטערצוהאלטען דאס פייער, עס זאל נישט אויסלעשען.

און דא, ארום איהר היהל אדער געצעלט האט די פרוי געזוכט עסבארע ווארצלען אדער קערנער. די קערנער פון איינינע גראזארטיגע פלאנצונגען (ווי אונזערע ברויט־געוויקסען) האבען ביסלעכווייז בעקומען א בעזונדער בעדייטונג פאר דער פרוי. ערשטענס, זענען די דאזיגע קערנער פיעל געשמאקער און פערדייבארער, איידער די ווארצלען. דאס האט די פרוי לייכט געקאנט דערפיהלען; און צווייטענס האבען די קערנער געקאנט לענגער ליגען, איידער די ווארצלען און נישט קאליע ווערען. די פרוי האט אויך געקאנט בעמערקען, אז די קערנער זענען פארהאן נאר אין א בעשטימטער צייט פון יאהר. דאס האט זיי געמוזט צוגעבען א בעזונדער ווערט אין די אויגען פון דער פרוי און ארויסרופען ביי איהר דעם געדאנק אנצוזאמלען זיי מעהר. איידער זי דארף אויף א מאל צום עסען, כדי צו האבען זיי אויך דאן, ווען ארום אויפ'ן גראז וועלען זיי שוין מעהר נישט זיין.

אזוי ארום האט די פרוי אנגעהויבען צו זאמלען, אנצוקלייבען מעהר היינט, כדי צו בעזארגען זיך מיט שפייז אויף מארגען, אויף שפעטער. פון אזא ארט צופעליגען זאמלען איז אבער נישט מעהר ווי איין טריט צו א פלאנמעסיגער דויערנדער צוגרייטונגס־ארבייט צו בעזארגען זיך מיט שפייז אויף א לענגערע צייט, ד. ה. צו ערד־ארבייט. און די פרוי האט דעם דאזיגען טריט געמאכט: זי איז געווען די ערשטע ערד־ארבייטערין.

צונויפקלויבענדיג קערנער פון פערשיעדענע גראזען, האט די פרוי שוין זעהר פריה געקאנט בעמערקען, אז ווען א קערענדעל פאלט אראב אויף דער ערד, וואקסט דערנאך פון איהם ארויס א נייע גראז, וועלכע ברענגט מיט דער צייט פיעל נייע קערנער. פון א מאאיס־קערענדעל וואקסט אויס אין משך פון עטליכע וואכען א שטענגעל ביז 8 פוס די הויך, און פון א קערענדעל פון צוקער־סארגא (אין צענטראל אפריקא) ביז 16 פוס די הויך. נישט בעמערקען דעם צוזאמענהאנג פון אזא נייעם געוויקס מיט דעם אראבגעפאלענעם קערענדעל איז כמעט אוממעגליך. בעזאנדערס אין די ווארעמע געגענדען, וואו אזא קערענדעל, אפילו נישט זייענדיג צוגעדעקט מיט ערד, האט געקאנט פשוט פאר דעם מענשען אין די אויגען לאזען ווארצעלעך אין דער ערד, ארויסשלאגען א בלעטעלע אין דער הויך און אנהויבען שנעל צו ציהען זיך ארויף, צו וואקסען.

און בעמערקענדיג דאס, האט די פרוי געקאנט אליין אויסשיטען אביסעל קערנער ארום איהר געצעלט, כדי שפעטער האבען נאהענט נעבען זיך נייע קערנער, כדי נישט דארפען געהן ווייט זוכען זיי. אזא בעוואוסטזיניג אויסשיטען פון קערנער, כדי שפעטער צו בעקומען פון זיי מעהר, איז אייגענטליך דער אמת׳ער אנהויב פון ערד־ארבייט.

ס׳פערשטעהט זיך, אז צוערשט האט דער מענש געקאנט נעהמען זיך צו בעארבייטען נאר אזוינע געוויקסען, וועלכע ווערען פארטיג גאר אין א קורצער צייט, ווי צ. ב. די ברויט־געוויקסען. ערשטענס איז ביי אזוינע געוויקסען פיעל לייכטער צו בעמערקען דעם צוזאמענהאנג פון די נייע קערנער מיט׳ן קערענדעל, וואס מען האט פריהער פערזייהעט, איידער דעם צוזאמענהאנג פון די פרוכטען פון א בוים מיט דעם אראבגעפאלענעם קערענדעל פון אזא פרוכט. און צווייטענס, איז דער מענש אויף דער נידעריגער שטופע פון זיין ענטוויקלונג זעהר בעוועגליך, זיצט זעהר נישט לאנג אויף איין ארט און קאן דערפאר זעהר שווער בעקומען א בעגריף וועגען דעם נוצען פון א געוויקס, וואס וועט אנהויבען צו טראגען פרוכט ערשט אין פיעל יאהרען ארום.

און נאך איצט בעגעגענען מיר זעהר פיעל שבטים אין אפריקא און אויף די דעלאווערען און די איראקעזען אין אמעריקא, וועלכע וויסען שוין פון בעארבייטען אזוינע געוויקסען, ווי מאאיס און סארגא, וואס ווערען צייטיג אין פערלויף פון 8—10 וואכען; אבער זיי האבען נאך נישט קיין בעגריף פון פלאנצען פרוכט־ביימער.

און ערשט שפעטער, ווען די ערד־ארבייט הויבט אן צו שפיעלען

ביי'ם מענשען א ווילדטונגערע ראליע, ווען ער זעצט זיך אפ אויף לענגער אויף איין ארט, דאן געהט ער איבער פון איינייאהריגע געוויקסען, וועלכע ווערען אפט פארטיג אין א פאר מאנאטען, צו בעארבייטען צוויייאהריגע געוויקסען און דערנאך אויך צו פלאנצען בוימער, וועלכע טראגען זייערע ערשטע פרוכט אין פיעל יאהרען ארום.

עס איז אינטערעסאנט, וואס ביי די שבטים, ביי וועלכע עס איז פער־שפרייט געוועזען דער געדאנק וועגען פערזארגען זיך אויף שפעטער, וועגען זאמלען, האט זיך ביזלעכווייז אויסגעארבייט א מנהג — דער היפוך פון דעם, וואס מיר בעגעגענען ביי די יאגד־שבטים אין אמעריקא — א מנהג, וועלכער פערבאט זיי אומזיסט צו פערניכטען א פלאנצונג אדער אפילו א קערענדעל און הייסט זיי שאנעוען יעדע שפייז. אזוי איז ביי'ם אויסטראל־יער פערבאטען אבצופליקען א געוויקס אדער אויסגראבען דעם ווארצעל פון א געוויקס, ווען יענץ האט אנגעהויבען צו בליהען און האט נאך נישט געבראכט קיין זוימען. זיי גלויבען, אז דאס אבפליקען אזא געוויקס איז א פערברעכען און ווערט בעשטראפט דורך די גייסטער. דער האלב־ווילדער שבט וואניקא אין מזרח־אפריקא איז אזוי דורכגעדרונגען מיט דער בע־דייטונג פון דער קאקאס־פאלם פאר זיין עקזיסטענץ, אז דאס צושעדיגען א קאקאס־פאלם ווערט ביי איהם פערעכענט פאר אזא פערברעכען, ווי טויטען די אייגענע מוטער. די קולטורעלע איינוואהנער פון דער אמאליגער מעקסיקא האבען געהאלטען פאר א פערברעכען און זאגאר פאר א געפאהר צו לאזען א מאאיס־קערענדעל דורכוואקסען און דערנאך פער־פאלען געהן, „ווייל דאס קערענדעל וועט זיך קלאגען פאר גאט פאר אזא שלעכטער בעציהונג צו איהם". ביי אייניגע שבטים, וועלכע בעשעפטיגען זיך שוין לאנג מיט ערד־ארבייט, ווי צ. ב. ביי די באנארען ביי'ם טייך קאמבאדושא, איז דער מנהג צו היטען דעם פאררעט, איבערהויפט די קערנער, וואס מען האט אבגעלעגט אויף זריעה. די באנארען גלויבען, אז די געטער בעשטראפען מיט טויט יעדען, ווער עס וואגט אזעלכע קער־נער צו פערקויפען.

פון די ברויט־געוויקסען, וועלכע די מענשען האבען אנגעהויבען צו בעארבייטען, איז אין אמעריקא דאס ווילכטיגסטע געוועזען דער מאאיס, אדער — ווי מיר רופען דאס איצט — דער טערקישער ווייץ (קוקורוזע). ער איז מיט ערפאלג געוואקסען דארטען סיי אין די טראפישע געגענדען און סיי אין די ווענינער ווארעמע, בכלל אומעטום, וואו מען האט זיך בארט נאר בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט. נאכ'ן ענטדעקען אמעריקא איז

דער מאַאיס אַריבערגעגאַנגען אין דער אַלטער וועלט — אין אייראָפּאַ, אַזיען און אַפֿריקאַ, וואו ער פֿערנעהמט איצט שטעלענווייז זעהר אַ ווייכטיגען אָרט.

אין אַפֿריקאַ איז דאָס הויפּט־ברויט־געוויקס געוועזען די סאָרגאַ (דורע), אָדער ווי מען רופֿט דאָס נאָך „דער נעגערישער קאָרן“. דאָס דאָזיגע געוויקס טראָגט אַריין אַזוי פֿיעל, אַז די קערנער פֿון איין געוויקס זענען גענוג צו ערנעהרען אַ גאַנצע פֿאַמיליע אין משך פֿון אַ טאָג; און דער איינטראָג פֿון אַ 400 קערנער, וועלכע דער נעגער אָדער זיין פֿרוי זעצט אַרום זייער געצעלט, איז גענוג צו ערנעהרען זייער פֿאַמיליע אין משך פֿון אַ גאַנץ יאָהר. אמת, די קערנער פֿון דער סאָרגאַ גיבען גאַנץ שוואַרץ מעהל, אָבער וועגען אַזאַ קלייניגקייט קימערט זיך דער האַלב־ווילדער נעגער זעהר ווייניג.

שפּעטער האָט אין אַפֿריקאַ נאָך אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ ווייכטיגע ראָליע דער הירזש. נאָר די היימאַט פֿון הירזש איז דרום־אַזיען, וואו מען האָט איהם אַמאָל בעאַרבייט אין זעהר אַ גרויסען אומפֿאַנג. בכלל האָט דער הירזש אַמאָל געשפּיעלט אַ פֿיעל ווייכטיגערע ראָליע, ווי איצט. צוערשט איז ער אַפֿילו געוועזען נאָר אַ טראָפּיש געוויקס, נאָר שפּעטער איז ער אַריבערגעגאַנגען אויך אין די ווייניגער הייסע געגענדען און איז איין צייט געוועזען איינער פֿון די הויפּט־מינים, וועלכע מען האָט בעאַרבייט אין אייראָפּאַ. אַזוי האָבען די קעלטען אין גאַליען און די איבעריער אין שפּאַניען, אייניגע שבטים אין טראַקיען און די הונען זיך איבערהויפּט ערנעהרט מיט הירזש. שפּעטער האָבען זיך די סלאַווען גענעהרט מיט הירזש און מיט גערשטען. די הירזשענע קאַשע איז דערפֿאַר געבליבען ווי אַ נויטווענדיגע געריכט נאָך איצט אויף אַלע חתונות אין די סלאַווישע, איבערהויפּט אין די ווייס־רוסישע דערפֿער. נאָר מיט דער צייט איז דער הירזש אַרויסגעשטופּט געוואָרען דורך אַנדערע ברויט־געוויקסען, וועלכע זענען מעהר צוגעפּאַסט צום מיטעלמעסיגען קלימאַט.

דרום־אַזיען איז די היימאַט פֿון נאָך אַ ווייכטיגען ברויט־געוויקס, פֿון׳ם רייז. דאָרטען, אין די הייסע און נאַסע געגענדען, האָט ער פֿאַר זיך געפֿונען זעהר גינסטיגע בעדינגונגען און פֿון דאָרטען האָט ער זיך שפּעטער פֿערשפּרייט איבער גאַנץ מזרח־אַזיען, וואו ער איז געוואָרען און איז נאָך ביז איצט די הויפּט־שפּייז פֿון די חינעזער, יאַפּאַנער און אַנדערע פֿעלקער.

אין מערב־אַזיען האָט דעם ערשטען אָרט פֿערנומען דער ווייץ, און

פון דאָרטען האָט ער זיך פערשפרייט איבער מצרים און דערנאָך איבער גאַנץ איירעפּאַ. און נאָך דעם ווייץ געהט די גערשט. דאָס איז איינס פון די געוויקסען, וועלכע ווערען אַמגיכסטען צייטיג. איהר היימאַט איז צענטראַל אזיען, און עס קאָן זיין, אַז דאָס איז דאָס ערשטע געוויקס, וואָס דער מענש האָט אָנגעהויבען צו בעאַרבייטען אין די מיטעלמעסיג וואַרעמע לענדער. פון צענטראַל־אזיען האָט זיך די גערשט פערשפרייט איבער מערב אזיען, איבער בבל און מצרים און שפּעטער איבער גאַנץ איירעפּאַ. אין בבל פלעגט אַמאָל די גערשט געבען ביז 300 קערנער. אין דרום־פּאַלעסטינא, דערצעהלט אונז דער חומש, האָט יצחק אַראָבגענומען פון גערשטען 100 קערנער.

אין מצרים האָט מען נאָך אַמאָל בעאַרבייט דעם לאָטאָס און דעם פּאַפּירוס, צוויי געוויקסען, פון וועלכע דאָס ערשטע פלעגט מען עסען אין גאַנצען מיט די קערנער און וואָרצלען און פונ'ם צווייטען פלעגט מען עסען נאָר דעם וואָרצעל אליין. שפּעטער זענען די דאָזיגע געוויקסען אַרויסגעשטופּט געוואָרען דורך אַנדערע, וויכטיגערע. זיי זענען אָבער געבליבען אַלס הייליגע און זענען געווידמעט געווען די געטער אזיריס און איזידאַ.

אין דעם זעלבען מצרים און אין איינינע געגענדען פון איירעפּאַ האָט מען נאָך אַמאָל בעאַרבייט איינינע מינים באָב, נאָר מיט דער פערשפּרייטונג פון אַנדערע וויכטיגערע מינים האָט דער באָב פערלאָרען זיין בעדייטונג און איז אויך געבליבען אַלס הייליגע פלאַנצונג. מען האָט איהם נישט געקליבען און נישט געגעסען, נאָר מען פלעגט איהם לאָזען אויפ'ן וואָרצעל אַלס קרבן פאַר די געטער.

אין די קעלטערע געגענדען האָט מען בעאַרבייט האָבער און קאָרן. אין די ערטער מיט אַ וואַרעמערען קלימאַט האָט מען פון די דאָזיגע ברויט־געוויקסען נישט געוואוסט. אַזוי זענען די דאָזיגע געוויקסען נישט דערמאָהנט אין תנ"ך, אַ סימן, אַז די אידען האָבען אַמאָל פון זיי נישט געוואוסט. די גריכען און רוימער האָבען פון זיי אויך נישט געוואוסט. קאָרן איז צוערשט געבראַכט געוואָרען אין איירעפּאַ פון איינינע אזיאַטישע געגענדען דורך די גערמאַנער, און די היימאַט פון האָבער איז איירעפּאַ.

פון די געוויקסען, וועלכע האָבען די לעצטע צייט בעקומען אַ וויכטיגע בעדייטונג אין איירעפּאַ, דאַרף מען נאָך דערמאָהנען דעם קאַרטאָפעל. דאָס איז אַן'אַמעריקאַנער געוויקס, וואָס איז אין זעכצעהנטען יאָהרהונ־

דערט געבראכט געווארען אין איראפא און דארטען האט עס זיך שטארק פערשפרייט און איז ערטערווייז, ווי אין אירלאנד למשל, געווארען איינע פון די הויפט־שפייזען פון די ארעמע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

די אלע אויסגערעכענטע מינים, וועלכע מיר ברענגען איצט און די פערשידענע געגענדען אלס די וויכטיגסטע ברויט־געוויקסען, האבען נישט אלע מאל געהאט דעם זעלבען אויסזעהען, וואס איצט. א מאל זענען זייערע קערנער געווען פיעל מאגערער און האבען געגעבען פיעל שווארצערע מעהל, ווי איצט. נאר דערמיט, וואס דער מענש האט זיי בעארבייט און געשאפען גינסטיגערע בעדינגונגען פאר זייער וואקסען, האט ער מיטגעהאלפען זיי זאלען ווערען פיעל גרעסער, פליישיגער און ווייסער, איידער זיי זענען געווען. ביז איצט האט זיך איינגעגעבען צו געפינען די מ ו ט ע ר ס פון איניגע פון די פלאנצונגען, ד. ה. די ווילדע פלאנצונגען, פון וועלכע עס זענען אנטוויקלענדיג זיך — ארויסגעקומען אונזערע איצטיגע ברויט־געוויקסען. אזוי האט מען אין טשילי (אין דרום־אמעריקא) געפונען די מוטער פון דעם קארטאפעל, און מיט עטליכע יאהר צוריק האט דער אידישער אגראנאם אהרנסאן אין פאלעסטינא געפונען די מוטער פונ׳ם ווייץ. די דאזיגע ווילדע פלאנצונגען בעווייזען בעשיינפערליך, אויף וויפיעל די מענשליכע ארבייט האט געווירקט אויף די אויסבעסערונג פון די מינים. אזוי גיעט די מוטער פונ׳ם ווייץ אזוינע דארע און מאגערע קערנער, אז עס איז אין זיי זאגאר שווער צו דערקענען ווייץ־קערנער.

אויסער די אויסגערעכענטע ברויט־געוויקסען, האט דער מענש שוין גאנץ פריה אנגעהויבען צו בעארבייטען אייל־געוויקסען, פאדעם־געוויקסען, און געוויקסען, וואס מען האט בענוצט צום רויכערען. פון די אלע געוויקסען איז דאס עלטסטע און וויכטיגסטע דער ל ײ ן. ער איז געווען שטארק פערשפרייט נאך אין מצרים און אין פאלעסטינא, וואו מען האט בענוצט סיי זיינע זוימען אויף אייל, סיי זיינע שטענגלעך אויף פלאקס. אין איראפא אבער האט מען אמאל בענוצט נאר די ליין־זוימען, און דעם פלאקס האט מען דארטען אנגעהויבען צו בענוצען פיעל שפעטער. אין גריכענלאנד זענען לייווענטענע קליידער געווען א לוקסוס. און אין אינדיען בענוצט מען נאך איצט אויך די ליין־שטענגלעך נישט, מעהר נישט די זוימען, פון וועלכע מען מאכט אייל.

נאך ליין געהען ק א נ א פ ל ע ס. פון זיי האבען די מצריים, די אידען און די פיניקיער נישט געוואוסט. זייער היימאט איז צענטראל־אזיען, ארמעניען און פערסיען. פון דארטען זענען זיי איבערגעגאנגען צו די סקיטען,

װעלכע האָבען געװאָהנט אין די סטעפּען בײ׳ם שװאַרצען ים, און פֿון די
סקיטען האָבען דאָס געװיקס איבערגענומען די גריכען. פֿון די קאָנאָפּלעס
האָט מען אויך צוערשט אויסגענוצט נאָר די זױמען אויף בױמאײל (דאָס
איז דער רוסישער אָלײ) און צום װיכערען האַשיש, און ערשט שפּעטער
האָט מען אָנגעהױבען צו בענוצען איהרע שטענגלעך אױף פֿעדים. מאַן
האָט זיך פֿערשפּרײט פֿון פּערסיען, װאו עס װאַקסט נאָך איצט אױך אין
װילדען צושטאַנד. די הײמאַט פֿון טאַבאַק איז אַמעריקאַ, פֿון דאָר־
טען האָבען די אײראָפּעער איהם איבערגעפֿיהרט צו זיך און דערנאָך
פֿערשפּרײט איבער די איבעריגע װעלט־טײלען.

װאָס פֿעסטער דער מענש האָט זיך בעזעצט אויף אַנ׳אָרט, אַלץ
מעהר מינים האָט ער אָנגעהױבען צו זײהען. צוערשט האָט ער נאָר פֿער־
זײהעט זײן פֿעלד מיט ברױט־געװיקסען, דערנאָך האָט ער זיך פֿערזײהעט
אױך אַ גרינס־גאָרטען און ענדליך האָט ער אָנגעהױבען צו פֿלאַנצען
אַ סאַד פֿון שטרױכען (קוסטעס) און פֿרוכט־בױמער.

אין אױסטראַליען זענען נישט געװען אַזױנע מינים גראָזען, װעלכע
מען זאָל קאָנען בעאַרבײטען אַזױ װי אונזערע ברױט־געװיקסען. דאָרטען
האָט זיך דערפֿאַר די ערד־אַרבײט נישט ענטװיקעלט, און נאָר אױף אײני־
גע אינזלען פֿונ׳ם שטילען אָקעאַן האָבען די אײנװאָהנער געזײהעט די
עסבאַרע װאָרצלען פֿון אײניגע פֿלאַנצונגען און דערמיט מיטגעהאָלפֿען
זײער פֿערמעהרונג. און אױסער דעם האָבען זײ שטאַרק אָפּגעהיט די יונ־
גע שפּראָצען פֿון די פֿרוכט־בױמער, איבערהױפּט פֿון דעם ברױט־בױם.

די געצײג, װעלכע דער מענש האָט צוערשט בענוצט בײ דער ערד־
אַרבײט, זענען געװען זעהר פּשוטע. אין דער אמת׳ען זענען צוערשט גאָר
קײן בעזונדערע ערד אַרבײטערישע געצײג נישט געװען. דער אױסטראַל־
יער טראָגט שטענדיג מיט אַ פֿערשפּיצטען שטעקען אויף אױסצוגראָבען
װאָרצלען פֿון דער ערד. דער זעלבער שטעקען איז אױך געװען די ערשטע
ערד־אַרבײטערישע געצײג. מיט איהם האָט מען געמאַכט אַ לאָך אין דער
ערד אױף אַרײנלעגען אַהין דאָס קערענדעל, מיט איהם האָט מען אױך
צוגראָבען דעם באָדען. דער בושמען טהוט אָן אױף זײן שטעקען אַ דיקען
צאַפּען (שישקע), װעלכער דיענט אַלס אָנשפּאַר־פּונקט פֿאַר דעם שטעקען,
װאָס װערט דורכדעם פֿערװאַנדעלט אין אַ הױב־שטאַנג (ריטשאַג).

אױף די אַנטילישע אינזלען , צו דער צײט, װען די אײראָפּעער
האָבען זײ ענטדעקט, איז די ערד ־ אַרבײט געשטאַנען אױף אַ גאַנץ
הױכער שטופּע. די דאָרטיגע אײנװאָהנער האָבען געיעט זײערע

פעלדער. האבען צושטעלט שרעק־פיגורען אויף אבצוטרייבען די פויגעל און אין איינינע ערטער זענען זיי זאגאר דערגאנגען צו קינסטליכער בעוועסערונג. און די גאנצע ערד־ארבייטערישע געצייג זייערע זענען בעשטאנען נאר פון א שטעקען, מיט וועלכען זיי פלעגען אויסגראבען די ווארצלען און מאכען לעכער אין דער ערד פאר די מאאיס־קערנער.

דאס זעלבע זענען אויך די פרויען אין דרום־מזרח אפריקא זעהר גוטע ערד־ארבייטערינס. זיי זענען זאגאר אין זייער קונסט דערגאנגען אזוי ווייט, אז זיי טריקענען אויס זומפיגע ערטער, אנשטענדיג אויף זיי זאמד. נאר פון קיין העכערע געצייג, אויסער א שטעקען, ווייסען זיי נישט.

ווען מען האט אנגעהויבען צו גראבען די ערד מיט א האק אדער מיט אנ׳אנדער ברייטען פלאציגען געצייג, האט זיך בעקומען דער פ י א ש (פראנצויזישער גראב־אייזען). ווען דער שטיין פון דער האק איז געזעסען נישט פערפענדיקולער צום שטעקען, נאר אנגעבויגען, האט זיך בעקומען די ק י ר ק ע אדער די ג ר א ב ש י י ט ע ל. איינס פון די פערשפרייטעסטע ערד־ארבייטערישע געצייג סיי אין אזיען, סיי אין דער אמאליגער אייראפא. אין שוועדען האט מען א מאל ביי׳ם בעארבייטען דעם באדען הויפטזעכליך בענוצט דאס דאזיגע געצייג, און דערפאר רופט מען די קירקע מיט׳ן נאמען די שוועדישע.

ווען מען האט די גראב־שייטעל געמאכט שווערער און אנגעהויבען צו שלעפען זי איבער דער ערד, האט זיך בעקומען דער א ק ע ר. צו איהם האט מען שפעטער צוגעגעבען פון איין זייט א הענדטעל אויף צו האלטען איהם גלייך און פון דער אנדערער זייט א לאנגען שטעקען אויף צו שיעפען. כדי דעם אקער פעסטער צו פעראייניגען מיט׳ן שטעקען, האבען די מצריים זיי צוזאמענגעבונדען מיט א שטריק. ביי די גריכען איז דער אקער בעשטאנען פון א פשוט׳ען שפיציגען סוק. פון אזא סוק בעשטעהט נאך איצט דער אקער ביי די אראבער און פאלעסטינא. די רוימער האבען אויפ׳ן שפיץ פונ׳ם אקער אנגעטהון אנ׳אייזען, צוגעגעבען א ברעטעל אויף אבווארפען די ערד און זאגאר ארויפגעשטעלט איהם אויף רעדלעך. און עס האט זיך בעקומען דער א ק ע ר ־ א י י ז ע ן אדער פ ל ו ג. די ס א כ ע, וועלכע מען האט ביז גאר דער לעצטער צייט בענוצט אין פיעל ערטער אין ווייס־ריסלאנד און אין דער ליטא, איז אזא איינפאכער פלוג. די לעצטע צייט האט מען דעם פלוג פיעל אויסגעבעסערט און ספעציאליזירט, ד. ה. צוגעפאסט צו פערשיעדענע בעזונדערע ארבייטען, ווי צ. ב.

אויף אויפאַקערן דעם באָדען, אויף דורכגראָבען קאַרטאָפעל, אויף יעטען א. ד. ג.

אַ מאָל פלעגען דעם אַקער שלעפען מענשען. געוועהנליך איז די אַרבייט געלעגען אויף די פרויען. דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבען צו בענוצען מיט קנעכט אויף צו שלעפען דעם פלוג. אזא אַרט אַרבייטען מיט קנעכט איז איבערהויפט געווען פערשפרייט אַ מאָל אין רוים. דערנאָך האָט זיך דער מענש אָנגעהויבען צו בענוצען מיט דער קראַפט פון בהמות: פון קיה, אייזלען, קעמלען, פערד און מויל־אייזלען, און גאָר די לעצטע צייט האָט דער מענש ערפונדען דעם דאַמפף־פלוג.

צוערשט האָט די פרוי נאָך נישט געוואוסט פון אַקערן דעם באָדען. זי האָט פשוט אויסגעשפרייט די קערנער אויף דער אָבערפלאַך פון דער ערד. נאָר ווען זי האָט בעמערקט, אַז די פויגעל צוגנב'ענען די קער־נער, האָט זי זיך דערטראַכט צו בעדעקען די קערנער מיט ערד: זי פלעגט מאַכען מיט'ן שטעקען אַ גריבעל אין דער ערד און אַריינוואַרפען אַהין דאָס קערענדעל. דערמיט פלעגט זי שוין אָביסעל צוגראָבען דעם באָדען. אויסרייסענדיג די מיסט־גרעזער פון צווישען די פערוייהעטע גע־וויקסען, האָט זי דעם באָדען נאָך מעהר צוגראָבען און ווייכער געמאַכט. ווען מען האָט ערפונדען דעם אַקער און אָנגעהויבען דורכצופיהרען מיט איהם גאַנצע בעראָזנעס — אַ לאַנגע גריבעל פאַר אַ סך קערנער,— האָט מען דעם באָדען דערמיט מעהר אָדער ווייניגער איינגאַנצען צוקראַצט. אזא אַרט צוקראַצען דעם באָדען קאָן מען נאָך אויך איצט בעגעגנען ביי די אַראַבער אין פאַלעסטינא. אַקערן מיט'ן שופעל — איז אַ ערפינדונג נאָר פון דער לעצטער צייט.

געזייהעט האָט מען נאָך ביז גאָר נישט לאַנג מיט די הענד, צוערשט אויפקלעגענדיג יעדעס קערענדעל אויף זיין אָרט און שפעטער פונאַנדער־וואַרפענדיג מעהר אָדער ווייניגער גלייכמעסיג איבער דעם פעלד די זריעה־קערנער. דאָס שניידען איז צוערשט בעשטאַנען אין אויסרייסען דעם שטענגעל (די שטרוי) צוזאַמען מיט'ן זאַנג, אָדער אין אָבקנייפען דעם זאַנג. דערנאָך האָט מען זיך גענומען בענוצען מיט ספּעציעלע שנייד־מע־סער: מיט'ן סערפּ און מיט דער קאָסע. דאָס דרעשען איז בעשטאַנען אין אויסשלאָגען די קערנער פון די זאַנגען מיט דער הילף פון דרעש־פלעקלעך. די דאָזיגע אַלע געציי ווערען נאָך איצט אין פיעל ערטער בענוצט אפילו אין רוסלאַנד. און נאָר גאָר די לעצטע צייט האָט מען ער־

פונדעֶן פיעל פעֶרשיעדענארטיגע אקערבוי־געצייג אדער מאשינען: די זייה־מאשין, די שנייד־מאשין, די דרעש־מאשין א. ד. ג.

לכתחילה פלעגט די פרוי פונאנדערווארפען איהרע קערנער נאר נאהנט ארום דעם געצעלט, וואו זיי האבען געוואהנט. ווען די ערד־ארבייט איז געווארען א וויכטיגער צווייג פון ארבייט, האט זיך דער שטח פון דעם פעלד פערברייטערט. געוועהנליך פלעגט דער מענש בעארבייטען שטיקער באדען, פרייע פון וואלד, אזויגע באדענס פלעגען אבער אין די אמאליגע צייטען זיין ווייניג. האט דער מענש מיט דער צייט אנגעהויבען אויסצוברענען דעם וואלד און אויף דעם בעקומענעם ארט זייהען. די אש, וואס פלעגט זיך בעקומען ביי׳ם אויסברענען די בוימער, פלעגט בעך מיסטיגען דעם באדען און פערגרעסערען זיין פרוכטבארקייט. ווען מען פלעגט אבער, זייהענדיג איינגע יאהר נאכאנאנד אויף דעם זעלבען ארט, זעהר אויסמאגערען דעם באדען, פלעגט מען אויסברענען אנ׳אנדער שטיק וואלד און אריבערגעהען אהין. אזא סיסטעם פון בעארבייטען דעם באדען — דאס ליאדע סיסטעם — האט קאלומבוס געטראפען אויף די אינזלען פון וועסט־אינדיען (אמעריקא). אין שוועדען און אין צפון רוסלאנד (אין ארכאנגעלסקער גובערניע) איז דאס דאזיגע סיסטעם פון ערד־ארבייט געבליעבען נאך ביז היינטיגען טאג.

ווען דער מענש האט זיך אבער אבגעזעצט פעסטער אויף איין ארט און דער באדען ארום איז שוין געוועזען פערנומען, אזוי אז איבערגעהן פון איין ארט אויפ׳ן אנדערען איז געוועזען אונמעגליך, האט ער געמוזט געפינען אנ׳אנדער מיטעל, ווי אונטערצוהאלטען די פרוכטבארקייט פונ׳ם באדען. דער מיטעל איז בעשטאנען אין דעם, וואס מען פלעגט דעם באדען לאזען פון צייט צו צייט אויסרוהען זיך. מען פלעגט דעם גאנצען באדען צוטיילען אויף דריי גלייכע חלקים אדער פאסען. אויף איין חלק פלעגט מען פערזייהען ווינטער־תבואה, אויף דעם אנדערען זומער־תבואה און דעם דריטען פלעגט מען לאזען אויף א יאהר רוהען. דאס דאזיגע סיסטעם פון ארבייט — דאס דריי־פעלדער־סיסטעם — איז געוועזען פערשפרייט אין אייראפא ביז גאר דער לעצטער צייט, און נאר די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאהר האט מען אנגעהויבען צו צוטיילען דאס פעלד נישט אויף דריי, נאר אויף מעהר — אויף 6, 8 אדער 12 פעלדער — אזוי אז יעדעס יאהר קומט אוים צו לאזען נישט בעארבייט א קלענערען טייל באדען איידער א דריטעל.

די בעמיסטיגונג פונ׳ם באדען, כדי אונטערצוהאלטען זיין פרוכטבארקייט, איז אויך א מאל דעם מענשען נישט בעקאנט געוועזען. אין מצרים

האט דער ניל, פונאנדערגיסענדיג זיך, אליין בעמיסטיגט דעם באדען; קיין קינסטליכע בעמיסטיגונג האט מען דארטען דערפאר נישט בענוצט. פון קיין בעמיסטיגונג האט מען אויך נישט געוואוסט אין פאלעסטינא, אין גריכענלאנד און אין רום. די אראבער אין פאלעסטינא בעמיסטיגען נאך איצט אויך נישט זייערע פעלדער. און די גאנצע מיסט, וועלכע קלייבט זיך אן אין משך פון צעהנדליגער דורות, זאמעלט זיך ביי זייערע דערפער און בילדען אויס גאנצע בערגלעך. בעמיסטיגען דעם באדען האט מען ערשט אנגעהויבען אין איירופא און אויסער דעם האט מען שוין זעהר לאנג געוואוסט פון בעמיסטיגען דעם באדען אין חינא. די לעצטע צייט האט מען אויסער געוועהנליכע בהמות־מיסט נאך אנגעהויבען צו ברויכען קינסטליכע חעמישע מיסט (קנאכען־מעהל, פאספאה א. א.)

צוערשט געפינט זיך די ערד־ארבייט אויסשליסליך אין די הענד פון דער פרוי. און נאך איצט בעשעפטיגען זיך צ. ב. ביי פיעל נעגערישע שבטים אין אפריקא, ווי אויך ביי די דעלאווערען און איראקעזען אין אמעריקא נאר די פרויען מיט ערד־ארבייט. ביי די גערמאנער האט זיך אמאל גערעכענט פאר א שאנדע, א מאנספערשוין זאל ארבייטען ערד, און ערשט שפעטער, ווען די ערד־ארבייט איז געווארען א וויכטיגער ערנעהרונגס־צווייג, איז זי איבערגעגאנגען אין מאנסבילשע הענד.

די פארמען פון דער מענשליכער ארבייט האבען אלעמאל געווירקט אויף דער ארט לעבען פון דעם מענשען. ווען דער מענש האט זיך הויפט־זעכליך בעשעפטיגט מיט יאגד, האט ער אפט געמוזט בייטען די ערטער, יאגענדיג זיך נאך חיות. ווען ער האט זיך ערנעהרט מיט פארטיגע ווארצלען און פרוכט, האט ער אויך געמוזט בייטען דעם ארט, ווי נאר ער האט אבגעפליקט די פרוכט און אויסגעגראבען די ווארצלען. דאמאלס איז דער מענש געווען א וואנדערער. ווען ער האט אבער אנגעהויבען צו זייהען, האט ער געמוזט אנהויבען צו בלייבען לענגער אויף איין ארט — חאטש ביז עס וועט צייטיג ווערען דאס פערזייהטע. און וואס שווערער עס איז אין אן׳ארט געווארען די יאגד, ווייל מען האט ביסלעכווייז אויסגעשאסען די חיות, אלץ א גרעסערע ראלע האט אנגעהויבען צו שפיעלען דאס פערזייהטע פעלד. ביסלעכווייז ווערט דאס פעלד דער הויפט־ערנעהרער, עס גיעט דעם מענשען מיט אמאל שפייז כמעט אויף א גאנץ יאהר פאראויס. דער מענש בינדט זיך צו צום פעלד. ער בויט אויף איהם אויף זיין שטענדיג הויז, ער ווערט אן איינגעזעסענער. און די

אײנגעזעסענהײט פֿאר'ן מענשען מאכט ערשט מעגליך זײן װײטערדיגע ענטװיקלונג. זײענדיג לענגער אויף אײן ארט, װערט דער מענש נעהנ־טער בעקאנט מיט די נאטור־בעדינגונגען פֿון דעם ארט און לערנט זיך אויס, װי אויף זײ צו װירקען.

דא קומען די מענשען אין שטענדיגערע און ענגערע בעציהונגען צװישען זיך. עס שאפֿט זיך א מענשליכע געזעלשאפֿט, װעלכע רופֿט ארויס בײ'ם מענשען נײע בעדערפֿנישען און א נײע אנשטרענגונג צו בעפֿריעדיגען די בעדערפֿנישען. דא קלײבט זיך בײ'ם מענשען פֿון דור צו דור אלץ מעהר ערפֿאהרונג. דא ארבײטען זיך בײ איהם אויס אלץ מעהר קולטור־בעדערפֿנישען.

פֿירטעס קאפּיטעל.

די פֿערהײמישונג פֿון חיות און די פֿיהצוכט.

די חיות האבען געדיענט דעם מענשען פֿון אוראלטע צײטען אן אלס יאגד־מאטעריאל. ער האט זײ געטויט און געגעסען זײער פֿלײש. װי מיר האבען שוין געזעהען, פֿלעגט דער מענש געװעהנליך באלד אויפֿעסען אלץ, װאס ער האט געפֿונען, װײל ער האט נישט געװאוסט, װי צו קאנסערװירען פֿלײש, עס זאל נישט קאליע װערען.

נאר מיט דער צײט האט ער זיך דאס דאך אויסגעלערנט. ער האט געקאנט בעמערקען, אז דאס פֿלײש, װאס איז געלעגען אויפֿ'ן פֿײער אדער בכלל געװען אונטער דער װירקונג פֿון פֿײער, איז נישט נאר געשמאקער געװארען, נאר עס קאן אויך ליעגען לענגער און נישט קאליע װערען. ער האט דערפֿאר אנגעהויבען צו בראטען דאס פֿלײש. ער האט זיך אויך אויסגעלערנט צו רויכערן פֿלײש, האלטענדיג עס לענגער אויפֿ'ן רויך. און דערפֿון האט דאס פֿלײש אויך בעקומען א געװיסע דויערהאפֿטיגקײט.

אין די גאר הײסע לענדער האט מען זיך בענוצט מיט די ברע־נענדיגע שטראהלען פֿון דער זון אויף צו טריקענען פֿלײש. צ. ב. בײ די טובי־רעשאדע אין אפֿריקא, צושנײדט מען דאס פֿלײש אויף דינע פאסען און מען שפּרײט זײ אויס אויף שטײנער, װאס זענען אנגע־ברענט פֿון דער זון. דאס פֿלײש װערט שנעל אויסגעטריקענט און פֿער־װאנדעלט זיך אין הארטע פאסען, ענליך צו רימען, אײדער צו פֿלײש. דערפֿאר אבער װערט עס אין דעם דאזיגען צושטאנד נישט גיך קאליע,

און ווען מען דארף דאס עסען, צוקלאפּען עס די פּרויען מיט שטיינער ביז עס ווערט ווייך.

מיט דער צייט אָבער האָט זיך דער מענש אויסגעלערנט גאָר אויף אַנ'אַנדער אופן צו קאָנסערווירען פלייש: נישט לאָזען ליעגען דאָס פלייש פון געטויטע חיות. נאָר אַנגרייטען בייא זיך די חיות לעבעדיגע, כדי ער זאָל זיך קאָנען בענוצען מיט זייער פלייש, ווען ער וועט דארפען. ער האָט זיך אויסגעלערנט צוצוגוינדען די חיות צו זיך אָדער צו זיין הויז, צו פערהיימישען חיות.

צוגעוועהנען צו זיך די אָדער יענע חיה איז נישט גאָר פון די שווערע זאכען, איבערהויפּט, ווען מען פאנגט די חיה יונגערהייד. אַזוי קאָן מען נאָך איצט מאַכען הוימיש אפילו אַ וואָלף, אָבער א. ד. ג. חיות, אויסער אפשר די גרויסע מינים פון דער קעץ-משפחה, ווי דעם לייב, דעם טיגער א. ד. ג. און פאנגען אַ יונגע חיה לעבעדיגערהייד איז דעם ווילדען מענשען, וועלכער האָט זיך שטענדיג בעשעפטיגט מיט געיעג, געווען זעהר לייכט. אָפט געהט די יונגע חיה אַליין נאָך דעם יעגער, ווען יענער האָט דערשאָסען איהר מוטער. אַזוי געהט נאָך די קאַלב פון אַ בּיזאָן דעם אינדיאַנער, וואָס האָט איהר מוטער געשאָסען, ביז אין זיין געצעלט אריין און פערלאָזט איהם שוין מעהר נישט.

אמת, פון צוגעוועהנען צו זיך אַנ'איינצעלנע חיה ביז אַנהויבען צו האָדעווען אַ געוויסען מין אין גרויסען מאַסשטאַב איז גאַנץ ווייט. וויל פיעלע ווילדע חיות פערמעהרען זיך נישט אין געפאנגענשאַפט. נאָר דער ווילדער מענש האָט זיך אין דער הינזיכט געפונען אין פיעל בעסערע בעדינגונגען, איידער דער ציוויליזירטער. ער איז אַליין נאָך אויך געווען זעהר נאָהענט צו דער נאַטור. בייא איהם האָבען די חיות נישט געקאָנט פיהלען אַזוי די קנעכטשאַפט, ווי בייא אונז: ער האָט זיי נישט פערשפּאַרט אין קיין שטאַהלען; ער האָט נאָך אַליין אויך זעהר אָפט איבערגעוואַנדערט, ווי אַנדערע חיות, פון אָרט צו אָרט. און זיי האָבען זיך דאָן דערפאַר פיעל לייכטער פערמעהרט אין דער האַלבער געפאנגענשאַפט בייַ'ם ווילדען מענשען, איידער אַ ווילדע חיה איצט בייא אונז.

אַלזאָ צוגעוועהנען צו זיך אַ ווילדע חיה, זי זאָל זיך אויפהערען צו שרעקען פאַר'ן מענשען, איז נישט אַזאַ שווערע זאַך. וואָס אָבער האָט דעם מענשען געטריבען אַנהויבען צוצוגעוועהנען צו זיך די ווילדע חיות? עס קאָן זיין, אַז דער מענש האָט שוין געהאַט פון אַנהויב אָן אין

אויסזיכט צוזאַמגעריטען זיך אַ געוויסען פּאַראַט פון פלייש אין די לעבע־דיגע חיות, נאָך וועלכע ער יאַגט זיך. אַזוי צוימט איצט אַ יעגער אַרום אַ געוויסען אָרט אין וואַלד, וואו עס לעבט אַ געוויסער מין חיה, ווי דער זוכר אין דעם בעלאָוויעזשער וואַלד, כדי זי זאָל פון דאַנען נישט אַוועק, און כדי ער זאָל זיך נאָך איהר לייכטער קאָנען יאָגען. און וועלענדיג האָבען אין אַ געוויסען אָרט די משוגעדע חיות, וועלכע האָבען איהם געדינט אַלס יאַגד־מאַטעריאַל, האָט אויך דער ווילדער געקאָנט זיי פערטרייבען אין אַ געוויסען אָרט, האַלב אַרומגעצוימט און לאָזען זיי דאָרט פיטערען זיך אין האַלבער געפאַנגענשאַפט. דאָ האָבען זיך די חיות, איבערהויפּט די יונגע, צוגעוועהנט צום ריח פונ׳ם מענשען, האָבען זיך ביסלעכווייז אויפגעהערט צו שרעקען פאַר איהם און זענען מיט דער צייט געוואָרען צוגעבונדען צו איהם.

נישט אַלע מאָל אָבער האָט דער מענש פערהיימישט די חיות, האָבענדיג אין אויסזיכט נאָר דעם מאַטעריעלען נוצען, וואָס זיי וועלען איהם ברענגען. דער ווילדער מענש איז ווי אַ קינד. ער האָט ליעב פערשיעדענע שפּילעריי׳ען. און די פערשיעדענע לעבעדיגע ברואים זענען אָפט זעהר אַ גוטע שפּילצייג פאַר׳ן מענשען. נאָך איצט בעגעגענען מיר מענשליכע שבטים, וועלכע פערהיימישען חיות, פון וועלכע זיי קאָנען קיין נוצען נישט האָבען. אַזוי, צ. ב. קאָן מען בעגעגענען אין די וועלדער פון בראַזיליען ווילדע אינדיאַנער, אַרומגערינגעלט מיט די פערשיעדענסטע היימיש־געמאַכטע חיה׳לעך און פויגעל, מיט וועלכע זיי מיילען זייער לעצטען ביסען און פון וועלכע זיי האָבען קיין שום נוצען נישט, אויסער אפשר די פעדערען פון איניגע פויגעל, מיט וועלכע זיי בעפוצען זיך. וויל עסען דאָס פלייש אָדער די אייער פון די פויגעל האָבען זיי מורא.

עס זענען נאָך פאַרהאַן אַנדערע מאָטיווען, צוליעב וועלכע דער מענש פערהיימישט די חיות. דאָס זענען רעליגיעזע מאָטיווען. אַזוי צום ביישפּיעל, זענען אין אַפריקאַ פאַרהאַן איניגע נעגער־שבטים, וועלכע ערקלערען זיך די לקוי־לבנה, וועלכע עס קומט זיי אויס אָפט צו בעמערקען, דערמיט, וואָס בייזע גייסטער בעפאַלען דעם נאַכט־לייכטער, און זיי רעכענען, אַז בעפרייען די לבנה פון דעם אַנפאַל קאָן מען דורך אַ קרבן. דערביי איז דער בעסטער קרבן — אַ קוה, וויל איהרע האַלב־קיילעכדיגע הערנער זענען זעהר עהנליך צו דעם סערפּ פון דער לבנה.

כדי שטענדיג האבען גרייט אזא קוה פאר א קרבן, פערצוימען זיי א טשערעדע פון די קיה, וועלכע פיטערען זיך און ווילדען צושטאנד אין וואלד, אין א געוויסען ארט, און דא, אין דעם אבגעצוימטען ארט, וואו די קיה זעהען ארום זיך אפט דעם מענשען, וועלכער טהוט זיי קיין שלעכטס נישט, ווייל זיי זענען הייליגע קיה, געוועהנען זיי זיך צו איהם צו. שפעטער ברענגט דער נעגער אלס קרבן ביי לקוי־לבנה שוין נישט די קוה, נאר איהר קאלב, אדער גאר די מילך, וועלכע איז בעשטימט פאר דער קאלב, און מיט דער צייט הויבט ער זיך אליין אן צו בענוצען מיט'ן פלייש פון די קיה.

אזא פערהיימישען חיות אויס רעליגיעזע מאטיווען איז פארגעקומען אויך ביי פילע אנדערע פעלקער און אגב אויך ביי די עגיפטער. די עגיפטער האבען געגלויבט אין גלגול, ד. ה. אז די נשמה פונ'ם מענשען געהט איבער נאכ'ן טויט אין א חיה. ביי פילע פעלקער ווערט די שלאנג פערעהרט פאר דעם בעקוועמסטען ארט, וואס די נשמה קאן זיך נאר אויסקלייבען, ווייל די שלאנג ליעגט זיך א רוהיגע גאנצע טעג און ווארעמט זיך אויף דער זון. ביי די עגיפטער האט זיך אין איניגע ערטער פאר אזא הייליגע חיה, וועלכע די נשמה קלייבט זיך אויס נאכ'ן טויט, גערעכענט דער קראקאדיל. נאר אויב דער בושמען בעגנוגענט זיך נאר מיט אבטרעטען דעם וועג דער הייליגער חיה, ווען ער בעגעגענט זי, האפענדיג, אז דער גייסט, וועלכער וואהנט אין איהר, וועט איהם דערפאר מסתמא בעלוינען, בעגעהט זיך דער עגיפטער מיט דער הייליגער חיה גאנץ אנדערש. ער קלייבט זיך אויס אזא חיה, אין וועלכער עס וואהנט — לויט זיין גלויבען — די נשמה פון זיינע עלטערען, און רינגעלט זי ארום מיט אלע בעקוועמליכקייטען און זעהט איהר לעבען צו פערזיסען. ער האט הנאה שוין פון דעם אליין, וואס די הייליגע חיה איז נאהענט צו איהם, חאטש ער ערווארט פון איהר נישט קיין בעלוינונג.

אזוי ווי דעם קראקאדיל, האט מען אין מצרים אויך געהאלטען פאר הייליג דעם הונד. אויף די מצבות און אנדערע דענקמעלער, וועלכע זענען געבליבען אין אזא גרויסער צאהל פון די עגיפטער, געפינט מען אויסגעמאלט אזוינע הייליגע הינד. אין די קברים געפינט מען זייערע מומיעס (באלזאמירטע קערפער). דער מענש האט זיך דערפאר געסבארעט, וואס בעסער צו בעגעהן זיך מיט די הינד; מען האט זיי געגעבען עסען; עס איז געווען פערוועהרט זיי צו שלאגען. ס'פערשטעהט זיך,

אז אזוינע הינד האבען נישט געוויכט פונ'ם מענשען, נאר, פערקעהרט, — זיי האבען זיך פערמעהרט אין א גרויסער צאהל און פלעגען גאנצע סטאדעסווייז ארומלויפען איבער די שטעדט. פון די עגיפטער איז די פערעהרונג פון די הינד איבערגעגאנגען צו די אראבער, וועלכע האבען איינגענומען עגיפטען. און האטש די אראבער־מחמד'אנער האבען שוין נישט געגלויבט אין גלגול פון די נשמות אין די הינד, דאך האט יעדער אראבער נישט געוואגט צו שלאגען די הינד, וועלכע פלעגען נאך גאר נישט לאנג אנפילען די גאסען פון קאאירא (די הויפט־שטאדט פון מצרים) און האט זיי צוגעווארפען צו עסען וואס ער האט געקאנט

נישט ווייניגער פאר די מצריים, האבען פערעהרט און פערהייליגט די הינד די פערסיער. די לעצטע פלעגען נישט מקבר זיין זייערע טויטע. זיי פלעגען זיי אבגעבען אויפעסען די הינד. צוזאמען מיט'ן קערפער פלעגען די הינד אויך — לויט זייער גלויבען — ארייננעהמען אין זיך די נשמה פון דעם געשטארבענעם. דער פערסיאנער פלעגט דערפאר נאר דאן רוהיג שטארבען, ווען נעבען איהם איז געווען א לעבעדיגער הונד. אויסערדעם האט דער הונד, אזוי ווי דאס הייליגע פייער, אבגע־היט די טשערעדעס שאף פון וועלף און אנדערע חיות. דער הונד איז דערפאר ביי די פערסיער געווען הייליג. געבען שלעכט עסען א הונד, האט געהייסען ביי זיי — ברענגען אויף זיך אן אומגליק; שלאגען א הונד איז געווען פערבאטען. דערפאר אבער געבען עסען א פרעמדען הונד האט זיך גערעכענט פאר א מצוה. א ניי־געבארען הינדטעל האט מען געדארפט בעשיצען פון קעלט און היץ און בעזארגען מיט אלעם ניי־טיגען. דעם מיידעל, וועלכע פלעגט נאכדעם נעהמען זיך זארגען פאר דאס הינדטעל, פלעגט דאס פערדעכענט ווערען פאר אזא מצוה, ווי דאס היטען דאס הייליגע פייער.

אלזא, די מאטיווען, צוליעב וועלכע דער מענש האט פערהיימישט די חיות, זענען געווען פערשיעדענע. נאר זיי אלע האבען געבראכט דערצו, אז די חיות, וועלכע האבען זיך פריהער געשראקען פאר'ן מענשען און זענען זיינע פיינד געווען, האבען זיך בוסלעכווייז צוגעבונ־דען צו איהם און זענען געווארען זיינע פריינד. און אפט זעהר איבערגע־געבענע פריינד.

פון די חיות, וועלכע דער מענש האט פערהיימישט, איז דער ער־שטער געווים געווען דער הונד. דאס איז די איינציגע חיה, וועלכע

לעבט צוזאמען מיט'ן מענשען אומעטום און אלע געגענדען, פון די הייסעסטע ביז די קעלטסטע. און גאנץ אמעריקא האט דער אינדיאנער קיין אנדערע היימישע חיות, אויסער דעם הונד, נישט געהאט. קיין בעזונדערע דאגות וועגען ערנעהרען זעם הונד האט דער מענש אויך נישט בעדארפט האבען; דער הונד האט זיך בעגנוגענט מיט די שיריים פון דעם מענשענס מאהלצייט. דער הונד עסט נישט נאר פלייש: אין ניו־זעלאנד ערנעהרט ער זיך כמעט אויסשליסליך מיט פיש און אויף די געזעלשאפטס־אינזלען (אויפ'ן שטילען אקעאן) זענען די הינד אמת'ע וועגעטאריאנער: מען גיעט זיי דארט עסען די פרוכט פון דעם ברויט־בוים, קאקאס־נים און אנדערע געווירץ־שפייזען. דער מענש האט דערפאר שטענדיג צוגעצויגען צו זיך דעם הונד; דער לעצטער איז נאכגעגאנגען דעם מענשען, געווארט אויף דעם, וואס דער מענש לאזט איבער נאך זיין סעודה: א ביינדעל, א הארט שטיקעל פלייש א. ד. ג. און אויף אזא אופן האט ער זיך לייכט געקאנט צוגעוועהנען און אפילו צובינדען צום מענשען. און דער מענש האט באלד געקאנט בעמערקען, אז ער קאן פונ'ם הונד נוצען האבען. בייטאכט האט איהם דער הונד געהיט און געגעבען איהם צו וויסען דורך זיין בילען וועגען דער נאהענטקייט פון ווילדע חיות. דער הונד האט נאך ארויסגעוויזען גלענצענדע פעהיגקייט צו יאגד: זעהר גוט אויסשפירען און שנעל אניאגען דאס ווילדס און נישט אויפעסען עס ביי'ם אניאגען, נאר ברענגען עס צום בעל־הבית. דער מענש האט זיך בענוצט מיט דער דאזיגער פעהיגקייט פונ'ם הונד און דער לעצטער איז געווארען זיין טיכטיגער מיטהעלפער אויפ'ן געיעג.

נאר א חוץ דעם האט דער מענש בענוצט דעם הונד אויף פלייש. אויף אלע פאלינעזיאישע אינזלען עסט מען נאך איצט הינד־פלייש; די ניו־זעלאנדער האבען דעם הונד בענוצט נאר אויף פלייש. דער אויסטראליער וואנדערט ארום, ארומגערינגעלט מיט א גאנצער טשערעדע הינד, ווי מיט א נאטירליכען לעבעדיגען פלייש־לאגער. די עסקימאסען עסען אויך זייערע הינד, ווען זיי האבען נישט קיין בעסערס. און אפילו די רוימער האבען נאך אמאל געגעסען הינד־פלייש. נאר ביי די מצריים און פערסיער, וועלכע האבען דעם הונד געהאלטען פאר הייליג, האט מען נישט געגעסען זיין פלייש. שפעטער, ווען דער מענש האט פערהיימישט נאך אנדערע חיות, וועלכע האבען געקאנט בעסער בעפריעדיגען זיין בעדערפניש אין פלייש, האט מען ביי פיעלע פעלקער —

דערין אויך ביי די רוימער — אויפגעהערט צו עסען דאס פלייש פון
דעם הונד.

צו די חיות, וועלכע דער מענש האט אויך פערהיימישט שוין זעהר
לאנג, געהערט דער חזיר. דאס איז אויך אנ'אלץ־עסענדע חיה, ארום וועל־
כער דעם מענשען איז זעהר ווייניג דאגה פארהאן, ווייל ער קאן זיך ער־
נעהרען מיט די שיריים פון מענשענס קיך, ווי אויך מיט גראז. זיין היימאט
איז אינדיען. דארט טרעפט מען נאך איצט אויך דעם חזיר אין די וועל־
דער אין ווילדען צושטאנד. פון דארטען האט ער זיך פערשפרייט אין די
אלע ערטער, וואו עס האט געוואהנט די מאלאאישע ראסע: אין דרום־
און דרום־מזרח פון אזיען און אויף פיעל אינזלען פון דעם אינדישען און
גרויסען אקעאן. אין די געגענדען פון מערב־אזיען: אין אראביען, אין פא־
לעסטינא א. ד. ג. איז דער חזיר נישט געווען. די אראבער און די אידען,
וועלכע האבען פון אנהויב אן נישט געהאט קיין חזירים, האבען זיין פלייש
נישט געגעסען. שפעטער איז געווארען דערפאר א מנהג און זאגאר א
פערבאט קיין חזיר־פלייש נישט צו עסען. עס איז אינטערעסאנט, אז די
לאפלענדער אין צפון פון נארוועגען, פיהלען נישט קיין קלענערען אבשוי
צו חזיר־פלייש, ווי צ. ב. די אידען. זיי האבען אבער אויך קיינמאל קיין
חזירים נישט געהאדעוועט און נישט געהאט.

אין מצרים זענען גאר א מאל קיין חזירים נישט געווען. נאר אין צייט
איז אויף מצרים אנגעפאלען א ניי־מאדיש פאלק, וואס האט מיט זיך מיט־
געבראכט דעם חזיר. דערפאר אבער איז דער חזיר זעהר פערשפרייט גע־
ווען אין אייראפא. אין גריכענלאנד איז דאס געווען פון די עלטסטע פער־
היימישטע חיות און האט אמאל געבילדעט די הויפט פלייש־שפייז פונ'ם
גריך. דערפאר האט זיך דער חזיר אין גריכענלאנד שפעטער גערעכענט
פאר דעם אנגענעהמסטען קרבן פאר די געטער. אין רוים האט דער חזיר
בימלעכווייז ארויסגעשטופט דאס הונד־פלייש. פון רוים האט זיך דער
חזיר פערשפרייט איבער גאנץ אייראפא.

כמעט אנ'אלץ־עסענדע חיה און דערפאר א לייכטע צום פערהיימישען
איז אויך געווען די ציעג. ווייל חאטש זי עסט נישט קיין פלייש, דערפאר
אבער עסט זי די פערשיעדענסטע גרינס: סיי גראז, סיי פרוכט, סיי בלעטער
און קארע פון די בוימער. דער מענש האט ארום איהר אויך דערפאר זעהר
ווייניג דאגה געהאט און שוין זעהר פריה פערהיימישט. איהר היימאט איז
מערב־אזיען, וואו מען געפינט נאך איצט אויך איינינגע מינים ציעגען אין
ווילדען צושטאנד. די ציעג איז געווען פערשפרייט אין מצרים, ביי די אי־

דען און די אַראַבער, וועלכע האָבען געהאַט גרויסע טשערעדעס ציגען און שעפּסען, אויך אין גרינלאַנד. אין גאַנצען נישט געריאוסט פֿון דער ציעג האָט מען — אויסער אַמעריקאַ, וואו עס זענען בכלל נישט געווען קיין פֿערהיימישטע חיות אויסער דעם הונד, — אין דרום־אַפֿריקאַ און אין אויסטראַליען.

אויף די עגיפּטישע דענקמעלער פֿון אַ געוויסען פּעריאָד זענען אויך אויסגעמאָהלט אַנטילאָפּען (אַ חיה ענליך צו אַ ציעג און צו אַ הירש). דאָס בעווייזט, אַז די דאָזיגע חיות זענען דאַמאָלסט געווען פֿערהיימישט אין מצרים. נאָר אויף די שפּעטערדיגע דענקמעלער זענען שוין די דאָזיגע חיות נישט פֿאַרהאַן. דער דאָזיגער פֿאַקט איז זעהר אַנ'אינטערעסאַנטער. ער בעווייזט, אַז די מענשען האָבען זיך אַמאָל געפּרובט פֿערהיימישען נישט נאָר די חיות, וועלכע מיר האָבען איצט אַלס הויז־חיות, נאָר אויך פֿיעל אַנדערע. נאָר מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזען, וועלכע פֿון זיי פּאַסען אַם בעסטען פֿאַר דער ראָלע פֿון הויז־חיות, ד. ה., וועלכע פֿון זיי קאָנען בעסער צופּאַסען זיך צו די קנעכטשאַפֿטס־בעדינגונגען, און וועלכע דער מענש שטעלט זיי, און פֿון וועלכע דער מענש קאָן גרעסערען נוצען האָבען. די, פֿון וועלכע ער האָט גרעסערען נוצען געהאַט, האָט ער מעהר צוגעבונדען צום מענשען און אַלץ היימישער געוואָר, און די איבעריגע האָט ער פֿערלאָזען, און זיי זענען צוריק אַריבער און ווילדען צושטאַנד. אָדער ווען איינער פֿון די פֿערהיימישטע האָט זיך לייכטער און שנעלער פֿערמעהרט אין'ם פֿערקנעכטעטען צושטאַנד, האָט ער דערמיט אַרויסגעשטויסען אַנדערע מינים. אַזוי געהט דער מענש מיט לאַנגזאַמע אונזיכערע טריט, אָבער אַלץ פֿאָרווערטס. ער הויבט אָן פֿיעל, ער פּרובט אַ סך, ביז עס גיעט זיך איהם וואָס ער איז דאָך איין.

אויסער די אויסגערעכענטע קליינע מינים — דעם הונד, דעם חזיר און די שאָף, ציגען און שעפּסען — האָט נאָך דער מענש פֿערהיימישט גרעסערע מינים חיות, אָדער ווי מיר ווערען זיי נאָך רופֿען בהמות. דאָס זענען דער אָקס, דאָס פֿערד, דער איזעל, דער קעמעל און דער הירש.

פֿון דער אָקסען־משפּחה זענען פֿערהיימישט אין פֿערשידענע ערטער פֿערשידענע מינים. אין אינדיען איז פֿערהיימישט דער קליינער הויקערדיגער זעבו. ענליך צו דעם זעבו, אויך אַ הויקערדיגע בהמה, איז געווען דער אָקס פֿון מצרים. און איצט איז דער דאָזיגער מין די איינציגע עשירות פֿון די דרום־אַפֿריקאַנישע שבטים. די בלאָטיגע געגענדען פֿון אינדיען

איז אויך די היימאט פון דעם בופלאקס. אין מיטעלאלטער איז ער אריבערגעגאנגען אין רוים און פון דארטען אין אונגארן און רומעניען אין אייראפא. איצט איז ער פערשפרייט אויך אין מצרים, אין פאלעסטינא און אנדערע געגענדען פון אזיען. אין אייראפא אבער זענען געוועזען איינגע אנדערע מינים פון אקסען, פון וועלכע עס איז ארויסגעקומען דער איצטיגער אקס.

דעם אקס האט דער מענש בענוצט אין די מייסטע ערטער אויף פלייש. מיט דער צייט אבער האט דער מענש איהם אנגעהויבען צו בענוצען אויך אלס ארבייטס־בהמה: אויף צו שלעפען זיין אקער, ציהען זיין וואגען און צו טראגען איהם אליין, וואו די ערד־ארבייט האט פערנומען א וויכטיגען ארט, אזוי אז די פיה־צוכט איז געווען זעהר בעגרענצט, האט מען דארט מיט דער צייט אויפגעהערט צו עסען דאס פלייש פון דעם אקס. מען הויבט אן צו קוקען אויפ'ן אקס, ווי אויף א מיטהעלפער פונ'ם מענשען, וועלכען עס איז אנ'עבירה צו קוילען. אזוי קוקט אויף דעם דער יאפאנער. ביי איהם זענען דער אקס און די קוה ארבייטס־בהמות, פון וועלכע עס איז פערוועהרט צו בענוצען דאס פלייש. שפעטער, ווען אין אייראפא ווערט דאס פערד די הויפט ארבייטס־בהמה, הערט מען דארטען אויף צו עסען פערדען־פלייש. חאטש אין פיעל ערטער, ווי ביי די טאטארען, באשקירען און אנדערע מאנגאלישע פעלקער אין צענטראל־אזיען עסט מען פערדען־פלייש אזוי ווי רינדען־פלייש. אין געוויסע ערטער אין אפריקא בענוצט מען דעם אקס נישט נאר אויף ציהען א וואגען, נאר אויך אויף צו רייטען. ביי די נעגער איז דאס זאגאר די איינציגע רייט־בהמה. און אין די דייטשע קאלאניעס אין דרום־מזרח אפריקא איז אפילו פארהאן א קאוואלעריסטען פאלק, אין וועלכען די רייט־בהמות זענען אקסען.

די היימאט פונ'ם פערד איז צענטראל־אזיען, און די פעלקער, וועלכע זענען פון צייט צו צייט פון דארטען ווי ארויסגעשטויסען געווארען, וויל זיי האבען זיך צופיעל פערמעהרט, האבען מיטגענומען מיט זיך אין די ווייטע לענדער, וועלכע זיי זענען בעפאלען, דאס פערד. אזוי האט דאס פאלק, וואס האט געבראכט אין מצרים דעם חזיר, געבראכט אהין אויך דאס פערד; די פעלקער, וועלכע זענען איבערגעגאנגען פון אזיען אין אייראפא, האבען מזכה געווען אויך דעם דאזיגען וועלט־טייל מיט'ן פערד. די גאר אלטע מצריים האבען פון דעם פערד נישט געוואוסט. נישט בעקאנט איז דאס פערד אויך אין דרום־אזיען, וויל דארטען, ווען מ'וואלט אפילו ווען

געווען אַרײַנגעפֿירט דאָס פֿערד, וואָלט עס איבער דעם הויסנאָסען קלימאַט נישט געקאָנט עקזיסטירען. דאָס פֿערד איז אונבעקאַנט אויך אין דרום־אַפֿריקאַ. נישט געוואוסט פֿון איהם האָבען אויך די אידען. ווען זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין כנען, האָבען זיי בײַ די דאָרטיגע אײַנוואָהנער שוין געטראָפֿען פֿערד און רײַטוועגען. נאָר די אידען האָבען זיך, קענטיג, נישט געקאָנט בענוצען דערמיט; האָבען זיי, נאָכדעם ווי זיי האָבען אײַנגענומען די כנענים, צוקאַליעטשעט די פֿערד און פֿערברענט די רײַטוועגען (זעה יהושע י״א, ט׳). שפּעטער האָט דוד אויך אַזוי געטהון, ווען ער האָט אײַנגענומען אַרם־צובאַ. ער האָט נאָר פֿון די טויזענד זיבען הונדערט רײַטוועגען מיט פֿערד איבערגעלאָזען אויף אַ פּראָבע הונדערט. דערפֿאַר האָט שוין שלמה אויסגעשריבען זיך פֿיעל פֿערד פֿון מצרים. ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז פֿערד האָבען דאַן פֿאָרגעשטעלט אַ לוקסוס־זאַך בײַ אידען, און זיי האָבען געקאָסט זעהר טײַער. וועגען בענוצען זיי אויף פֿלייש האָט דערפֿאַר בײַ אידען גאָר קיין רעד נישט געקאָנט זײַן.

אין פּערסיען, אין מידיען, וואוהין דאָס פֿערד איז איבערגעגאַנגען זעהר פֿריה, איז עס שפּעטער פֿערהייליגט געוואָרען. און אַזוי ווי בײַ די עגיפּטער האָט דעם הויפּט־גאָט פֿאָרגעשטעלט אַן׳עגל, דער אָקס אַפּיס (אַ שוואַרצער אָקס צווישען די ווײַסע טשערעדעס פֿון מצרים), אַזוי האָבען די פּערסיער געהאַט אַ הייליג פֿערד (אַ ווײַס פֿערד צווישען די רויטע פֿערד־טשערעדעס). בײַ די פּערסיער האָט זיך דאָס פֿערד דערפֿאַר גערעכענט פֿאַר דעם בעסטען און נײַערסטען קרבן. אין אינדיען האָבען אויך די דאָרטיגע כהנים — בראַמינער — אַם העכסטען געשעצט אַ פֿערד־קרבן; דאָס בעווײַזט, אַז די אַריער, וועלכע זענען בעפֿאַלען אינדיען און בעהערשט זי, האָבען מיט זיך געבראַכט פֿון צענטראַל־אַזיען אויך דאָס פֿערד; בײַ זיי איז דאַן דאָס פֿערד, קאָן זײַן, געווען די הויפּט־הויז־בהמה. נאָר אין אינדיען האָט זיך דאָס פֿערד נישט אַקלימאַטיזירט און האָט דאָרט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירען. די געטער אָבער, וועלכע זענען מעהר קאָנסערוואַטיוו, ווי די מענשען, האָט נאָך אַלץ אַם בעסטען געשמעקט פֿערדען־פֿלייש. אַלס בעסטער קרבן האָט דאָס פֿערד גענאָלטען נאָך בײַ די גערמאַנער און סקאַנדינאַווער.

אין אַראַביען, וועלכע איז איצט אַזוי בעוואוסט מיט איהרע פֿערד, זענען אויך אַמאָל קיין פֿערד נישט געווען. און אין קסערקסעס צײַטען נאָך זענען די אַראַבער געריטען צווישען זײַן חיל אויף אַ מלחמה מיט

די גריכען אויף קעמלען, איינגעפיהרט פערד אין אראביען האבען די
רוימער.

די גריכען האבען שוין געטראפען פערד אין אייראפא. נאר זיי
האבען נישט געקאנט און נישט געוואגט צו פאהרען אויף איהם רייט־
טענדיג. נישט געקאנט פאהרען רייטענדיג אויפ'ן פערד האבען אויך
די עגיפטער און די אידען. זיי האבען דערפאר געמאכט זיך רייטוועגען,
רכב־ברזל (אויף צוויי רעדער), אויף וועלכע זיי פלעגען ארויסטרעטען
אין מלחמה. דערפאר זענען די מאנגאלען, וועלכע זענען געקומען אין
אייראפא פון צענטראל־אזיען, ווי די טאטערען, מאדיארען, און אויך די
הונען, געווען קונציגע רייטער. דאס פערד האט ביי זיי בכלל געשפיעלט
א גרעסערע ראלע. אויסער דעם רייטען, האבען זיי דאס פערד נאך בע־
נוצט אויף פלייש, זיי האבען אויך געטרונקען זיין מילך.

אלס רייט־ און ארבייטס־בהמות האבען אין די ווארימע לענדער
נאך געשפיעלט א ראליע דער אייזעל און דער קעמעל. מען האט
זיי בענוצט אין א גרויסער צאהל אין מערב־אזיען, ביי די אראבער און
אידען, שפעטער אויך אין צפון־אפריקא, פון וואנען זיי זענען טיילוויז
אריבער אויך אין אייראפא. די אראבער האבען געגעסען אויך דאס
פלייש און די מילך פונ'ם קעמעל. געגעסען קעמעל־פלייש האט מען אויך
ערטערוויז אין אפריקא. די היימאט פונ'ם אייזעל איז קליין־אזיען. דארט
איז נאך איצט אויך פארהאן אין די בערג א ווילדער אייזעל — דער
זאנאגער. די פערסיער און קירגיזען יאגען זיך נאך זיי צוליעב זייער פלייש.
נאר ווען זיי פאנגען זיי לעבעדיגערהייד, גיעט זיך לייכט איין צו פער־
היימישען זיי. דער אייזעל איז געווען אין א גרויסער צאהל אין מצרים
אויך ביי די אידען, וואו ער איז געווען די הויפט־ארבייטס־קראפט און
לאסט־בהמה. ער איז אויך געווען ביי די אנדערע פעלקער פון מערב־
אזיען, פון וואנען ער איז שפעטער אריבער אין גריכענלאנד און רוים.
דער אייזעל קען נישט פערלייזען קיין קעלט און פערשפרייט זיך נישט
דערפאר אין די צענטראלע און צפונ'דיגע געגענדען פון אייראפא.

אין אזיען האט מען נאך בענוצט און מען בענוצט איצט אויך
אלס רייט־ און ארבייטס־בהמה דעם מויל־אייזעל, וועלכער קומט
ארויס פון אנ'אייזעל מיט א פערד. אמאל, אידער מען האט דארטען גע־
וואוסט פונ'ם פערד, האט ער זיך גערעכענט אין מערב־אזיען פאר דער
בעסטער רייט־בהמה. אזוי האט דוד המלך געריטען אויף א מויל־אייזעל.

און די צפון־געגענדען נעבען דעם אײז־אקעאן שפּילט נאך א וויכטיגע ראָליע דער הירש. דאָרטען איז ער דער אײנציגער שפּײזער פון די צפון'דיגע מענשליכע שבטים, ווי די לאַפּלענדער, סאַמאָיעדען א. ד. ג. זײ עסען זײן פלײש, זײ פאָהרען אויף איהם און פיהרען אויף איהם משא; זײ קלײדען זיך אין זײן פעל; פון זײנע אָדערען מאַכען זײ פאָדים און פון זײנע בײנער — נאָדלען אויף צוזונויפנעהען די קלײדער. דעם הירש קאָן מען דערפאַר אַנרופען „דער אוצר פון צפון".

ווען מיר וועלען נאך דערמאָהנען דעם העלפאַנד, וועלכען די אַמאָליגע פעלקער, ווי די פיניקער, רוימער און אַנדערע, האָבען בענוצט אויף מלחמה און וועלכען די אינדוסען בענוצען איצט אויף פערשיעדענע אַרבײטען, וועלען מיר אויסשעפּען אַלע מעהר אָדער וועניגער וויכטיגע חיות, וועלכע דער מענש האָט פערהײמישט און פערקנעכטעט אין געצוואונגען טהון זײן אַרבײט, און מיט וועלכע ער בענוצט זיך אויף זעהר פערשיעדענע אופנים.

מיר וועלען דאָ נאך אָבשטעלען זיך אויף אײן נוצען, וואָס דער מענש האָט געהאַט פון די פערהײמישטע בהמות. דער מענש האָט גע־טרונקען זײער מילך, פון וועלכער ער האָט זיך נאך אויסגעלערנט מיט זײער צײט צו מאַכען קעז און פּוטער. אויסגעלערנט זיך מעלקען האָט דער מענש געווים צוערשט נאָר אויף אַזוינע קלײנע בהמות, ווי די ציג און די שעפּס. ווײל מעלקען די גרעסערע, וועלכע זענען נאך נישט גע־וועהנט געווען דערצו, איז געווען שווער. אמשר'ערסטען לאָזען זיך מעל־קען די שקאַפּע און דער ביזאָן. נאָר בײסלעכווײז האָט ער אָנגעהויבען צו בענוצען זיך אויך מיט די מילך פון גרעסערע בהמות. מיר האָבען שוין געזעהן, אז פיעל מענשליכע שבטים, וועלכע זענען גאַנץ פײנע פּאַסטוכער און האָבען פיעל פיה, קאָנען נאך נישט מעלקען זײערע בהמות, און דער קאַפער מעלקט זײנע קיה מיט'ן מויל. די מענשען זענען אַלזאָ שווער און לאַנגזאַם דערגאַנגען צו דער קונסט פון מעלקען און בענוצען די מילך פון זײערע בהמות. דערפאַר אָבער איז די מילך געוואָ־רען אײנע פון די וויכטיגסטע ערנעהרונגס־מיטלען בײ פיעל פון די פעל־קער, וועלכע האָבען זיך אין גרעסערן מאַסשטאַב בעשעפטיגט מיט פיהצוכט.

ווען דער מענש האָט געהאַט נאָר די קלײנע הויז־חיות — דעם הונד, דעם חזיר און די ציג, האָט ער וועניג־וואָס צוליעב זײ געדאַרפט

אומבייטן זיין ארט־לעבן. זיי האבן געגעסן כמעט דאס זעלבע, וואס ער; ער האט וועגן זיי בעזונדער נישט געדארפט זארגן, און ער איז דערפאר געבליבן פריי אין זיינע איבערוואנדערונגען, ווי פריהער. אזוי וואנדערט ארום נאך איצט דער אויסטראליער ארומגערינגעלט מיט זיינע הינד.

גאנץ אנדערש איז געווען, ווען דער מענש האט פערהיימישט די גרעסערע בהמות: דעם אקס, דאס פערד, א. ד. ג. די דאזיגע בהמות, וועלכע לעבן נאך געוועהנליך ווילדערהייד אויף גאנצע טשערעדעסווייז, האבן געדארפט האבן פיעל פאשע. זיי עסן אב דאס גראז אין איין ארט גאנץ גיך, און זיי דארפען דאן אריבערגעהן אין אנ'אנדער ארט זוכען פאשע. ווילדערהייד זענען די דאזיגע בהמות בעשאנקען געווען מיט א אינסטינקט, וועלכער האט זיי געהאלפען אליין אויפצוזוכען פאר זיך שפייז. ווען דער מענש האט צונויפגעבונדען זייער עקזיסטענץ מיט דער טשערעדע, האט ער שוין געמוזט נאך איהר נאכגעהן אהין, וואו זי איז געגאנגען זוכען זיך פאשע. דער מענש איז געווארען אב־העגניג פון זיין טשערעדע, און אויב פריהער האבען די בהמות זיך אליין אויפגעזוכט נייע פיטער־ערטער, הויבט זיי דער מענש בימלעכווייז אן צו־העלפען אין דעם. און וואס מעהר דער מענש העלפט זיי, אלץ מעהר פערליערען די בהמות זייער נאטירליכען אינסטינקט. מיט דער צייט קאנען זיי אליין שוין נישט געפינען פאר זיך קיין פאשע־ערטער, און דער מענש נעהמט אויף זיך איבער צו בעזארגען זיי דערמיט. דער מענש ווערט פערוואנדעלט אין א פאסטוך, וועלכער לעבט פון זיין פיה, וועלכער דארף אבער צוזאמען מיט זיין פיה פון צייט צו צייט בייטען דעם ארט; נישט ווי פריהער גלאט רייטען, וואנדערען, נאר בייטען צייטוועק מעסיג, איבערגעהן אין אנ'ארט, וואו זיינע שפייזער — די שאף אין די רינדער — זאלען קאנען פאר זיך האבען שפייז — פרישע גרינע גראז. דער מענש ווערט א נ א מ א ד.

דעם צושטאנד פון א נאמאדען־פאלק האבען איבערגעלעבט זעהר פיעל פעלקער, און אייניגע פעלקער זענען נאך ביז איצט געבליבען אין דעם דאזיגען צושטאנד. אזוי זענען די איצטיגע אינדוסען אמאל אלס וואנדער־פאלק — אריער — אנגעפאלען אויף אינדיען, איינגענומען זי און זענען שוין דארטען געווארען א י נ ג ע ז ע ס ע נ ע און שפעטער זיך בימלעכווייז צונויפגעגאסען מיט דער דארטיגער בעפעלקערונג. און בבל האבען אמאל געוואהנט די כשדים; זענען אהין שפעטער אנגעקומען

די נאמאדען־מאנגאלען, די סומערא־אקאדיאנער און האבען זי איינגענומען און זיך דארט בעזעצט. די אידען האבען נאמאדיזירט אין די סטעפען און מדבריות פון דער סיני־האלבאינזעל, ביז זיי זענען געקומען אין כנען און זיך דארטען בעזעצט. די אלע איצטיגע איראפעאישע פעלקער זענען אין א געוויסער צייט געקומען פון אזיען, וואו זיי זיינען נאמאדען געוועזען. זאגען אבער, אז אלע פעלקער זענען דורכגעגאנגען דעם נאמאדען־צושטאנד, איידער זיי זענען געווארען איינגעזעסענע, קאן מען אויך נישט. עס זענען פאראן פעלקער, וועלכע זענען פון וואנדערער גלייך געווארען איינגעזעסענע ערד־ארבייטער, צ. ב. די אלטגעזעסענע פון אינדיען, פון גריכענלאנד א. ד. ג. איצט געדיען נאך איבער מיט זייערע טשערעדעס פון ארט צו ארט די מאנגאלען אין צענטראל־אזיען, די באשקירען און די קירגיזען ארום דעם קאספישען און אוראל־ים.

ווען די נאמאדען קומען אן אין א ארט, וואו די בעפעלקערונג איז איבערהויפט אן ערד־ארבייטערישע, ווייל די נאטור־בעדינגונגען זענען דערצו פאסיג, ווי דאס איז, צ. ב., אין אינדיען, אין בבל, אין די פרוכטבארע טהאלען פון פאלעסטינא און אין איצטיגען איראפא, הערט אויף ביי זיי די פיהצוכט צו שפיעלען די ראליע, וואס אמאל, די ראליע פון זייער הויפט־ארבייט, און ווערט ביסלעכוויז נאר א הילפס־ארבייטס־צווייג ביי דער ערד־ארבייט. מען הויבט אן צו בענוצען דאן די גרעסערע בהמות איבערהויפט אלס ארבייטס־קראפט. דאס פערד און דער אייזעל ווערען איצט אין איראפא בענוצט אלס קראפט צו ציהען דעם אקער און דעם וואגען. נאר אויסער דעם בעשעפטיגט מען זיך אין אזעלכע לענדער מיט פיהצוכט נאך צוליעב דעם פלייש און די מילך פון די בהמות, צוליעב זייער וואל און זייער פעל און אויך צוליעב זייער מיסט.

די ערד־ארבייט גיעט די מעגליכקייט, ווי מיר האבען שוין געזעהן, אנצוקלייבען פערשידענע קולטור־רייכטימער, ווייל זי צווינגט דעם מענשען איינצוזעצען זיך אויף איין ארט. די פיהצוכט, ווען זי איז די הויפט־ארבייט פונ'ם מענשען, צווינגט איהם, פערקעהרט, צו בייטען אפט דעם ארט. אין דעם צושטאנד פון א נאמאד קאן דערפאר דער מענש נישט אנקלייבען קיין גרויסע קולטורעלע אוצרות: ער קאן זיך נישט שאפען קיין הייזער, קיין שטעדט, בכלל אלץ, וואס עס פאדערט א שטענדיגען ארט אדער אלץ, וואס עס איז דויערהאפטיג. דער נאמאד שטעהט דערפאר געוועהנליך אויף א נידעריגערער קולטורעלער שטופע, איידער דער איינגעזעסענער ערד־ארבייטער. איין מעלה אבער האט דער נאמאד.

וואס דער איינגעזעסענער האט זי נישט. און דער צייט, וואס דער ערד־ארבייטער איז צוגעבונדען צו זיין ערד און בלייבט מיט זיין גאנצער קולטור נאר אין די ענגע גרעניצען פון זיין לאנד, איז דער נאמאד רייך מיט אנ'אונטערנעהמערישען גייסט, וועלכער איז א פראדוקט פון שטענדיג ביימען דעם ארט, פון שטענדיג שטרעבען ערגעץ ווייטער אין נייע ערטער, צו די גרעניצען פון זיין נאמאדען־פלאץ. דערפאר, ווען דער נאמאד בעפאלט אנ'ערד־ארבייטערשע בעפעלקערונג און זעצט זיך אויף דעם נייעם ארט און גיסט זיך צוזאמען מיט די פריהערדיגע איינוואהנער פונ'ם לאנד, טראגט ער אריין זיין אונטערנעהמערישען גייסט צו דעם הויכען קולטורעלען צושטאנד פונ'ם איינגענומענעם לאנד, און דאס לאנד ענטוויקעלט זיך דאן מיט שנעלע טריט ווייטער. אזוי זעהען דורך אזא מיטווירקען פון די פריהערדיגע איינגעבוירענע ערד־ארבייטער מיט די שפעטערדיגע בעזיגער־נאמאדען אויסגעוואקסען אזוינע הויכע קולטורען פון דער אלטער וועלט, ווי אינדיען, בבל און אויך מצרים.

פינפטעס קאפיטעל.

דאס פייער און דאס צוגריטען שפייז.

צו די הויפט־שטריכען, וועלכע שיידען־אונטער דעם מענשען פון אנדערע חיות, געהערט אויך דאס, וואס דער מענש קאן זיך בענוצען מיט פייער. אלע חיות (אויסער די פערדיימישטע, וועלכע האבען זיך שוין ביי'ם מענשען צוגעוועהנט צו פייער), פיהלען א אינסטינקטיווע מורא פאר דאס פייער. און נאר דער מענש אליין האט נישט נאר קיין מורא נישט פאר איהם, נאר ער האט זיך אויסגעלערנט אפילו צו מאכען דאס פייער אונשעדליך און צו בענוצען עס פאר זיינע צוועקען.

נישט אלע מאל אבער האט אויך דער מענש געוואוסט, ווי צו בענוצען זיך מיט'ן פייער. געוועזען א צייט, ווען ער האט זיך געשראקען פאר פייער, וואס ער פלעגט צופעליג בעגעגענען אין דער נאטור, נישט ווייניגער ווי אנדערע חיות. דער רייזענדער טיעל דערצעהלט, אז ווען די עקספעדיציע אויף אויסצופארשען די אינזלען פון דעם שטילען אקעאן האט זיך ארויסגעזעצט אויף דער אינזעל פאנוא־לאא, האבען זיי דארט געטראפען מענשען, וועלכע האבען נישט נאר נישט געוואוסט ווי צו בענוצען זיך מיט פייער, נאר זאגאר געשראקען זיך פאר איהם. דער רויך פון א פאפיראס פלעגט אויף זיי ארויפווארפען א גרעסערע אימה.

אידער דער שטם פון א הארמאט. אויף דער אינזעל האט מען ניט געפינען נישט קיין אש, נישט קיין קויהלען, נישט וועלכע עס איז אנדערע זאכען, וועלכע זאלען האבען געקאנט אנווייזען, אז די איינוואוינער האבען זיך אמאל בענוצט מיט פייער. די גריכישע היסטאריקער דערצעהלען אויך וועגען שטאמען, וועלכע האבען נאך נישט געוואוסט פון פייער.

ווען דער מענש האט אנגעהויבען צו בענוצען זיך מיט פייער, איז אוממעגליך צו זאגען. אלענפאלס אבער שוין זעהר לאנג. אידער די ערד האט בעקומען דאס אויזעהן, וואס זי האט איצט, און דעם איצטיגען קלימאט איהרען, איז געווען א פעריאד, ווען אויף דער ערד האבען געהערשט זעהר גרויסע קעלטען. אזוי, למשל, איז גאנץ רוסלאנד בעדעקט געווען מיט אנ'אייז־ים. דער דאזיגער פעריאד הייסט אייז־פעריאד. די פערשידענע אויסגראבונגען האבען בעוויזען, אז באלד נאך דעם אייז־פעריאד האבען אין איירופא געלעבט מענשען. דאס איז געווען מיט זעהר פיעל טויזענדער יאהרען צוריק. אידער עס הויבט זיך אן די געשריבענע מענשליכע געשיכטע. און אין די הייהלען, וואו די דאזיגע מענשען האבען געוואוינט, האט מען געפינען קויהלען, אבגעברענטע שטיקלעך האלץ, אש און אנדערע זאכען, וועלכע בעווייזען, אז דער מענש פון נאך דעם אייז־פעריאד האט שוין געוואוסט פון פייער.

טרעפען פייער אין דער נאטור האט דער מענש געקאנט אין אלע צייטען. נישט זעלטען האט א בליץ אריינגעשלאגען אין א בוים און האט איהם אנגעצונדען. אין פיעל ערטער האבען זיך געטראפען וואולקאן־אויסברוכען און די לאווע האט פערברענט אלץ ארום. און אייניגע ערטער, צ. ב., ביי'ם קאספישען ים ארום באקו, וואו די ערד איז רייך מיט נאפט, געהען ארויס פון דער ערד גאזען, וועלכע צינדען זיך לייכט אן אין דער לופטען — „בלאנדזשענדע פייערלעך". נאר בענוצען זיך מיט'ן פייער האט דער מענש אנגעהויבען ערשט מיט דער צייט. ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז עס איז צייטענווייז נישט נאר נישט שעדליך, נאר זאגאר אנגענעהם: ווען מען געהט־צו נישט הארט צו'ם פייער, מעהר נישט ווי נאהנט צו איהם, דערווארעמט עס, ווען ארום איז קאלט. עס קאן זעהר זיין, אז אין די קעלטערע געגענדען, וואו דער מענש האט זיך גענויטיגט אינ'ם פייער אויף צו ווארימען זיך, האט ער זיך פריהער אנגעהויבען מיט איהם צו בענוצען, אידער אין די הייסע געגענדען. גראבענדיג אין דער ערד אין די קעלטערע געגענדען, געפינט

מען די שפּורען פֿון דעם מענשען זעהר אָפֿט שוין זעהר טיעף צוזאַמען מיט די שפּורען פֿון פֿייער. און אין די הייסע געגענדען, אפילו אין די פֿיעל שפּעטערדיגע שיכטען פֿון דער ערד, געפֿינט מען קיינע שפּורען פֿון פֿייער.

אויסער דעם נוצען, וואָס דאָס פֿייער ברענגט אַלס דערוואַרעמער, האָט אָבער דער מענש געקאָנט בעמערקען, אַז ער קאָן האָבען פֿון איהם נאָך אַנדערע נוצען. אַזוי האָט ער געקאָנט בעמערקען, אַז דאָס פֿייער פֿערטרייבט די חיות; דאָס פֿייער האָט אויך בעלויכטען די נאַכט און פֿערטריבען די בייזע גייסטער, וועלכע האָבען אַזוי ליעב, לויט'ן גלויבען פֿון די ווילדע, צו שפּאַציערען אין די פֿינסטערע נעכט, און פֿאַר וועלכע דער ווילדער האָט זיך געשראָקען פֿיעל מעהר, איידער פֿאַר די חיות. שפּעטער האָט ער אויך געקאָנט בעמערקען, אַז אַ נוס, וועלכער איז געלעגען נאָהנט צום פֿייער, האָט געפּלאַצט און דערמיט פֿערשפּאָרט איהם אַ טרחה צוצוקנאַקען איהם, און אַז דאָס פֿלייש, וואָס איז צופֿעליג געלעגען אַ ביסעל אויפֿ'ן פֿייער, איז געוואָרען פֿיעל געשמאַקער צו'ם עסען

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז ניכט נאָר אין די קאַלטע לענדער, נאָר אומעטום, וואו דער מענש האָט נאָר געלעבט, האָט ער ביי־לעכווייז אָנגעהויבען צו בענוצען זיך מיט'ן פֿייער צוליעב פֿערשיעדענע צוועקען. און אומעטום האָט דער מענש פֿערשטאַנען די גרויסע וויכ־טיגקייט פֿונ'ם פֿייער פֿאַר זיין עקזיסטענץ. ווען דער בעריהמטער רייזענדער קוק איז געקומען אויף איינגע פֿון די פּאָלינעזיאישע אינזלען, האָבען זיך די דאָרטיגע איינוואוינער איבערהויפּט בעריהמט פֿאַר איהם דערמיט, וואָס ביי זיי ברענט שטענדיג פֿייער, וואָס זיי קאָנען עס אונ־טערהאַלטען. פֿיעל פֿעלקער האָבען זאָגאַר ניכט געקאָנט בעגרייפֿען, ווי האָט דער מענש אַליין מיט'ן אייגענעם שכל געקאָנט דערגעהן צו בענוצען זיך מיט פֿייער. און זיי האָבען דאָס אַנדערש ניכט געקאָנט דער־קלערען, ווי מיט אַ איבערנאַטירליכען צופֿאַל, דערמיט, וואָס איינער פֿון די געטער האָט דעם מענשען דאָס פֿייער געבראַכט. אַזוי איז, צ. ב., ביי די גריכען געוועזען אַ לעגענדע, אַז דער טיטאַן פּראָמעטיי האָט גע־גנב'עט אַ פֿונק פֿייער ביי די געטער, בעהאַלטען איהם אין אַ רעהר און געבראַכט צו די מענשען. און צעאוס, דער פֿאָטער פֿון די געטער, האָט דערפֿאַר בעשטראָפֿט פּראָמעטיי'ען דערמיט, וואָס ער האָט איהם צוגע־

שמיעדט צו אַ פֿעלז אויף קאווקאז און אַן אָדלער פֿלעגט פּיקען זיין לעבער.

דאָס ערשטע פֿייער האָט דער מענש געקאָנט בעקומען פֿון אַ ברענענדען בוים, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען פֿון אַ בליץ, אָדער פֿון אַ לאַווע־שטראָם. ווען דער לאַווע־שטראָם קיהלט אָב און זיין אויבערשטע קאָרע צושפּאַלט זיך ערטערווייז, איז די טעמפּעראַטור אינווייניג אין שטראָם נאָך זעהר הויך. אין די ערטער, וואו עס זענען געווען וואולקאַנען, האָט דער מענש געקאָנט פּשוט אויס נייגעריגקייט געהן אַ קוק טהון, וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסען פֿונ'ם באַרג. און ווען ער האָט אין אַ שפּאַלט פֿון דעם לאַווע־שטראָם אַריינגעשטעקט זיין שפּיז אָדער גראַבשטעקען, האָט זיך דאָס אָנגעצונדען. אין איינינגע ערטער האָט ער אויך געקאָנט בעקומען פֿייער פֿון די בלאָנדזשענדע פֿייערלעך, וואָס מיר האָבען שוין דערמאָהנט.

בעקומען פֿייער איז אָבער נאָך ווייניג; מען דאַרף איהם נאָך קענען אונטערהאַלטען, ווייל אין דער נאַטור איז דאָס פֿייער נישט שטענדיג פֿאַרהאַן גרייט. צוערשט איז דאָס אונטערהאַלטען פֿונ'ם פֿייער בעשטאַנען אין צוּוואַרפֿען טרוקענע צווייגען, בלעטער, גראָז א. ד. ג. די גאַנצע אַרבייט פֿון אונטערהאַלטען דאָס פֿייער איז געלעגען אויף דער פֿרוי. און פֿלעגט דער מענש איבערגעהן פֿון איין אָרט אויף דאָס אַנדערע, פֿלעגט די פֿרוי נעהמען מיט זיך צוזאַמען מיט אַנדערע איהרע חפצים אויך אַ ברענענדע האָלאָוועשקע. אַזוי האָט קוק נישט בעגעגענט קיין איין פֿרוי אויף די פּאָלינעזיאישע אינזלען, וואָס זאָל בייּ'ם איבערוואַנדערען נישט טראָגען מיט זיך אַ גליהענדע האָלאָוועשקע. אויף דיעם נייעם אָרט פֿלעגט זי פֿריהער פֿאַר אַלץ צוּוואַרפֿען טרוקענע גראָז און צווייגלעך צו דער האָלאָוועשקע און פֿונאַנדערלעגען אַ פֿייער.

אַז דער מענש האָט אַמאָל געמוזט אונטערהאַלטען אַ שטענדיג פֿייער, ווייל ער האָט עס נאָך נישט געקאָנט בעקומען קינסטליך, בעווייזט דער רעליגיעזער מנהג, וואָס איז געבליבען ביי פֿיעל פֿעלקער, — דער מנהג אונטערצוהאַלטען אַ שטענדיג פֿייער. אַזוי זענען ביי די רוימער געווען אַזאַ סאָרט נאָנעס (מאָנאַכינס) — וועסטאַלקעס, וועלכע האָבען געדאַרפֿט אַכטונג געבען, דאָס פֿייער אינ'ם טעמפּעל פֿון דער געטין וועסטאַ זאָל נישט אויסלעשען. ביי די פּערסיער איז דאָס פֿייער געוואָרען הייליג און האָט זיך גערעכענט פֿאַר איינע פֿון די וויכטיגסטע געטהייטען. אויסלעשען דאָס הייליגע פֿייער האָט זיך ביי זיי גערעכענט פֿאַר

איינס פון די גרעסטע פערברעכען. נאך איצט זענען אין אינדיען פארהאן די פארסען, אדער פייער־געצנדיענער, וועלכע האלטען־אונטער א שטענדיג פייער, צו וועלכען זיי דיענען. אונטערהאלטען א שטענדיג פייער איז אויך געבליבען א מנהג אין דער קאטוילישער קירך.

האט זיך דאס פייער דורך א שטארקען רעגען אדער דורך נאכלעסיגקייט דאך אויסגעלאשען, האט די פרוי קיין אנדער מיטעל נישט געהאט, ווי צו לייהען פייער ערגעץ ביי א שכנה, וועלכע האט זיך נישט וויט אבגעשטעלט, אזוי ווי זי, מיט איהר געצעלט, אדער וועלכע זי האט צופעליג געטראפען אין וועג; וויל אליין קינסטליך בעקומען פייער האט דער מענש נאך נישט געקאנט.

אז אמאל איז לייהען פייער געווען דאס איינציגע מיטעל צו בעקומען עס, ווען עס האט זיך אויסגעלאשען, בעווייזען פיעל מנהגים און געזעצען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט און עקזיסטירען טיילווייז נאך איצט. אזוי איז די איינציגע ארט פון פריינדליכע בעציהונגען צווישען פערשידענע פאלינעזיאישע שבטים, וועלכע זענען שטענדיג צו קריעגט און פיינדליך געשטימט געגען איינאנדער — דאס לייהען פייער איינער ביי'ם אנדערען. אין אלטערטום האט זיך גערעכענט פאר א חוב צו לייהען פייער יעדען, וואס עס נויטיגט זיך אין איהם. אבזאגען זיך צו געבען וועמען ס'איז פייער, אפילו דעם ערגסטען שונא, האט מען נישט געטארט. און האט מען אליין נישט געהאט, האט מען געמוזט אנווייזען דעם ווער עס האט געבעטען, וואו מען קאן עס בעקומען. פאר נישט געבען קיין פייער האבען די געטער, לויט דער מיינונג פון די גריכען, שטענדיג בעשטראפט. אין גריכענלאנד איז דערפאר די שווערסטע שטראף פאר א מענשען געווען — ענטזאגען איהם אין פייער. ווען מען האט איינעם אין ספארטא געדארפט ארייגלעגען אין חרם, האט מען פערבאטען אויסלייהען איהם פייער אדער רעדען מיט איהם.

אפילו שפעטער, ווען מען האט זיך אויסגעלערנט קינסטליך צו בעקומען פייער, איז נאך געבליבען דער מנהג צו לייהען פייער ביי געוויסע אומשטענדען. אזוי פלעגען די גריכען, ווען זיי פלעגען אבפאהרען אויף א נייע ארט, כדי דארט זיך אויפבויען — ווי זיי פלעגען דאס אנרופען — א טאכטער־שטאדט, נעהמען מיט זיך פייער פון דער אלטער היימאט. די אינזעל לעמנאס פלעגט יעדעס יאהר אויסלעשען אלע פייערען און שיקען א שיף אויף דער אינזעל דעלאס, פון וואַנען זיי זענען אמאל געקומען, צו נעהמען נייע פייער, פון וועלכען מען פלעג־

דערנאָך אָנצינדען פֿייער אויף דער גאַנצער אינזעל. אין לאַציום — אין איטאַליען — ווען עס פֿלעגט זיך אָנקלייבען אין שטאָדט צופֿיעל מענשען, פֿלעגט מען אַ טייל פֿון די בחורים אַרויסשיקען, זיי זאָלען זיך אויפֿבויען אַ נייע שטאָדט; אָדער נאָך אַ עפּידעמיע פֿלעגט מען ביי זיי אויך אַרויסשיקען אַ געוויסע צאָהל יונגע לייט אויף אַ נייעם אָרט, כדי איבערצוּבעטען דערמיט דעם דערצאָרנטען גאָט מאַרס; און ביידע פֿעלען פֿלעגען די יונגע לייט נעהמען מיט זיך פֿייער פֿון דער אַלטער שטאָדט. צוזאַמען מיט'ן פֿייער פֿלעגען זיי אויך מיטנעהמען אַ מייד׳ל, וועלכע האָט געדאַרפֿט היטען, דאָס פֿייער זאָל נישט אויסלעשען. דאָס מיידעל האָט נאָך דערביי געמוזט אַ נדר טהון, אויף שטענדיג אַ מיידעל צו בלייבען, כדי זי זאָל נישט האָבען קיין קינדער, וועלכע וואָלטען איהר געקאָנט שטערען גוט אַכטונג צו געבען אויף דאָס פֿייער. פֿון דעם דאָזיגען מנהג זענען ביי די רוימער שפּעטער ענטשטאַנען די וועסטאַלקעס, וועגען וועלכע מיר האָבען פֿריהער דערמאָהנט. אַרויסגייענדיג אויף מלחמה, פֿלעגען די גריכען אויך מיטנעהמען פֿייער פֿון זייער היים־שטאָדט; דאָסזעלבע פֿלעגען אויך טהון די פּערסער.

עס איז זעהר אינטערעסאַנט נאָך איין פֿאַל, ביי וועלכען פֿערשיעדענע פֿעלקער פֿלעגען זיך בענוצען נאָר מיט געליהענעם פֿייער. ביי׳ם בעגראָבען אַ טויטען פֿלעגט מען ביי די ווילדע צוזאַמען מיט׳ן געשטאָרבענעם אַריינלעגען אין גרוב אויך זיין געוועהר און זיינע קמיעות, וויל דאָס זענען זיינע געווען, און קיינער פֿון די לעבעדיגע וואָלט נישט געוואָגט זיך מיט זיי צו בענוצען. אַזוי האָט מען מיט דער צייט אָנגעהויבען מיטצוגעבען דעם מתען אין גרוב אַריין אויך זיין פֿייער און מען האָט אויף זיך גע׳אסר׳ט הנאה צו האָבען פֿון דעם פֿייער, וואָס דער געשטאָרבענער האָט בענוצט. שפּעטער האָט מען אויף זיך גע׳אסר׳ט אויך דאָס פֿייער, וואָס מען פֿלעגט בענוצען ביי הזכרת־נשמות, אָדער טויטען־יום־טוב (דיעדעס), וויל מיט דער הזכרה פֿלעגט מען צוציהען די גייסטער פֿון די טויטע, וואָס פֿלעגען זיך דערביי אויך בענוצען מיט׳ן פֿייער. נאָך אַזאַ טויטען־יום־טוב פֿלעגט מען דערפֿאַר מוזען אויסלעשען אַלע פֿייערען. נייעם פֿייער פֿלעגט מען דאַ מוזען ברענגען דוקא ערגעץ פֿון אַן׳אַנדער אָרט, ד. ה., מען פֿלעגט מוזען ערגעץ לייהען פֿייער. דער דאָזיגער אורמענשליכער מנהג איז געבליבען אויך פֿיעל שפּעטער און מיר בעגעגענען איהם ביי די גריכען. ביי זיי פֿלעגט מען נאָך אַ שלאַכט, ווען עס זענען אַלזאָ געוועזען הרוגים פֿון פֿערשיעדענע געגענדען, אויס־

לעשען אלע פייערען פון לאנד און דערנאך אנצינדען נײ פייער. אזוי האבען זיך צ. ב. נאך דער שלאכט ביי פלאטעא, ווען די גריכען האבען מנצח געווען די פערסער אין יאהר 479 פאר קריסט. געבורט, די פיהרער פון פאלק פערשפרייט איבער דאס גאנצע לאנד, כדי צו צווינגען די בעפעלקערונג אויסצולעשען זייערע פייערען. נייעס פייער האט מען גע־ דארפט ברענגען דערביי פון אנ׳אנדער ארט: אזוי האט געהייסען דער ארקול (הייליגער גייסט) פון דעלפי. דערפאר האט זיך דער פלאטעער איינידאס געלאזען לויפען אין דעלפי, כדי פון דארט וואס גיכער ברענגען פייער. ער האט אנגעשטרענגט אלע זיינע כחות לויפענדיג און איז קוים געקומען מיט׳ן פייער צוריק און איז געפאלען אהן כחות.

אויך דער מענש האט זיך אויסגעלערנט צו מאכען גענוג פעסטע געצעלטען אדער הייזער, און וועלכע ער זאל קיין מורא נישט האבען פאר׳ן אנפאלען פון חיות, פלעגט ער מוזען די גאנצע נאכט אונטער־ האלטען א מעהר אדער ווייניגער גרויסען פייער, כדי אבצושרעקען די חיות. ווען ער האט זיך אבער אנגעהויבען צו בויען געצעלטען, איז אונטערהאלטען דאס פייער א גאנצע נאכט געווארען איבעריג. דעסטא מעהר, וואס די גאנצע ארבייט איז געלעגען אויף דער פרוי, וועלכער איז אהן דעם אויך גענוג ארבייט געווען מיט די קינדער, וועלכע פלעגען זי אפט שלאפען נישט לאזען און וועקען. זי האט זיך דערפאר אויסגע־ לערנט איבערצולאזען נאר א גליהענדע קויהל, וועלכע זי פלעגט פער־ שארען אונטער׳ן אש, און אין דער פריה פלעגט זי פונאנדערבלאזען די קויהל און בעקומען פייער. דאס איז געווען די ערשטע ארבייט פון דער פרוי אין דער פריה, ווי זי פלעגט נאר אויפשטעהן, נאך אפילו אין די לעצטע יאהרהונדערטער, איידער מען האט ערפונדען די שוועבעלעך.

נאר מיט דער צייט האט זיך דער מענש אויסגעלערנט נישט נאר אונטערצוהאלטען דאס פייער, נאר אויך קינסטליך עס בעקומען. עס זענען נאך איצט אויך פארהאן אפילו אזוינע שבטים, וועלכע קאנען נישט אליין קינסטליך בעקומען פייער, ווי די איינוואהנער פון אייניגע אינזלען אויפ׳ן שטילען אקעאן. אזוינע שבטים זענען אבער פארהאן זעהר ווייניג. כמעט אלע מענשליכע שטאמען קאנען דאס יא. דאס הויפט־מיטעל קינסטליך צו בעקומען פייער איז רייבען איין האלץ אן אנדערען. דאס דאזיגע מיטעל איז געווען שטארק פערשפרייט איבער גאנץ אפריקא, אויסטראליען און אמעריקא, און ווערט געברויכט נאך איצט ביי פילע ווילדע נעגערישע שבטים אין אפריקא און אויסטראליען.

ווי דער מענש איז דערגאַנגען צום דאָזיגען מיטעל, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלען אַזוי: ווען דער מענש האָט געדאַרפֿט האָבען צינדער (אַ שטאָף, וואָס צינדט זיך לייכט אָן) אויף פֿונאַנדערברענגען אַ פֿייער, האָט ער גענומען אָנשאַרען סטרושקעס פֿון אַ ווייך טרוקען האָלץ. ביי'ם שטאַרקען שאַרען אָדער רייבען האָט זיך אָבער דאָס האָלץ אַליין געקאָנט אָנצינדען, וויל דורך רייבען ענטוויקעלט זיך אַ גרויסע וואַרימקייט. אויף אַזאַ אופֿן האָט דער מענש דאָס צווייטע מאָל שוין מיט אַ כּיוון געריבען איין האָלץ אָן דעם אַנדערען, כּדי צו בעקומען פֿייער. אין ביסלעכווייז האָט ער בעקומען אַ געוויסע ערפֿאַהרונג און זיך דערוואוסט, וואָס פֿאַר אַ העלצער מען דאַרף נעהמען, כּדי לייכטער צו בעקומען פֿייער.

שפּעטער האָט זיך דאָס אויסרייבען פֿייער ענטוויקעלט און פֿלעגט אין פֿערשיעדענע ערטער געמאַכט ווערען אויף אַנ'אַנדער אופֿן. אייניגע פֿלעגען פּשוט ר י י ב ע ן איין האָלץ אָן דער אַנדערער. אַנדערע פֿלעגען מיט איין האָלץ ב ו י ע ר ן די אַנדערע.

דער אויסטראַליער נעהמט אַ ביטעל, לעגט זי אַוועק אויף דער ערד און פֿיהרט איבער איהר מיט אַ פֿערשפּיצטען שטעקען הין און צוריק. פֿון רייבען בעקומט זיך אין ברעטעל אַ רינקעלע און אין רינקעלע אַ האָלץ־פּולווער. ווען פֿון שטאַרק רייבען בעקומט זיך אַ פֿונק, צינדט זיך אָן דאָס פּולווער. און דערביי לעגט שוין אַ בינטעל טרוקען גראָז, וועלכע צינדט זיך אָן. דערנאָך שאָקעלט מען פֿונאַנדער דאָס בינטעל גראָז, כּדי דאָס פֿייער פֿונאַנדערצובלאָזען. אויף אַזאַ אופֿן בעקומט דער אויסטראַליער פֿייער שוין אין עטליכע מינוטען.

דער געוועהנליכער פֿייער־בויערער בעשטעהט פֿון אַ האָלץ מיט אַ לאָך, אין וועלכען מען דרעהט שטאַרק מיט אַ פֿערשפּיצטען שטעקען. פֿון רייבען קלייבט זיך אָן פּולווער אין לאָך. פֿון דעם פֿונק צינדט זיך אָן דאָס פּולווער און דערנאָך דער אויבערשטער שטעקען. דער דאָזיגער בויערער איז נאָך איצט שטאַרק פֿערשפּרייט אין אַפֿריקאַ, אַמעריקאַ און אויסטראַליען.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען צו דרעהען דעם אויבערשטען טייל פֿונ'ם בויערער נישט אונמיטעלבאַר מיט די הענד, נאָר מיט דער הילף פֿון אַ שנור. דערביי דאַרף שוין זיין אַ צווייטער מענש, וועלכער דאַרף צודריקען דעם אויבערשטען שטעקעל, ער זאָל זיך נישט אַרויסרוקען פֿון דער לאָך. דער עסקימאָס דריקט צו דעם שטעקען מיט די צייהנער.

דערנאך האט מען צוגעפאסט אויף דרעהען דעם בויערער דעם בויגען. און כדי דאס שטעקעל זאל זיך נישט ארויסרוקען, פלעגט מען אויף איהם אנטהון א שטיין אדער א שווער שטיקעל האלץ.

א ביסעל א שפּעטערדיגע ערפינדונג איז דאס **אויסהאקען** פייער. בעארבייטענדיג זיינע שטיינערנע געצייג, איבערהויפּט ביי׳ם בעארבייטען דעם פייערשטיין, האט דער מענש געקאנט בעמערקען, אז ביי׳ם קלאפען איין שטיין אן דעם אנדערען פליהען ארויס פונקען. נאר אין דער צייט, וואס ביי׳ם רייבען העלצער איז שוין דערביי אויך געווען דער צינדער — דאס האלץ־פולווער, וואס בעקוממט זיך דערביי, אדער פשוט דאס האלץ, — האט מען ביי׳ם אויסהאקען פייער פון א שטיין געדארפט האבען א ספּעציעלען צינדער. דאס איז שוין געווען פאר׳ן מענשען שווער און ער האט זיך דערצו דערטראכט פיעל שפּעטער. נאך שפּעטער האט מען אנגעהויבען אויסצוהאקען פייער, קלאפענדיג אייזען אדער נאך בעסער שטאל אן א פייערשטיין. די רוימער האבען שוין געקאנט אזוי אויסהאקען פייער, און אלס צינדער האט ביי זיי געדיענט טרוקען גראז. אין פיעלע ערטער אין רוסלאנד בענוצען נאך איצט אויך די פויערן אזא פייער־שלעגער. אלס צינדער דיענט דערביי א שנירעל.

ווען די מענשען האבען ערפונדען רעדער, האבען זיי געקאנט בעמערקען, אז ביי׳ם שנעלען פאהרען, ד. ה. ביי׳ם שנעלען רייבען פון דער אקס אן דעם ראד, צינדט זיך אן די אקס. עס קאן זיין, אז אמאל פלעגען די מענשען אין ערטער בענוצען דאס דאזיגע מיטעל צו בעקוממען פייער. א זכר דערפון איז נאך געבליבען אין פוילען ביי די מאזורען. איין טאג אין יאהר (צו דיעדעם) — הזכרת נשמות) לעשען די פויערן אין די דערפער אויס אלע פייערען. דערנאך שלאגען זיי ארויין אין דער ערד א פלאקען, טהוען אויף איהם אן א ראד און חברה בחורים דרעהען דאס ראד, ביז דער פלאקען צינדט זיך אן. דאן צינדען אלע בעלי־בית׳טעם אן פייער פונ׳ם פלאקען און טראגען צו זיך אהיים.

גאר די לעצטע צייט האט מען אין איראפא אנגעהויבען צו בענוצען זיך מיט די חעמישע אייגענשאפטען פון איינעגע שטאפען — לייכט אויפצופלאמען, און מען האט ערפונדען די **שוועבעלעך** (אין יאהר 1840).

איינע פון די וויכטיגסטע נוצען, וואס דאס פייער האט געבראכט דעם מענשען, איז בעשטאנען דערין, וואס ווירקענדיג אויף די שפּייז־פּראדוקטען, האט עס זיי געקאנט מאכען וויי׳כער, פיעל פערדייבארער

און געשמאקער. אידער דער מענש האט זיך אויסגעלערנט צו בענוצען צו דעם צוועק דאס פייער, האט ער אלץ געגעסען רויהערהייד: דאס פלייש, די ווארצלען און די קערנער. נאר זינט דער מענש האט אנגעהויבען צו בענוצען זיך מיט'ן פייער בכלל, האט ער געקאנט בעמערקען די גוטע ווירקונג, וואס דאס פייער מאכט אויף די שפייז־פראדוקטען. אויב א שטיקעל פלייש איז צופעליג אריינגעפאלען אין פייער און געלעגען דארטען א ביסעל צייט, האט עס בעקומען א פיעל בעסערען טעם, ווי פריהער. און האט זיך דאס איינערגע'חזר'ט עטליכע מאל, האט דער מענש געמוזט זיך אנשטויסען, אז דער גוטער טעם פונ'ם פלייש קומט פון זיין ליגען אויפ'ן פייער, און ער האט שוין אליין אנגעהויבען צו לעגען דאס פלייש אין פייער, אדער ב ר א ט ע ן דאס פלייש. ביי'ם לעגען דאס פלייש אבער גלייך אויפ'ן פייער אדער אפילו אויף קויהלען, האט זיך דאס פלייש שלעכט געבראטען, און מייסטענס פערברענט. דער מענש האט דערפאר ערפונדען מיטלען, ווי צו בראטען דאס פלייש און עס נישט פערברענען. דאס סאמע פשוט'ע מיטעל איז בעשטאנען דערין, וואס מען פלעגט אנשטעכען דאס פלייש אויף א שטעקען און דעם שטעקען אריינשלאגען אנגעבויגען אין דער ערד אזוי, אז דאס פלייש זאל אויסקומען איבער'ן פייער העכער, אזוי, אז עס האט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פונ'ם פייער. אבער זיך נישט פערברענט. די ווילדע שבטים אין בראזיליען פלעגען צונויפפלעכטען פון צווייגען א מחיצה און אויפהענגען זי איבער'ן פייער און אויפ'ן פלעכטעל אנידערלעגען דאס פלייש, אזוי, אז דאס פלייש פלעגט זיך נישט נאר פרעגלען, נאר אויך רויכערן און עס פלעגט זיך בעקומען א גאנץ געשמאק געריכט. די פאטאגאניער בראטען נישט אויפ'ן פייער, נאר אינ'ם אנגעברענטען אש. זיי פערגראבען אינ'ם הייסען אש, וואס בעקומט זיך פונ'ם פייער, א גאנצע חיה. ווען די חיה איז זעהר א גרויסע, לעגען זיי נאך אריין אינוועניג אין איהר אנגעברענטע שטיינער. אזוי בראטען זיי אוים גאנצע גואנאקא'ס (א חיה, ענהליך צו א קעמעל, נאר א ביסעל קלענער).

די אויסטראליער גראבען־אויס א גרוב און לעגען אין איהר פונאנדער פייער. און ווען די ווענדטלעך פון דער גרוב ברענען זיך אן, לעגען זיי אהין אריין די שפייז, זי זאל זיך בראטען. אזא גרוב איז דער ערשטער אויווען. די ניי־זעלאנדער לעגען נאך דורך די שפייז אין דעם אויווען עטליכע מאל מיט אש און מיט אנגעברענטע שטיינער. אויף די

כינגעאישע אינזלען ברענט מען אן דעם אויווען, מען שארט אב דעם אש און מען לעגט אריין די חיה, וועלכע מען דארף בראטען. דערביי לעגען זיי נאך אינוועניג אין דער חיה אריין הייסע שטיינער. אין אפריקא בראט מען אין אזוינע אויווענס גאנצע העלפאנד־פיס. אזוינע גרוב־אויווענס זענען נאך איצט פארהאן ביי די אראבער און ביי פיעלע אידישע קאלאניסטען אין פאלעסטינא; זיי הייסען דארט טאבאנעס. מען הייצט די טאבאנעס מיט שמורוי, מיט אויסגעטריקענטען קאל א. ד. גל. אין אזוינע טאבאנעס באקט מען אפילו ברויט. די אראבער קלעבען דערביי אן זייערע פתות אויף די ווענד און אויפ'ן דעק פון טאבאן, און די אידען שטעלען אהין אריין די ברויטען אין פורעמס. די דאזיגע אויווענס האלטען היץ גאנץ גוט. נאך שבת פארנאכט האב איך גע־טרונקען זעהר הייסען טיי פון א פלעשעל, וואס מען האט אריינגעשטעלט אין טאבאן פרייטאג פארנאכט. וועגען דעם איבערגאנג פון אזוינע גרוב־אויווענס צו אונזערע איצטיגע אויווענס, וועלען מיר נאך רעדען אין דעם נעכסטען קאפיטעל.

זעהר נאהענט צו בראטען איז באקען. נישט אין אלע שפראכען זענען זאגאר פארהאן צוויי בעזונדערע ווערטער אויף צו בעצייכענען די דאזיגע צוויי בעגריפען. באקען — הייסט בעפרייען פון זייער שאלעכץ פערשיעדענע פרוכטען און קערנער, צ. ב. באקען קארטאפעל, קאשטאנעס א. ד. ג., אדער אויסטריקענען א מישונג פון וואסער מיט מעהל — באקען ברויט. אמאל האט א וויכטיגען ארט פערנומען דער ערשטער ארט באקען. די איראקעזען און דעלאווערען פלעגען צובראטען אויף קויהלען גאנצע קעפלעך פון נאך אונצייטיגען מאאיס, און איינציגע קערנער פלעגען זיי באקען אין אש. די אידען פלעגען עסען געטריקענטע און געבאקטע זאנגען (קלי וכרמל), ווען דער „מן" האט אויפגעהערט צו פאלען פון הימעל, און די גריכען פלעגען צוגעבען צו זייערע קרבנות צוגעבראטענע גערשטען.

ווען די מענשען האבען זיך אויסגעלערנט צו פערמישען צוריבענע קערנער (מעהל) מיט וואסער — אזא שיטערע מישונג נעהמען מיט זיך די אינדיאנער, ווען זיי גיהען ארויס אויף יאגד — און דערנאך געמאכט די מישונג געדיכטער, האט זיך בעקומען טייג, וועלכע האט זיך ביי'ם אויסטריקענען אויפ'ן פייער, אדער בעסער אויף אנ'אנגעברענטען שטיין, פערוואנדעלט אין ברויט. מעהר נישט, דער ברויט איז געוועזען זיס. די איראקעזען מאכען פון מאאיס־מעהל קליינינקע פלאציגע קובענס. די

גרויס ווי אַ האַנד־פֿלאַך און צוויי פֿינגער די גרעב. זיי בעדעקען זיי מיט בלעטער, פֿערגראַבען אין הייסען אַש און בעדעקען מיט הייסע קויהלען. דאָס איז זייער ברויט. עהנליכען זיסען ברויט (פּתות) עסען נאָך איצט די אַראַבער און בעדואינער. עס קאָן זיין, אַז די אידען האָבען אויך געגעסען אַזאַ זיס ברויט איידער זיי זענען אַריין אין כנען. ווען מען האָט אָנגעהויבען שטענדיג צו פֿערמישען די טייג און איין־און־דערזעלבער כלי, האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל געקאָנט אָבשטעלען אַביסעל טייג און איינזייערען. און עס האָט זיך בעקומען אונזער זויער־ברויט. די מצריים, ביי וועלכע מען פֿלעגט מאַכען אַ סך ביער, האָבען געהאַט היווען אויף איינצוזייערן דאָס ברויט. פֿון מצרים איז דאָס זויער־ברויט אַריבערגעגאַנגען אין מערב־אַזיען, פֿון דאָרטען אין גריכענלאַנד און דערנאָך האָט עס זיך פֿערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ.

צו קאָכען דערטראַכט זיך דער מענש פֿיעל שפּעטער, ווייל צו קאָכען דאַרף מען האָבען כלים, דורך וועלכע עס זאָל נישט דורכרינען דאָס וואַסער. די אויסטראַליער פֿון דעם נייעם דרום־אוילם האָבען נאָך — ביז די איירופּעער זענען אַהין געקומען — נישט געוואוסט די אייגענשאַפֿט פֿון זודיגען וואַסער. ווען זיי האָבען געוואָלט גנב'נען פֿיש, וועלכע האָבען זיך געקאָכט אין אַ קעסעל, זענען זיי שטאַרק פֿערוואונדערט געוואָרען, ווען זיי האָבען דערפֿיהלט מיט אַ מאָל דאָס זודיגע וואַסער. די איינוואָהנער פֿון טאַאיטי און פֿיעלע פּאָלינעזיאישע אינזלען האָבען אויך נישט געוואוסט פֿון קאָכען. אין ניי־זעלאַנד זענען פֿאַראַן זודיגע קוואַלען, וואוהין די איינוואָהנער פֿלעגען אַראָבלאָזען אין נעצען פֿיש צום קאָכען; אָבער קאָכען אויסער די קוואַלען האָבען זיי נישט געקאָנט, ווייל זיי האָבען קיין ענטשפּרעכענדע כלים נישט געהאַט.

אַ געוויסער איבערגאַנג צו קאָכען איז די אַרט צוגרייטען די וואָרצלען, מיט וועלכע זיי ערנעהרען זיך, ביי די אויסטראַליער נעבען דעם טייך מורי: זיי הייצען אָן אַנ'אויווען, לעגען אַהין אָן די וואָרצלען און בעגיסען זיי פֿון צייט צו צייט מיט וואַסער. דער דאַמפּף, וועלכער בילדעט זיך דערביי אויס, מאַכט די וואָרצלען ווייכער און בעסער צום עסען. די דאָזיגע אויסטראַליער האָבען שוין אַלזאָ געוואוסט פֿון דער אייגענשאַפֿט פֿון וואַסער צו איבערגעהן פֿון היץ אין דאַמפּף. די אינדיאַנער פֿלעגען זיך בענוצען מיט דער דאָזיגער אייגענשאַפֿט צו מאַכען זיך הייסע וואַנעס: זיי פֿלעגען אָנלעגען הייסע שטיינער אין אַ גרוב און אַליין דערנאָך אַהין אַריין. דאַן פֿלעגט מען צודעקען די גרוב און

אנגיסען אהן וואסער. די גרויס פלעגט פול ווערען מיט פאו. דער אינדיאנער פארעט זיך גוט אויס אין דער וואנע, שפרינגט פון איהר ארויס, איז זיך טובל אין קאלט וואסער און שפרינגט ווידער אריין אין גרוב זיך פארען דארט.

אין ערטער האט מען גענוצט מאכען זידען דאס וואסער, אנווארפענדיג אין איהם הייסע שטיינער. די סקיטען פלעגען בענוצען לעדערנע טעפ; זיי פלעגען אנווארפען אין זיי הייסע שטיינער, ביז דאס וואסער פלעגט אנהויבען זידען און פלעגען אין אזוינע טעפ קאכען. אין אייראפא פלעגט מען בענוצען אמאל דערביי הילצערנע טעפ. צו אמת'ן קאכען אבער איז מען איבערגעגאנגען ערשט, ווען מען האט זיך אויסגעלערנט צו מאכען כלים פון לעהם.

אלס נאטירליכע כלים האבען צוערשט געדיענט: ביי'ם בושמען — די שאלעכץ פון א שטרויסען־איי; ביי אנדערע די שאלעכץ פון א קאקאס־נוס. נאר מעהר פון אלץ האט מען בענוצט און מען בענוצט נאך איצט די שאלעכץ פון א קירבעס, אדער ווי מען רופט דאס נאך — „קאלאוואסיע". אויף וואסער טראגען בענוצט מען נאך איצט אין פילע ערטער — דערין אויך אין פאלעסטינא — א לאגעל פון א שעפסען־פעל. די צו דייטשט מען דאס פעל פון דער שעפס פארזיכטיג אראב אינגאנצען, מען פערבינדט עס ביי די פיסלעך און ביי'ם האלז און מען לאזט איבער נאר איין לאך אויף אנצוגיסען דאס וואסער.

דערנאך לערנט זיך דער מענש אויס פלעכטען כלים. פלעכטען מאטעס פון צווייגלעך האבען זיך אויסגעלערנט כמעט אלע מענשליכע שבטים. און שפעטער הויבט מען אויך אן פלעכטען כלים. די אינדיאנער זענען דערגאנגען אין פלעכטען ביז א הויכער מדרגה פון איידעלער ארבייט. כדי די כלי זאל נישט דורכלאזען קיין וואסער, נעצט זי דער אינדיאנער אין וואסער און בויגט זי הין און הער אזוי לאנג, ביז די ריטלעך שטעהען פעסט צו איינס צום אנדערען. אין דרום־אפריקא דערלאנגט מען אין אזוינע געפלאכטענע שיסלען נישט נאר קאשע, נאר אויך מילך און אנדערע געטראנקען.

כדי די כלי זאל נישט דורכלאזען קיין וואסער, האט מען נאך גע־קאנט בענוצען אנ'אנדער מיטעל: פערשמירען די לעכער מיט פעך אדער מיט לעהם. אזוי האט יוכבד אויסגעשמירט דאס קעסטעלע, אין וועלכען זי האט אריינגעלעגט משה'ן אין טייך, „בחמר ובזפת" — מיט לעהם און מיט פעך. זוען מען האט אויסגעשמירט מיט לעהם די גע־

פלאכטענע כלי פון אויסוועניג, כדי זי זאל נישט פערברענט ווערען אויפ'ן פייער, האט מען געקאנט בעמערקען, אז דאס לעהם ווערט פון היץ פערוואנדעלט אין שטיין. און ווען מען האט זי אויסגעשמירט פון אינוועניג און צופעליג געלאזען זי אויפ'ן פייער, האט די געפלאכטענע הילצערנע כלי געקאנט פערברענט ווערען, און עס האט זיך בעקומען א לעהמענע כלי. אז אויף אזא אופן איז דער מענש דערגאנגען צו מאכען לעהמענע כלים, בעווייזען די סימנים פון די פלעכט־ריטלעך, וועלכע זענען ניכר אויף די שערבלעך, וואס מען געפינט ביי פערשידענע אויסגראבונגען.

שפעטער האט די פרוי, אויף וועלכער עס איז געלעגען די גאנצע זארג צוצוגרייטען עסען און צו מאכען די נויטיגע כלים דערצו, אנגעהויבען צו מאכען כלים אהן דער הילף פון א פלעכטעל. דערצו האט זי צונויפגעקליבען לעהם, אבגערייניגט עס פון שטיינדלעך און אנדערע מיסט, צוגעמישט א ביסעל דין זאמד, אויסגעקנאטען עס און פונ'ם בעך קומענעם שטיק לעהם ארויסגענומען פון אינוועניג שטיקעלך, אזוי אז עס זאל זיך בעקומען די נויטיגע כלי. ארום האט זי ארומגעשאבען דעם שטיק לעהם מיט א שפענדעל, ער זאל זיין גלאטער, און צוגעגעבען איהם די נויטיגע פארם. אדער זי פלעגט מאכען לאנגע שנירלעך פון לעהם, צוגעבען זיי די פארם פון רינגען פון פערשידענעם אומפאנג און דערנאך ארויפלעגען די רינגען איינעם אויפ'ן אנדערען, ביז עס פלעגט זיך בעקומען די נויטיגע פארם. די רינגען פלעגט זי צודריקען און צוקלעפען איינעם צום אנדערען מיט די פינגער. נאכדעם, ווי די כלים זענען געמאכט געווארען, פלעגט מען זיי לאזען אויסטריקענען און דאן איבערברענען אין פייער. אזוי מאכען זייערע לעהמענע כלים די פרויען פון די קאראאיקען און ארוואקען אויף די קליינע אנטילישע אינזלען. די לעהמענע שנירלעך דרעהען זיי ספיראליש ארום און דריקען זיי צוזאמען מיט די פינגער, און פון אויסוועניג גלעטען זיי ארום די כלי צוערשט מיט א ברעטעל און דערנאך מיט א שטיין, ביז עס גלאנצט. אלס הארן אויף איבערברענען די כלים דיענט ביי זיי א גרוב. מען שטעלט אהין אריין די כלים, מען לעגט זיי ארום מיט דיענע העלצלעך און אויבען בעדעקט מען זיי מיט קארע. מען צינדט אונטער דאס פייער פון אונטען, און ווען עס ברענט זיך פונאנדער, בעקומט זיך יעדער א גרויסע היץ, און די כלים ברענען זיך גוט איבער.

א מאל פלעגען די פרויען אויף די כלים — פריהער אלס זכר פון

די אמאליגע פלעשעלעך און דערנאך שוין אויס געפוהל פאר שענקייט — מאכען פערשידענע צייכנונגען און פיגורען, אפט זעהר קונסטפולע. יעדע פרוי פלעגט שטרעבען אריבערשטייגען די אנדערע אין איהר ארבייט. לויט די פערשידענע כלים, וועלכע מען געפינט אין א גרויסער צאהל ביי די אויסגראבונגען און וועלכע מען קאן זעהען אין יעדען גרעסערען מוזעאום, קאן מען אורטיילען, צו וואס פאר א קונסט די אלטע פעלקער זענען דערגאנגען אין זייער טעפעריי.

אין מצרים האט מען ערפונדען דעם טעפער־קרייז, וועלכער האט זיך פון דארטען פערשפרייט אין אלע לענדער און איז נאך איצט אויך דאס הויפט־געצייג ביי'ם מאכען טעפ. לכתחילה זענען די כלים געווען פון פשוט'ן ליים. זיי פלעגען אין זיך דערפאר אריינגעהמען וואסער, פעט־קייט א. ד. ג. שפעטער האט מען זיך אויסגעלערנט גלאזירען כלים. די דאזיגע קונסט האט זיך איבערהויפט ענטוויקעלט אין חינא. זיי פלעגען בענוצען אויף כלים נישט פשוט'ען לעהם, נאר גוטען קאאלין אדער פארצעליי־לעהם, צו וועלכען זיי פלעגען צושיטען א ביסעל זאמד. ביי'ם איבערברענען פלעגט די גאנצע כלי דורך און דורך אדער, ווענינסטענס, פון אויבען גלאזירט ווערען. די דאזיגע קונסט האט שפעטער פון חינא איבערגענומען אייראפא.

מיט דער ערפינדונג פון לעהמענע כלים איז געווארען מעגליך דאס קאכען. די דאזיגע נייע פארם פון צוגרייטען שפייז האט נישט נאר ווייכער און געשמאקער געמאכט די פערשידענע עסענווארג, נאר אויך איינגאנצען אומגעביטען דאס אמאליגע מעניו. אמאל פלעגט דאס עסען זיין זעהר איינארטיג: פלייש, פיש, קערנער, אמאל מילך. אבער געגעסען האט מען דאס אליין מייסטענס בעזונדער. איצט, ביי'ם קאכען, איז מעגליך געווארען צו פעראייניגען פערשידענע עסענווארג: גרינס, קערנער (גרויפען), פלייש, פעטס און ד. ג. צוזאמען און בעקומען א געמישטע שפייז, וועלכע בעפרידיגט פיעל מעהר די בעדערפניש פונ'ם מענשליכען קערפער, איידער די אדער יענע בעזונדערע שפייז. ביי יעדען פאלק האט זיך מיט דער צייט אויסגעארבייט, געוועהנליך, א אידעאלע געריכט, וועלכעס בעפרידיגט צומייסטען און שמעקט אמבעסטען. אזא געריכט הייסט דאס נאציאנאלע געריכט. אזוי, צ. ב., בעשטעהט דאס נאציאנאלע געריכט — א איש — אין סודאן פון צוקער־סארגא און פערשידענע ווילדע גראזען. די אלע גראזען און קערנער צומאהלט מען און פון דעם מעהל מאכט מען א קאשע, וועלכע מען בעגיסט מיט א

סאאום, וואס בעשטעהט: פון בלעטער, פרוכט, באב, פערשידענע איל־זוימען און טרוקענעם פלייש, וואס מען צושטויסט צוערשט אין א שטויסעל. און צו דעם אלעם שוט מען נאך צו זאלץ און מען בעגיסט דאס מיט שוטערען בוימאויל.

עסען עסט דער מענש אלץ צוערשט מיט די הענד. אזוי נעהמט דער בושמען דאס שטיק פלייש פון איין זייט מיט די צייהנער און פון דער אנדערער זייט מיט איין האנד און נאהנט בי'ם מויל שניידט ער מיט דער אנדערער האנד איבער דאס פלייש. די סיאנער אין אפריקא און די אראבער אין פאלעסטינא עסען נאך איצט אויך אלץ מיט די הענד. ביי איינינע שוין מעהר ענטוויקעלטע שבטים אין אפריקא איז איינגע־פיהרט דערפאר צו וואשען די הענד פאר'ן עסען. כדי עס זאל נישט אויסקומען צו רייסען דאס פלייש ביי'ם עסען, הויבט מען אן צישניידען עס אויף שטיקלעך נאך פאר'ן קאכען. שפעטער הויבט מען אן צו עסען מיט דער הילף פון שטעקעלעך, ווי דאס טהוען נאך איצט די יאפאנער און זינעזער. דערלאנגען מעסער צו'ם טיש — דאס איז שוין א פיעל־שפעטערדיגע געוועהנהייט. לעפעל האט מען ערפונדען, ווען מען האט אנגעהויבען צו קאכען שיטערע קאשע, אדער זופ. שפעטער פון אלץ האט מען ערפונדען דעם גאפעל.

פון די געצייג, וואס דער מענש האט נאך בענוצט ביי'ם צוגרייטען זיך שפייז, וועלען מיר זיך דא נאך אבשטעלען אויף די זשארנעס. די קערנער פון אונזערע ברויט־געוויקסען זענען רויהערהייד גארנישט אזוי שלעכט. נאר ווען זיי טריקענען אויס, זענען זיי צו־הארט און מען האט זיי דערפאר געדארפט צערייבען. אויף דעם האבען געדיענט צוויי שטיי־נער. אויפ'ן אונטערשטען פלעגט מען ארויפשיטען קערנער און מיט'ן אויבערשטען שטיין האט מען געריבען (אייגענטליך איז די דאזיגע גע־צייג נישט מעהר ווי א נאכאהמונג די אונטערשטע און די אויבערשטע ציין). פון שטענדיגען רייבען האט זיך אינ'ם אונטערשטען שטיין אויס־געבילדעט א פערטיעפונג. ווען מען האט די פערטיע־פונג דורכגעפיהרט ביז'ן ברעג שטיין, האבען זיך די צעריבענע קערנער, אדער מעהל, אליין אנגעהויבען ארויסצושיטען און מען האט נישט גע־דארפט עס ארויסשארען. דערנאך האט מען צוגעפאסט אין ארויפגעלעג־ אינעם אויפ'ן אנדערען צוויי קיילעכדיגע שטיינער. אינ'ם אויבערשט־ שטיין האט מען געמאכט א לאך אויף אריינשיטען די קערנער און מע־ האט צו איהם נאך צוגעמאכט א הענדטעל אויף צו דרעהען — א לאנ־

גען שטעקען. ווען מען האָט געדאַרפֿט מאָהלען, האָט די פֿרוי (דאָס איז געווען אַמאָל איהר אַרבייט) אומגעדרעהט מיט'ן שטעקען דעם אויבער־שטען שטיין און האָט פֿון צייט צו צייט צוגעשאָטען קערנער. אַרום די שטיינער פֿלעגט מען פֿונאַנדערלעגען אַ רייניגעם לייוועגד, אויף וועלכען עס פֿלעגט זיך שיטען דאָס מעהל. שפּעטער האָט מען פֿאַר דאָס מעהל צוגעמאַכט אַ קאַסטען אַרום די שטיינער. אַזוינע האַנד־מיהלען (ז ש אַ ר נ ע ס) זענען נאָך ביז גאָר נישט לאַנג געווען אין געברויך אַפֿילו אין פֿיעל ערטער אין רוסלאַנד. די איצטיגע מיהל שיידט זיך פֿון דער האַנד־מיהל אונטער זעהר ווענייג: דיזעלבע צוויי שטיינער, צווישען וועלכע עס ווערען צוריבען די קערנער. מעהר נישט, די אַמאָליגע מיהל האָט מען געדרעהט מיט דער האַנד און די איצטיגע ווערט גע־בראַכט אין בעוועגונג מיט'ן כח פֿון וואַסער־פֿאַל, דאַמפּף א. ד. ג. אין אַלטערטום איז דאָס דרעהען די האַנד־מיהל געווען די אַרבייט פֿון דער פֿרוי. דערנאָך האָבען זי אין ערטער פֿערביטען די קנעכט. און ערשט שפּעטער האָט דער מענש אָנגעהויבען צו בענוצען זיך דערצו מיט דעם כח פֿון בהמות און אַנדערע קרעפֿטען פֿון דער נאַטור.

אויסער די געוועהנליכע שפּייז אויף אָנזעטיגען זיך, האָט דער מענש אַלע מאָל געשטרעבט צו געניסען נאָך פֿון אַזוינע שפּייזען און געטראַנ־קען, וועלכע זאָלען נאָר רייצען זיינע געשמאַק־נערווען אָדער אויפֿרעגען איהם, פֿרעהליכער מאַכען. אַלס אַזאַ שפּייז האָט פֿריהער פֿאַר אַלץ גע־דיענט דעם מענשען דער האָניג. געפֿינען איהם האָט דער מענש געקאָנט זעהר פֿיעל אין די וועלדער. צוערשט האָט ער מסתמא געגעסען דעם האָניג צוזאַמען מיט דעם וואַקס; נאָר פֿאַר דעם מאָגען פֿון דעם ווילדען מענשען איז דאָס נישט צו־שווער געווען. ווען די צאָהל נאַטירליכע ביהנ־שטאָקען אין די אויסגעלעכערטע בוימער איז געוואָרען ווענייגער, אָדער דער מענש האָט געוואָלט האָבען האָניג נעהנטער צו זיין געצעלט, האָט ער אָבגעזעגט דעם בוים העכער פֿאַר'ן אָרט, וואו די ביהנען זענען, און דערנאָך אויך פֿון אונטען און עס האָט זיך בעקומען דער ערשטער ב י ה נ ע נ ק ל אָ ץ אָדער ב י ה נ ש ט אָ ק. די ביהנענצוכט איז מיט דער צייט געוואָרען אַ וויכטיגע צווייג פֿון מענשליכער אַרבייט.

נאָך דעם האָניג געהט אַלס נאַשעריי דער צ ו ק ע ר ־ ר ע ה ר. ער וואַקסט אין די הייסע געגענדען סיי אין אַפֿריקאַ און אַזיען, סיי אין אַמעריקאַ און איז נאָך איצט אַ געליעבטעס געריכט אויף צו זויגען ביי די האַלב־ווילדע אינדיאַנער און אַראַבער. שפּעטער האָט מען גענומען

צומישען האָניג צו וואַסער, עס זאָל זיין געשמאַקער צו טרינקען. ווען דער דאָזיגער געטראַנק איז געשטאַנען לענגער, האָט ער אָנגעהויבען צו גערהרען, און פון איהם איז געוואָרען אַ שאַרפער פער'שכור'ענדער געטראַנק — דער מ ע ד, וועלכער האָט דעם מענשען גאָרנישט שלעכט געשמעקט. מיט דער צייט האָט אַלס פער'שכור'ענדער געטראַנק נאָך אָנגעהויבען צו דיענען דער ו ו י ן. דער ווייִנשטאָק האָט געוואַקסען אין ווילדען צושטאַנד אַרום דעם מיטעללענדישען ים און אין דעם הינטערשטען קאַווקאַז. צוערשט האָט מען איהם אָנגעהויבען צו בעאַרבייטען אין מערב־אַזיען, אַרום פּאַלעסטינאַ, און מען האָט פון איהם בעקומען דעם ווין. צוערשט האָט מען דעם ווין אין ריינעם צושטאַנד נישט בענוצט: מען האָט איהם נאָר צוגעגאָסען צו וואַסער, כדי צו מאַכען עס אָנגענעהמער און ערפרישענדער צו טרינקען, און נאָר דערנאָך האָט דער מענש אָנגעהויבען צו מיספּרוּוכען און טרינקען ריינעם שטאַרקען ווין, פון וועלכען ער פלעגט שכור ווערען. אין מצרים האָט מען נאָך אָנגעהויבען צו בענוצען די ברויט־קערנער אויף צו מאַכען אַ פער'שכור'ענדען געטראַנק — דאָס ביער. פון מצרים איז דאָס ביער דערנאָך איבערגעגאַנגען אין גריכענלאַנד, און פון דאָרטען צו די רוימער, דערנאָך צו די גערמאַנער און אין גאַנץ אייראָפּאַ.

זעכסטעס קאַפּיטעל.

קליידונג און וואָהנונג.

אויסער זיין בעדערפניש אין שפּייז און אין מיטלען צוצוגרייטען די שפּייז, האָט נאָך דער מענש אַ וויכטיגע בעדערפניש — אין ק ל י י ד ו נ ג. די דאָזיגע בעדערפניש איז נישט אין אַלע געגענדען אַ גלייך־דרינגענדע און נישט אומעטום איז זי אויסגעוואַקסען פון די זעלבע סבות. אין די קעלטערע געגענדען האָט דער מענש געדאַרפט צודעקען אָדער איינוויקלען זיין קערפּער, כדי צו בעשיצען איהם פון קעלט. דאָ איז קליידונג געווען אַזוי נויטיג, ווי דאָס עסען, און זינט דער מענש איז אָנגעקומען אין די קעלטערע געגענדען, האָט ער זיך דאָרט אויף אַנ'אַנדער אופן געקליידעט.

אין די הייסע געגענדען אָבער, וועלכע זענען געווען די היימאַט פון דעם מענשען, האָט דער מענש געקאָנט גאַנץ גוט אויסקומען אָהן קליידונג אויך. פערטיידיגען זיך פון קעלט האָט ער דאָרט נישט געדאַרפט.

דאָס געפֿיהל פֿון שעמען זיך צו האַלטען נאַקעט געוויסע טיילען פֿונ'ם קערפּער איז אויך נישט קיין איינגעבוירענעס ביי'ם מענשען. עס זענען נאָך די לעצטע צייט געווען פֿיעל מענשליכע שבטים, וועלכע האָבען זיך נישט געשעמט אַרומצוגעהן אינגאַנצען הויהל. אַזוי האָט בעקער געטראָפֿען דעם שבט לאַטוקאַ ביי די אַפֿריקאַנישע גרויסע אָזערעס אומגעהן אינגאַנצען נאַקעט. קוק האָט געטראָפֿען די איינוואוינער פֿון דרום־מזרח־אויסטראַליען אינגאַנצען נאַקעטע. ליווינגסטאָן האָט געטראָפֿען דעם שבט באַטוקע, ביי דעם טייך זאַמבעזי אין אַפֿריקאַ, אינגאַנצען נאַקעטע, און ווען ער האָט מיט זיי געמאַכט אַ שמועס וועגען שעמעוודיגקייט, האָבען זיי אַפֿילו נישט פֿערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס.

די קליידונג איז אין די הייסע געגענדען אויסגעוואַקסען פֿון אַן אַנדער מענשליכער בעדערפֿניש — שוין נישט קיין מאַטעריעלער — פֿון דער בעדערפֿניש אין פּוצען זיך, אין בעצירען זיך. יעדער מענש שטרעבט אויסצוטיילען זיך מיט וואָס עס איז פֿון די אַרומיגע נאָהנטע מענשען, כדי יענע זאָלען איהם מעהר בעמערקען, מעהר אַכטען, מעהר אויסצייכענען. און אויב ער האָט נישט קיין בעזונדערע געבוירענע סימנים, וועלכע זאָלען אויף איהם ציהען די אויפֿמערקזאַמקייט, גיבט ער צו זיין קערפּער וועלכע עס איז אויסערליכע סימנים. ער בעצירט זיך אויף אַזאַ אָדער אַנ'אַנדער אופֿן, כדי נישט צו זיין ענהליך צו די אַנדערע. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז די אייראָפּעאישע רייזענדע האָבען געטראָפֿען פֿיעל מענשליכע שבטים, וועלכע האָבען נאָך נישט געוואוסט פֿון קיין קליידונג; זיי האָבען אָבער נישט געטראָפֿען קיין איין שבט, אויף וועלכער נידריגער שטופֿע פֿון ענטוויקלונג יענער זאָל נישט שטעהן, ער זאָל נישט טראָגען וועלכע עס איז — זאָל זיין גראָבע — צירונג.

ווען די אייראָפּעער האָבען אין פֿיעל ערטער געוואָלט מזכה זיין די ווילדע מיט נוצליכע זאַכען, האָבען די ווילדע זיך פֿון זיי ענטזאַגט; זיי האָבען פּשוט נישט געוואוסט און נישט בענוצען די בעדייטונג פֿון די זאַכען. אַזוי, צ. ב., ווען מען האָט געגעבען די אויסטראַליער געוואַנד, האָבען זיי עס אַפֿילו גענומען, אָבער באַלד אַוועקגעוואָרפֿען הינטער דעם ערשטען בוים. אויף די געזעלשאַפֿטס־אינזלען האָבען די ענגלענדער געוואָלט אויסלערנען די איינוואוינער בעשעפֿטיגען זיך מיט פֿיהצוכט און איבערגעלאָזען ביי זיי פֿערשיעדענע הויז־בהמות. די לעצטע זענען דאָרמען אָבער באַלד פֿערווילדעט געוואָרען, ווייל די ווילדע איינוואוינער

האָבען זיך וועגען זיי נישט געזאָרגט. דערפאַר אָבער האָבען די וועלכע ווילדע פון די געזעלשאַפטס־אינזלען פאַר עטליכע רויטע פעדים געוואָלט פערקויפען די גאַנצע אינזלען, און דער אויסטראַליער איז גרייט צו לאָזען זיך אויף סכנת־נפשות, כדי צו בעקומען — אָדער פשוט גנב׳ענען — אַ וועלכע עס איז בלישצענדיגע שפּיעלצייג אָדער רויטען בענדעל א. ד. ג. דאָס בעציערען זיך בעשטעהט בײַ׳ם מענשען אָדער אין פאַרבען זיך, אָדער אין אויסקריצען אויפ׳ן לײַב פערשיעדענע צייכנונגען, אָדער אין אָנטהון אויף זיך וועלכע עס איז ציערונג.

דאָס פאַרבען זיך איז פערשפּרייט בײַ אַלע ווילדע פעלקער. אייניגע האַלטען זייער קערפּער אויסגעפאַרבט אָדער בעמאָהלט שטענדיג, אַנדערע פאַרבען זייער קערפּער נאָר אין געוויסע פעלען. די איינוואוינער פון די אַנדאַמאַנער אינזלען (אין אַזיען) פאַרבען שטענדיג אויס זייערע לייבער מיט אַ פאַרביג לעהם, צומישט מיט חזיר־שמאַלץ. אַזאַ פאַרבינג פערהיט זיי זאָגאַר פון דער ברענענדער היץ און פון די מאַסקיטען (אַזאַ בייסענדע פליעג). צוליעב שענקייט פאַרבט זיך דאָרטען אַ פראַנט אויס איין האַלבען פנים אויף רויט און דעם אַנדערען אויף העל־גרין, און דאָרט, וואו די פאַרבען בעגעגנען זיך — אויפ׳ן מיטען פנים — פיהרט ער דורך אין דער לענג אַ שטריך, וועלכען ער ציהט ווייטער איבער׳ן ברוסט און בויך. די איינוואוינער פון פייער־לאַנד פלעגען זיך אויספאַרבען דעם פנים מיט רויטער און שוואַרצער פאַרב, און נאָר אונטער די אויגען מיט ווייסער. די אינדיאַנער מאָהלען אויס זייער געזיכט מיט פיעל קונסט. זיי קלערען אויס אַלע מאָל אַלץ נייע צייכנונגען. זיי פאַרבען זיך כמעט יעדען טאָג, אָבער איבערהויפּט צום טאַנצען. די בעליעבטעסטע פאַרב איז בײַ זיי די רויטע. זיי פאַרבען אָפטמאָל אויס דעם גאַנצען קאָפּ אַזוי, אַז ער זעהט אויס רויט ווי פייער; אָדער איין האַלבען געזיכט פאַרבען זיי אויס אויף רויט, דעם אַנדערען אויף שוואַרץ, און מאַכען נאָך אויפ׳ן געזיכט דערבײַ פערשיעדענע צייכנונגען. די הוראָנער אינדיאַנער לויפען פאַר 20 מייל = 140 וויאָרסט, כדי צו ברענגען זיך פאַרביגע ערד.

אָפט פאַרבט זיך דער ווילדער פאַר׳ן אַרויסגעהן אויף מלחמה. דערבײַ סטאַרעט ער זיך צוצוגעבען זיין געזיכט וואָס אַ שרעקליכערען אויסזעהן, כדי דערמיט צו וואַרפען אַ פחד אויף די שונאים. אַזוי טהוען די אינדיאַנער אין אַמעריקאַ, אַזוי פלעגען טהון די אַמאָליגע בריטען (אין ענגלאַנד); זיי פלעגען זיך אויספאַרבען מיט בלויער פאַרב. בײַ די מעהר ציוויליזירטע פעלקער איז נאָך אויך דער מנהג צו פאַרבען זיך

נישט אינגאַנצען פערשוואונדען. די פרויען אויפ'ן באַלקאַנישען האַלבּאינזעל פאַרבען נאָך איצט אויך שטאַרק זייערע געזיכטער, און אַפילו אין די גאַר ציוויליזירטע לענדער פאַרבּט זיך און פודערט זיך נישט איין פרוי, וועלכע האָט פערלאָרען איהר אַמאָליגען חן, אָדער וועלכער גאָט האָט קיינמאָל נישט שענקייט נישט בעגליקט.

די אויסקריצונגען, אָדער ווי מען רופט דאָס נאָך—די טאַטויר־צייכענס. בעשטעהן אָפטמאָל נאָר פון אַ פּאָר סימנים, אָדער פון גאַנצע שענע אָרנאַמענטען, וועלכע בעדעקען דאָס גאַנצע געזיכט אָדער אַפילו דעם גאַנצען קערפּער. די אויסקריצונגען און בכלל צייכענס אויפ'ן לייב ווערען געמאַכט מייסטענס צוליעב שענקייט; ביי פיעל פעלקער אָבער איז די סבה, וועלכע האָט אַרויסגערופען די טאַטואירונג, אַן אַנדערע: אַרעליגיעזע אָדער געזעלשאַפטליכע. אויף אַ געוויסער שטופע פון ענטוויקלונג בעקומט דער מענש אַ בעגריף וועגען גייסטער, וועלכע וואוינען אַרום איהם. איינינגע פון די גייסטער זענען גוטע, די אַנדערע—בייזע. כדי איבערצובעטען די בייזע גייסטער אָדער אויס דאַנקבאַרקייט די גוטע, ברענגט ער זיי קרבנות. דער בעסטער קרבן איז פלייש אָדער נאָך בעסער בלוט. און דאָס העכסטע איז — דאָס אייגען בלוט. דער מענש מאַכט זיך אַ וואונד, פון וועלכער עס רינט אַרויס בלוט. דאָס בלוט בעפעסטיגט דעם בונד צווישען דעם מענשען און זיין גוטען גייסט. די וואונד מאַכט מען זיך אין אַ בעשטימטען אָרט. דער דאָזיגער רעליגיעזער מאָטיוו ליעגט אויך אין דעם מנהג פון מל זיין, וועלכער איז פאַרהאַן ביי די אַראַבער און ביי איינינגע אַנדערע מזרח־פעלקער. (דאָס מל־זיין האָט אויסערדעם נאָך אַ גרויסע היגיענישע בעדייטונג, ווייל עס פערהיט פון אַ סך געשלעכטס־קראַנקהייטען).

דעם סימן אויפ'ן קערפּער מאַכט מען אויך, כדי מען זאָל קאָנען אונטערשיידען, צי געהערט ער צו אַ בעשטימטען שבט. אין די אַמאָליגע צייטען, ווען די פערשיעדענע שבטים זענען געווען צווישען זיך שרעקליכע פיינד, אַזוי, אַז ביי'ם בעגעגענען אַ מענשען פון אַ צווייטען שבט פלעגט מען איהם אָהן פיעלע טענות ומענות טויטען, האָבען די מענשען פון איין שבט געדאַרפט האָבען אַ געוויסען אַלגעמיינעם צייכען, לויט וועלכען זיי זאָלען זיך אומעטום קאָנען דערקענען. דער דאָזיגער צייכען איז געווען ווי אַ פאַמיליען־שילד, מיט וועלכען דער געהעריגער צום שבט פלעגט שטאָלצירען. לויט די פערשיעדענע אויסקריצונגען, קען מען אַ-

טערשיידען פיעל נעגערישע שבטים. איינינע פון זיי מאכען זיך נאר אויף ביידע באקען צו פאר שראמען, אנדערע מאכען זיך א גאנצע רייהע הויכע צייכענס פון די ברעגען שטערען ביז'ן שפיץ נאז.

מיט דער צייט ווערט אבער אפט דער רעליגיעזער מאטיוו און אפילו דער געזעלשאפטליכער מאטיוו פון דער טאטואירונג פערגעסען און מען מאכט זיך פערשיידענע סימנים אויפ'ן לייב נאר צוליעב שענקייט. די דאזיגע מאדע פון מאכען אויסקריצונגען איז נאך איצט פערשפרייט נישט נאר צווישען די ווילדע, נאר אויך צווישען פעלקער שוין מעהר ענטוויקעלטע. אזוי טאטואירען די אראבערינס זיך נאך איצט זייערע געזיכטער מיט די פערשיידענסטע אוזארען. די ארמענער מאכען זיך אויך געוויסע צייכענס אויף די הענד, און די מאטראזען קריצען זיך אפט אויס אויפ'ן האנד אנ'אנקער אדער א שיף.

אויף אויסקריצען די סימנים, שטעכט מען אן דעם לייב — ביי די ווילדע מיט א שארפען ביין, ביי די אראבערינס מיט נאדלען — און מען רייבט איין דעם געשטאכענעם ארט מיט רוס אדער מיט א וועלכער עס איז פארב צומישט מיט א פעטקייט. און דער סימן בלייבט שוין דאן אויף אייביג.

ביי פיעלע פעלקער איז נאך געווען א מאדע צוליעב שענקייט צוגעבען דעם אדער יענעם טייל פון קערפער א געוויסע פארם. איינינע אינדיאנער שבטים איז זעהר געפעלען געווען א שפיציגער, אין דער הויך אויסגעצויגענער קאפ. זיי פלעגען זיך דערפאר סטארען שוין פון קינדווייז אויף אויסציהען דעם קאפ אין דער געוואונשטער ריכטונג. דערצו האבען זיי בענוצט אזא אפאראט (געצייג) צוגעמאכט צום וויגעלע. די האטענטאטען, ביי וועלכע די נאז איז פון דער נאטור שוין גענוג ברייט און פלאציג, פערפלאציגען נאך מוהה די נעז פון זייערע קינדער; און דער נאז פון דעם פערסיאנער טהראנפאלגער פלעגט מען צוגעבען א מאל א לאנגע, שפיציגע אדלער-ארטיגע פארם. אין נארמאנדיע, און פראנקרייך, פלעגען נאך גאר נישט לאנג די אמען צוגעבען מיט דער הילף פון אזוינע הארטע הייבלעך די געוואונשטע פארם דעם קינד'ס קעפעל. און ביי די חינעזער געהען נאך איצט אום זעהר פיעלע פרויען מיט צוקאלעטשעטע פיסלעך, אדער ווי זיי רופען דאס מיט „גאלדענע ליליען". נאך גאר קליינע מיידעלעך באנדאזשירט מען דאס פיסעל, מען קעהרט זיי אונטער די פינגער אזוי לאנג, ביז זיי רייסען אפ. דאס מיידעלע קאן נישט אנטלויפען און נישט אומגעהן און ווארפט זיך אום אויפ'ן געלעגער און

וועהטאגען. דורך אזא צונויפדריקען דעם פים הערט ער אבער אויף צו וואקסען. די חינעזערין, וועלכע האט אזוינע פים, קאן נאך מאכען עטליכע טריט; וועגען געהן אויף א ווייטע שטרעקע, אדער לויפען קאן גאר ביי איהר קיין רעד נישט זיין. האבען אזוינע „גאלדענע ליליען" ווערט אבער גערעכענט פאר זעהר שען; עס שטעלען דערפאר נישט אב נישט די וועהטאגען, נישט דאס, וואס מען ווערט א האלבע קאליקע, און דער גרעסטער טייל פון די חינעזער פרויען, איבערהויפט פון די מיוחס'דיגע, האבען אזוינע פיסלעך.

צוליעב שענקייט זעגען זיך נאך אונטער איינינע אפריקאנישע שבטים די ציינהנער; אין חינא לאזט מען זיך אבוואקסען די נעגעל; ביי פילע פעלקער גיעט מען צו די האהר א געוויסע פארם: איינינע גאלען זיך אוים דעם מיטען קאפ; אנדערע גאלען ארום דעם גאנצען קאפ און מען לאזט נאר אין מיטען א ביסעל האהר; מען פערפלעכט די האהר אין איין צאפ אדער אין פיעל צעפלעך, אדער מען גיעט זיי צו די פארם פון א קנופ א. ד. גל.

ציהרונג טהוט אן דער מענש אויף די אלע טיילען פון קערפער, אויף וועלכע די ציהרונג קאן זיך האלטען אמבעסטען. אין די האהר פון קאפ שטעקט ער זיך אן פערשיעדענע פעדערען; ארום קאפ טהוט ער אן א רייפעל, פון וועלכען עס קומט שפעטער ארוים די דיאדעם; אויפ'ן האלז — א האלזבאנד; אויף די ארעמס און אויף די פים — רינגען. אנדערע בענוגענען זיך נישט מיט די ערטער, אויף וועלכע עס קאן זיך אליין האלטען א ציהרונג. נאר זיי מאכען נייע אזוינע ערטער קינסטליך: מען שטעכט־דורך די נאז און מען טהוט אן א נאזבאנד; די אויערען — פאר אויררינגען; די אונטערשטע און די אויבערשטע ליפען—פאר ליפרינגען. די באטאקודען אין בראזיליען שטעכען דורך די ליפ און שטעקען אין איהר אריין אלץ גרעבערע שטעקלעך, ביז זי ציהט זיך אזוי פונאנדער, אז מען קאן אין איהר אריינלעגען א הילצערנע קרייזפארמיגע ברעטעלע פון צוויי־דריי צאל אין דורכמעסער. די אויערען ציהען זיך ביי זיי אפט אזוי פונאנדער, אז זיי הענגען כמעט ביז די אקסלען.

ווען דער מענש האט זיך אויסגעלערנט צו בענוצען שטריקלעך, האט ער אנגעהויבען אנצובינדען ציהרונג אויך אויף די לענדען, וואו דאס שטריקעל האלט זיך זעהר גוט. אויף דעם גארטעל, וואס האט זיך אזוי ארום בעקומען, פלעגט מען אנהענגען אלץ מעהר פערשיעדענע ציהרונג, ביז ער פלעגט פערדעקען דעם גאנצען אונטערשטען פאדערשטען

טייל פֿון קערפּער ביז די קניע און האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ שירץ. דער דאָזיגער גאַרטעל אָדער שירץ האָט פֿיעלע אויספֿאָרשער אַרײַנגעבראַכט אין אַ טעות. זיי האָבען גערעכענט, אַז די ווילדע טראָגען דעם שירץ אויס שעמעוודיגקײַט. אין דער אמת'ן אָבער איז דאָס נישט אַזוי. פֿיעלע ווילדע, וועלכע האָבען נישט געהאַט קײַן אַהנונג וועגען דעם געפֿיהל פֿון שעמעוודיגקײַט, האָבען דאָך געטראָגען אַזוינע שירצען. דער שירץ האָט געדיענט נאָר אַלס ציהרונג. בײַ איינגע שבטים, צ. ב. אויף די נײַ־געבּרידען אינזלען אין אויסטראַליען, טראָגט מען דעם שירץ נישט פֿאַרענט, נאָר הינטען. דאָס געפֿיהל פֿון שעמעוודיגקײַט ענטשטעהט בײַ'ם מענשען ערשט שפּעטער אַלס רעזולטאַט פֿון קליידען זיך. ווען מען געוועהנט זיך אײַן צו האַלטען דעם אָדער יענעם טייל פֿון קערפּער צוגעדעקט, שעמט מען זיך, ווען דער דאָזיגער טייל בלײַבּט הויל. דאָס געפֿיהל פֿון שעמעוודיגקײַט איז דערפֿאַר נישט קײַן פֿעסטגעשטעלטער אַפֿילו בײַ אַלע פֿעלקער, וועלכע געהען אָנגעטהון. אַזוי צ. ב. שעמט זיך אַ פֿרומע אידענע צו געהן מיט אַ הוילען קאָפּ, די פֿרומע טערקין — מיט אַ הוילען נישט צוגעדעקטען פּנים, און אַנדערע פֿרויען געהען מיט אַן אויסגעבלויזטען האַלז און מיט האַלב־הוילע אָרעמס און אָפֿט — איבערהויפּט אויף בעלער — אַפֿילו מיט טיעפֿען דעקאָלטע.

פֿון דעם שירץ, וועלכער האָט צוערשט געדיענט אַלס ציהרונג, האָבען זיך אָבער ביסלעכווייז ענטוויקעלט די ווײַבערשע קליידער. די פֿרויען בײַ דעם אַפֿריקאַנער שבט גאַרי העגנגען אָן אַרום גאַרטעל לאַנגע פּאַסען פֿון קאָרע, פֿון האָהר, פֿון פֿעל א. ד. גל. אַזוי, אַז דער שירץ בעדעקט אַרום כמעט דעם גאַנצען קערפּער; הינטען העגנגען זיי נאָך אָן אַ וויידעל פֿון אַ חיה. ווען דער שירץ וויקעלט אַרום דעם גאַנצען אונטערשטען טייל פֿון קערפּער ווערט ער פֿערוואַנדעלט אין אַ פֿרויען־קליידעל. שפּעטער הויבּט מען נאָך אויף דאָס קליידעל העכער און מען בינדט עס אונטער'ן ברוסט. פֿון אַזאַ לאַנגען שירץ איז בעשטאַנען אַמאָל די גאַנצע ווײַבערשע קליידונג אין מצרים. ווען מען לערנט זיך אויס צו וועבען און בכלל צו מאַכען שטאָף, מאַכט מען דעם שירץ שוין נישט פֿון פּאַסען, נאָר פֿון אַ גאַנצען שטיקעל שטאָף.

און די הייסע געגענדען איז מען מייסטענס ווײַטער פֿאַר'ן גאַרטעל אָדער פֿאַר'ן שירץ נישט געגאַנגען; נאָר איינגע שבטים, צ. ב. די בראַזיליאַנער און די אינוואָהנער פֿון באָרנעאָ, פֿלעגען אָנטהון אַ מין העמדער פֿון קאָרע. מען פֿלעגט אַראָבשיילען די קאָרע פֿון אַ בוים אָדער

פון א גראבען סוק, אויסשלאגען דאס עס זאל וויכער ווערען, מאכען לעבער פאר די הענד און אנטהון. אמת'ע קליידער אבער זענען בעשאפען געווארען נאר אין די קעלטערע צפונ'דיגע געגענדען. דאס ערשטע קלייד איז א פעל פון א חיה, וועלכע מען ווארפט זיך ארויף אויפ'ן פלייצע און מען וויקעלט זיך אין איהר איין. (דער מאדיארישער מאגנאט ווארפט נאך איצט ארויף אין א יום-טוב אויף זיין אויבערשטען קלייד א טיגער-פעל, א סימבאל פון זיין יחוס און אין דער אמת'ן א זכר פון זיינע אמאליגען אור-אנטהון זיך). די פאטאגאניער פלעגען אוועקשטעלען די פיס אויף א פעל, ארומוויקלען און ארומבינדען עס אזוי, אז עס האט זיך בעקומען ביי זיי אויף די פיס ווי הויזען צוזאמען מיט שיך, און דעם קערפער פלעגען זיי בעזונדער אויך איינוויקלען אין פעל. די עסקימאסען וויקלען איין אין פעל אלע טיילען פונ'ם קערפער און לאזען אפען נאר דעם פנים. אין די ווענינער קאלטע געגענדען זענען פעל-קליידער אדער לעדערנע קליידער שפעטער ארויס פון דער מאדע, זיי זענען פערביטען געווארען מיט קליידער פון פערשידענע געוועבטע שטאף. דערביי איז די ערשטע פארם פונ'ם שטיק שטאף, וואס האט געדיענט אלס קלייד, א פיערקאנטיגע, אזוי ווי דער וויבערשער שאל, אדער טוך (פאטשיילע), און איז ענהליך צו דער פעל פון א חיה. מען ווארפט ארויף דעם שטיק שטאף אויפ'ן פלייצע און מען פערשפילעט עס פון פארענט מיט א שטעקעלקע אדער מיט אנ'אנדער שפילקע. די טאגע, ווי די מיוחס'דיגע רוימער פלעגען טראגען, איז אויך געווען אזא פשוט שטיק שטאף, נאר א האלב קיילעכדיגער. ווען דאס שטיק שטאף איז געווען גענוג לאנג און ברייט, האט מען איהם געקאנט אנטהון נאך אנדערש. מען פלעגט דורכשניידען אין איהם א לאך פאר דעם קאפ און דאן פלעגט ער אראב-הענגען ארום דעם גאנצען קערפער. אזא מאנטעל טראגען נאך איצט די דרום-אמעריקאנער גויטשאסען, וועלכע רופען איהם „פאנטשא". ווען מען האט אויסער פאר'ן קאפ נאך דורכגעשניטען אינ'ם שטיק שטאף לעכער פאר די יהענד, האט זיך בעקומען א לאנג העמד אהן ארבעל. ארבעל פאר די הענד און הויזען פאר די פיס זענען א מאל געווען בעזונדערע קליידער, נישט צוזאמענגענייהטע מיט'ן העמד און נישט צוזאמענגענייהטע צווישען זיך. דערפאר זאגט מען נאך איצט אויך „א פאר הויזען", וואס עס בעווייזט, אז א מאל זענען דאס געווען צוויי בעזונדערע קליידער. הויזען האט מען איבערהויפט בענוצט אין די קעלטערע געגענדען און ערשט שפעטער זענען זיי פון דארטען איבער-

געגאנגען אין די ווארימערע. די גריכען און די רוימער האבען נאך געקוקט אויף הויזען, ווי אויף אנ'אנטהון פון בארבארען. זיי פלעגען טראגען א „היטאן", אדער א קורץ העמד. איינס פון די וויכטיגסטע נייעסען אין קליידונג איז דאס אונטערשטע העמד. אויב ביי'ם גייען און גאס זענען געווען גוט די שווערע לאנגע קליידער, האט מען פאר'ן שטוב אדער פאר דער ארבייט געדארפט האבען לייכטערע. אלס אזא לייכט קלייד איז ענטשטאנען דאס העמד. צוערשט פלעגט מען עס טראגען ביי דער ארבייט אויפ'ן פעלד, למשל, אהן אנ'אויבערשט קלייד, און מען פלעגט אויסקומען מיט איהם אליין אויף צו בעדעקען די הוילע לייב; און ווען מען פלעגט אנטהון דעם אויבערשטען בגד, פלעגט מען אויסטהון דאס העמד. דערנאך האט מען עס שטענדיג אנגעהויבען צו טראגען, ווייל אין די פוטערנע אדער וואלענע, בכלל גראבע קליידער פלעגט זיך אנקלייבען זעהר פיעל רמשים און דאס העמד איז דערפאר געווען א גוטע מחיצה פון זיי. נאר דאך האט זיך דער דאזיגער טייל פונ'ם מענשליכען טואלעט, וועלכער ווערט איצט ביי אונז גערעכענט פאר דעם וויכטיגסטען טייל, זעהר לאנגזאם פערשפרייט צווישען די ציוויליזירטע מענשען. ביי די רוימער האט מען נאך אין פיעלע אריסטאקראטישע הייזער נישט געטראגען קיין העמדער.

אלס שטאף אויף קליידער האט פריהער פאר אלץ אין די צפונ'דיגע געגענדען געדיענט פעל. אמאל פלעגט מען בענוצען די פעל רויהע, ווי מען שינדט זיי אראב. זיי פלעגען ביי'ם אויסטריקענען ווערען זעהר הארט. די פאטאגאניער בעארבייטען שוין די פעל: זיי שאבען זי ארום מיט זייערע שטיינערנע מעסער און מאכען פון זיי לעדער. אנדערע ווילדע פעלקער האלטען די פעל א ביסעל צייט אויפ'ן פייער, כדי צו דערווייטערען פון איהר די פעטקייט און דאן רייבען זיי זי מיט מארך פון ביינער אדער מיט שמאלץ און בויגען זי שטארק הין און צוריק, אזוי, אז זי ווערט זעהר ווייך. די עסקימאסען און אייניגע אנדערע צפונ'דיגע פעלקער בענוצען אויף צו בעארבייטען די פעל איבערגעפוילטע השתנה, פון וועלכער עס איז אין זייערע עוד־הייזלעך שטענדיג א שרעקליכער גערוך. גארבען פעל מיט דער הילף פון גארבען־ניסלעך און גארבען־זויערס (פון דעמבענע און אנדערע קארע) האבען זיך אויסגעלערנט די מענשען פיעל שפעטער. נאך די מצריים האבען שוין פון דער ארט בעארבייטען פעל געוואוסט.

אויף דער אינזעל האאיטי און אויף פיעלע פאלינעזישע אינזלען

האט מען בענוצט אויף מאכען שטאף די קארע פונ'ם ברויט־בוים, פון אזא מין פייגענבוים און פון איינינע אנדערע בוימער. די איינוואוהנער פלעגען אראבנעהמען די קארע פון די יונגע בוימער, בעגיסען מיט וואסער, אראבשאבען די גרינע טיילען, ארויפלעגען עטליכע פאסען קארע איינע אויף די אנדערע און דערנאך קלאפען איבער זיי מיט א שטעקעל, ביז זיי פלעגען זיך צונויפגיסען אין איין שטיק שטאף עהנליך צו געוואנד. ביי'ם טראגען אזא קלייד פלעגט עס ווערען ווייך און זעהר בעקוועם; נאר עס פלעגט דורכלאזען וואסער און לייכט רייסען זיך.

אויף ניי־זעלאנד האט מען בענוצט אויף צו מאכען שטאף די פאדעם פון דעם ניי־זעלאנדער ליין. אויף די פאלינעזיאישע אינזולען פלעגט מען פון די פאדעם, וואס ארום די קאקאס־ניס, מאכען שטריק; די מצריים פלעגען מאכען שטריק פון די קארע פונ'ם פאפירוס; פון די פאפירוס־שטענגלעך פלעגען זיי נאך פלעכטען קערב און מאטעס (ראגושעס) און פון דער הויט פון דעם געוויקס געמאכט פאפיער.

נאר דער הויפט־שטאף אויף קליידונג האבען געגעבען ליין און וואל. איבערהויפט איז דער ליין געווען פערשפרייט אין מצרים, וואו כמעט די גאנצע קליידונג איז געווען פון לייוועגט. אין גריכענלאנד האט מען ערשט פיעל שפעטער אנגעהויבען צו טראגען לייוועגטענע קליידער און אין רוים האבען זיך די לייוועגטענע קליידער גערעכענט פאר א לוקסוס. אין פאלעסטינא איז געווען ליין און אפשר אויך בוימוואל. אין גאנץ אייראפא האט זיך דער ליין פערשפרייט פון רוים.

וואו מען האט צוערשט אנגעהויבען צו בענוצען די וואל פון די שאף און אנדערע בהמות אויף קליידער, איז שווער צו זאגען. אלעני פאלס אבער אין די קעלטערע געגענדען פריהער, וויל אין די ווארימע געגענדען זענען אזוינע קליידער געווען איבריג; און דערנאך שוין זענען וואלענע קליידער איבערגעגאנגען אויך אין די ווארימע געגענדען.

מאכען שטריקלעך פון פעדים־ארטיגע טיילען פון פערשיעדענע געוויקסען קאנען כמעט אלע מענשען. דערצו דרעהט מען צונויף עטליכע פעדים פשוט מיט די הענד. דער אויסטראליער ווי־קעלט־אן דאס צונויפגעדרעהטע שטריקעל אויף אזא קלעצעל, וועלכע בעשטעהט פון צוויי קרייצארטיג בעפעסטיגטע ריטלעך. אין מצרים האט מען די דאזיגע ארט קלעצעל אנגעהויבען צו דרעהען; צוזאמען מיט'ן קלעצעל פלעגט זיך אויך דרעהען די פלאקס און פערוואנדעלט ווערען אין פאדעם; אזוי ארום האט זיך בעקומען די שפינדעל. די דאזיגע שפינדעל איז גע־

ווען דאָס אײנציגע געצײג אויף צו שפּינען פֿאָדעם נאָך ביז דער לעצטער צײט. נאָך איצט בענוצען זיך טײלווײז די פּויערטעס אין די רוסישע, איטאַליענישע און שווײצאַרישע דערפֿער. די שפּין־מאַשין אויף די פֿאַבריקען בעשטעהט אײגענטליך אויך פֿון אַזוינע שפּינדלעך, וועלכע דרעהען זיך פֿיעל צוזאַמען, אונטער דעם אויפֿזעהן פֿון אײן אַרבײטער, מיט דער הילף פֿון דאַמפּף.

דאָס וועבען האָט זיך אָנגעהויבען פֿון פֿלעכטען. ווי מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, איז די קונסט פֿון פֿלעכטען געווען בעוואוסט אַלע מענשען ביז די נידריגסטע שטופֿען פֿון ענטוויקלונג. מען האָט געפֿלאָכטען מאַטעס, שפּעטער אויך קערב און אַנדערע כּלים. ווען מען האָט געפֿונען פֿאָדעם, האָט מען זיי אויך אָנגעהויבען צו פֿלעכטען, ווי מאַטעס. דערבײַ פֿלעגט מען פֿלעכטען, אָדער וועבען, נאָר שמאָלע פּאַסען, וועלכע פֿלעגען דערנאָך שוין צונויפֿגענײַהט ווערען.

די לענג־פֿאָדעם זענען געווען ווי די לענג־שטעקלעך אין די מאַטעס, און דעם ברײט־פֿאָדעם אָדער קווער־פֿאָדעם פֿלעגט מען דורכציהען, ווי אין די מאַטעס, מיט די הענד. אַזוי טהוען נאָך איצט אײניגע נעגער־שבטים אין מערב־אַפֿריקאַ. שפּעטער האָט מען זיך אָנגעהויבען צו בענוצען מיט אַ נאָדעל, כּדי לײַכטער דורכציהען דעם קווער־פֿאָדעם צווישען די לענג־פֿאָדעם. די ערשטע בײנערנע אָדער שטײנערנע נאָדעל האָט מען בענוצט נאָר אַלס אָל, אויף דורכשטעכען דעם שטאָף, און דורך דער געמאַכטער לאָך פֿלעגט מען דאַן שוין מיט די פֿינגער דורכציהען די פֿאָדעם. די שפּעטערדיגע שטײנערנע נאָדעל האָט שוין בעקומען אַנ׳אויערל, אַזוי, אַז זי מאַכט די נויטיגע לאָך און ציהט שוין דערנאָך אויך דורך דעם פֿאָדעם.

ווען מען האָט אַזאַ נאָדעל גענומען בענוצען בײַ׳ם וועבען, האָט מען בעקומען דאָס שיפֿעל. מען פֿלעגט מיט דער נאָדעל איבערקלײַבען די לענג־פֿאָדעם אײנעם איבער אײנעם און דאַן מיט אַ מאָל דורכציהען די נאָדעל מיט דעם פֿאָדעם. שפּעטער האָט מען די לענג־פֿאָדעם אָנגעצויגען אין אַ ראַם און צוטײלט אויף צוויי העלפֿטן: אײן טײל פֿאָדעם לאָזט זיך אַראָב מיט דערהילף פֿון פֿוס, וואַרפֿט מען אויף איהם דורך מיט דער האַנד דאָס שיפֿעל, אויף וועלכע עס איז אָנגעוויקעלט דער קווער־פֿאָדעם; דאַן הויבט מען אויף דעם טײל פֿון די לענג־פֿאָדעם און מען לאָזט אַראָב די צווײטע און מען וואַרפֿט דאָס שיפֿעל צוריק מיט דער אַנדערער האַנד. אַזוינע האַנד־וועב־שטיהלען בענוצט מען נאָך

איצט אין זעהר אַ גרויסער צאָהל נאָך כמעט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, חאָטש זיי ווערען אַלץ מעהר און מעהר אַרויסגעשטויסען דורך די דאַמפף־שטוהלען אָדער מעכאַנישע שטוהלען, אין וועלכע דאָס שיפעל ווערט געוואָרפען מיט דער הילף פון דאַמפף.

געניהט האָט מען אַמאָל די קליידער נאָר מיט דער האַנד מיט ביינערנע און שטיינערנע נאָדלען. אַלס פאָדעם האָבען אין פיעלע ערטער געדיענט די אָדערען פון די חיות און בהמות. אין מיטעלאַלטער האָט מען אָנגעהויבען צו בענוצען די בראָנזענע נאָדעל און שפּעטער די איי־זערנע שטאָהלענע. און אין נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט מען, צווישען פיעלע אַנדערע מאַשינען, ערפונדען אויך די נייה־מאַשין.

די בעדערפניש אין אַ וואָהנונג איז אויך נישט אין אַלע געגענדען געווען גלייך ביי'ם מענשען. אין די קעלטערע געגענדען איז אַ וואָהנונג געווען פאַר איהם אַ נויטיגע זאַך, ווייל ער האָט זיך דאָרטען געמוזט פערטיידיגען פאַר קעלט: פון קאַלטע רעגענס, פון שנייען, פון פרעסט. אין די הייסע געגענדען אָבער איז צוליעב דעם אַ וואָהנונג געווען איבעריג. דערפאַר אָבער איז געווען איין זאַך, וואָס האָט דעם מענשען אפילו אין די הייסע געגענדען געטריבען צו מאַכען זיך אַ וועלכע עס איז וואָהנונג. דאָס איז די נויטיגקייט צו פערהיטען דאָס פייער, עס זאָל זיך נישט אויסלעשען פון ווינד און רעגען.

די ערשטע וואָהנונגען פונ'ם מענשען אין קעלטערע געגענדען אין טיילווייז אויך אין וואַרימערע זענען געווען היילען, וועלכע דער מענש האָט געפונען גרייטע אין די בערגיגע געגענדען, וואו ער האָט געוואָהנט. מיט אַזוינע היילען האָט זיך שוין בענוצט דער אור־מענש פון דעם אייז־פעריאָד. אין פראַנקרייך און אין דער שווייץ געפינט מען פיעל אַזוינע היילען, אין וועלכע עס זענען איבערגעבליבען פערשיעדענע געצייג, אַש, קויהלען און ד. גל. — סמנים פון דעם מענשליכען וואָהנען אין די היילען. איצט בענוצען אַזוינע היילען אַלס וואָהנונגען די בוש־מענער אין דרום־אַפריקא. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען אויסצוגראָבען וואָהנונגען אין דער ערד — גריבער, וועלכע מען פלעגט אויבען צודעקען. אין דער אַנדערער זייט פלעגט מען לאָזען אַ לאָך אויף אַריינגעהן. אַזוינע ערד־וואָהנונגען מאַכען איצט די עסקימאָסען אויף ווינטער. זיי גראָבען אויס אַ גרוב, 4 קלאַפטער די לענג און 4 קלאַפטער די ברייט, בעדעקען אויבען מיט שטיקלעך האָלץ, וועלכע זיי שלעפּען אַרויס אין משך פון

זומער פון ים, און בעשיטען מיט ערד אדער בעלעגען מיט גראז. ווינטער, ווען דער פראסט האלט, איז דער דאך פעסט און מען קאן וואהנען אין דעם ערד-הייזעל. ווען עס ווערט אביער ווארימער, צוגעהט דער שניי און רינט אריין אינוועניג. דאן קלייבט זיך דער עסקימאס ארויס פון דארטען און בויט זיך אויף א געציעלט. אין אלצעהנטען יאהרהונדערט האבען די פויערן אין צפון-נארוועגיען געבויט זיך זייערע הייזלעך, מייסטענס אונטער דער ערד. אמאל האבען די ארמענער געהאט אזויגע הייזלעך און אין וואלאכלאנד (רומעניען) גראבען נאך איצט די פויערן אויס אויף ווינטער אונטערערדישע שטאלען פאר זייערע פערד.

אין די הייסע געגענדען, וואו דער איינציגער גרונד צו מאכען א וואהנונג איז געוועזען — פערהיטען דאס פייער, האט מען זיך צוערשט בעגנוגענט נאר מיט שירמען, וועלכע האבען פערשטעלט דאס פייער פון דער ווינטיגער זייט. אין די ערטער, וואו עס זענען פארהאן באנאנען און פאלמען-בוימער, האט מען פון דער דאזיגער זייט אריינגעשטעקט אין דער ערד עטליכע אזויגע צווייגען און דאס איז געוועזען גענוג צו בעשיצען דאס פייער פון ווינד. אזוי טהוען די באטאקודען אין בראזיליען. די אויסטראליער מאכען אזויגע שירמען — א פוס אנדערהאלבען אין דער הויך — פון קארע. ווען עס פעהלען אויס אזויגע גרויסע בלעטער, ווי פון א פאלמע-בוים, בענוצט מען פשוט'ע צווייגען פון בוימער, וועלכע מען שלאגט אריין אין דער ערד נאהענט איינעם נעבען דעם אנדערען. און ווען מען האט אנגעהויבען צו בעשיצען דאס פייער מעהר, איידער פון איין זייט, מיט אזויגע שירמען, האט זיך בעקומען דאס ערשטע געצעלט אהן א דאך. אייניגע אבער האבען די קעפ פון די בלעטער אדער פון די צווייגען צונויפגעבונדען פון אויבען צוזאמען און עס האט זיך בעקומען אנ'אמת געצעלט. אזויגע געצעלטען בעגעגענען מיר ביי די איינוואהנער פון פייער-לאנד. די פאטאחען אין דרום-אמעריקא פלעגען צונויפבינדען די קעפ פון עטליכע בוימער, וועלכע שטעהען נאהענט, אדער זיי פלעגען אריינשלאגען אין דער ערד הויכע פלעקער און אויבען צונויפבויגען זיי. אויף אזא אופן פלעגען זיי בעקומען דעם סקעלעט פון א געצעלט, און ארום פלעגען זיי די ווענד ארומלעגען מיט בלעטער אדער מיט קארע. די אויסטראליער האבען אויך געהאט אזויגע קיילעכדיגע געצעלטען, וועלכע זיי פלעגען ארומלעגען מיט בלעטער אדער ארומשמירען מיט לעהם. פיעלע אינדיאנער שבטים אין צפון-אמעריקא פלעגען בעדעקען די ווענט מיט פעל פון

חיות, און ווען זיי פלעגען פערלאזען דעם ארט, פלעגען זיי אראבנעהמען די פעל פון די ווענד און מיטנעהמען מיט זיך. איינגע נעהמען מיט אויך די פלעקער און עס בעקומט זיך דער צ ו ג ע ה ם־ג ע צ ע ל ט. אזוינע געצעלטען, ארומגעלייגט מיט וואליק, בעגעגענט מען איצט ביי אלע נאמאדען־פעלקער. עהנליך צו זיי זענען די זעלנערישע גלאקען־פערמיגע געצעלטען. ווען מען גראבט אויס אין דער ערד א גרוב און מען שטעלט אויף איהר ארויף דעם זעלבען געצעלט, ווערט דאס לעצטע פערוואנדעלט אין א דאך און די וואהנונג אליין איז — די גרוב. שפע־טער שטעלט מען דעם געצעלט ארויף אויף סולעס (זיילען) אדער אויף ווענד און עס בעקומט זיך א קיילעכדיג געצעלט מיט א שפוע'דיגען קיילעכדיגען דאך. די ווענד צווישען די סולעס פערפלעכט מען מיט צווייגען און מען בעשמירט מיט ערד אדער מיט לעהם. אזוינע קיילעכ־דיגע הייזלעך זענען געווען אמאל אין איראפא אין אלע דערפער.

ווען מען הויבט אן צו בענוצען אויף צו בויען וואהנונגען גרע־סערע קלעצער, דאן ווערט בעקוועמער צו מאכען פירקאנטיגע געביי־דעם, ווייל דאן איז לייכטער צו בעפעסטיגען איין קלאץ צו דער אנדערער. אויסער דעם איז אין א פירקאנטיגער געביידע לייכט אין דער הויך און אין דער מיטען אוועקצולעגען א לאנגען באלקען, אויף וועלכען עס זאל זיך אנשפארען א צוויי שפוע'דיגער דאך. פון די איבעריגע צוויי זייטען בעקומט זיך א פראנט. אזוינע פירקאנטיגע הייזער איז נאך בעקוועם צו מאכען דערפאר, וואס מען קאן זיי אויסציהען אין דער לענג וויפיעל מען וויל, אזוי, אז מען קאן זיי דערנאך צוטיילען אין מיטען און בויען מיט א מאל איין געביידע פאר עטליכע פאמיליען.

אין אזוינע ערטער, ווי מצרים, וואו קיין האלץ איז נישט געווען, האט מען געמוזט האבען אנ'אנדער מאטעריאל אויף צו בויען. מען האט לייכט געקאנט בעמערקען, אז דער שליימיגער באדען, צומישט מיט די רעשטען פון שטרוי, וואס בלייבט נאכ'ן אפשניידען די תבואה, ווערט נאכ'ן אויסטריקענען הארט, ווי שטיין. און די מצריים האבען אנגעהויבען צו בענוצען זייער שווארצע שליימיגע ערד אויף געביידעם. זיי פלעגען צונויפמישען די ערד מיט געהאקטען שטרוי, צוגעבען זיי א פריזמאטישע פארם און עס האט זיך ביי זיי בעקומען צ י ג ע ל. פון וועלכע זיי האבען געמאכט זייערע געביידעם און אויך זעהר פיעל פון זייערע פיראמידען. אזוינע נישט איבערגעברענטע ציגעל בענוצט מען

נאָך איצט אויך אויף געביידעס אין די מזרח־געגענדען, וואו עס געהען ווייניג רעגענס, דערונטער אויך אין פאַלעסטינא.

אין די ערטער, וואו עס זענען געווען שטיינער, האָט מען זיי בע־נוצט אַלס בוי־מאַטעריאַל. דערביי פלעגט מען זיי אַמאָל צונויפלעגען איין אויף אַנדערען אין זיי איבערהויפט נישט צונויפבינדען. אויף די העברעיש־אינזלען זענען אַזוי צונויפגעלעגט די הייזלעך, וועלכע זענען ענהליך צו ביהנשטאָקען. דערנאָך האָט מען די שטיינער אָנגע־הויבען צו בעאַרבייטען אַזוי, זיי זאָלען צוגעהן איינער צום אַנדערען. אין דער קונסט צו בעאַרבייטען שטיינער האָבען די העכסטע שטופע דער־גרייכט די עגיפטער; און די איצטיגע אַרכיטעקטאָרען בעוואונדערען נישט ווייניג און זענען אַפילו מקנא די אַמאָליגע אַרבייט. די מצרי'שע שטיין־האַקער פלעגען אויסהאַקען אַפילו אַזוינע האַרטע שטיינער, ווי גראַניט און פאַרפיר. די גרעסטע פיראַמידע פון גושן — די חעאָפּס־פּיראַ־מידע — איז צונויפגעלעגט פון מאָנומ'דיג־גרויסע זאַמד־שטיינער, וועלכע זענען מיט קיין זאַך נישט צונויפגעקלעבט. וואו נישט וואו פעראייניגט נאָר אַנ'אייזערנע קלאַמער צוויי שטיינער. און די דאָזיגע פיראַמידע שטעהט שוין פינף טויזענד יאָהר און איז, קענטיג, אויפגעבויט אויף אייביגקייט!

קלענערע שטיינער האָט מען שפּעטער אָנגעהויבען צונויפצובינדען מיט צעמענט, וועלכער איז בעשטאַנען פון פשוט'ען לעהם, אָדער פון אַ מישונג פון וואַפּנע און זאַמד. דער דאָזיגער צעמענט איז שוין געווען בעוואוסט די אַלטע צוויליזירטע פעלקער. די רוימער פלעגען נאָך בענוצען וואַסער־פעסטען צעמענט, צו וועלכען זיי פלעגען צושיטען וואולקאַן־אַש. די זעלבע רוימער האָבען זיך אויך אויפגעהערט צו בע־נוצען מיט נישט־געברענטע ציגעל און האָבען זיי אָנגעהויבען איבער־צוברענען. דערביי פלעגען זיי בענוצען ציגעל אויף צו בויען די ווענד, און דאַך־ציגעל אויף צו דעקען די הייזער.

די רוימער האָבען געמאַכט נאָך אַ וויכטיגע ערפינדונג אין דער בוי־קונסט: זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען געוועלבער (סוואָדען). דאָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט דורכצופיהרען בריקען איבער די טייכען, מאַכען האַלב־קיילעכדיגע פענסטער סופיטען א. ד. גל.

אין אייניגע ערטער אין די הייסע געגענדען, וואו מען האָט זיך נישט געקאָנט לייגען שלאָפען אויף דער ערד צוליעב די פערשיעדענע רמשים און געפעהרליכע חיה'לעך, וואָס קריכען דאָרט אַרום, האָט מען

גענומען מאכען די געביידעס אויף זיילען. אויף ארויפגעהן אין אזוינע הייזער דינען לייטערס. אזוינע געביידעס בעגעגענען זיך אין צענטראל־אפריקא און אין דרום־אמעריקא. אין אינדיען און אויף איינינע נאהענט געבען איהר ליגענדע אינזלען בויט מען אויך אזוינע הייזער אויף זיילען אדער אויף פאליעס (סוואיעס), ווייל דאס וואסער שטעהט דארט נישט אלע מאל אויף איין הויך, און עס איז א געפאהר, דאס הויז אויף דער סאמע ערד זאל נישט פערטרונקען ווערען. אנ'אנדערס מאל האבען די מענשען געבויט זייערע הייזער אויף פאליעס אין מיטען טייך אדער מייסטענס אין מיטען פון אנ'אזערע. גיכער פאר אלץ האט זיי געטריבען צו מאכען אין אזוינע ערטער זייערע הייזער די געפאהר פאר ווילדע חיות.

אין מיטען פון'ם פאריגען יאהרהונדערט האט מען אין א זעהר טרוקענעם יאהר, ווען דאס וואסער איז אויף זעהר פיעל אבגעפאלען, בעמערקט אויף דער גענפער־אזערע אין דער שווייץ רעשטען פון אזוינע פאליע־געביידעס. און ווען מען האט גענומען פארשען, האט מען געפונען אויך זעהר פיעל אייראפעאישע אזערעס אזוינע פאליע־געביידעס אין א גרויסער צאהל, אפט גאנצע דערפער. די הייזער אליין זענען געשטאנען אויף פאליעס; די וואנד זענען געוועזען בעשלאגען מיט קלעצער און בעשמירט מיט לעהם. אין איינינע ערטער האבען די געביידעס אבגעברענט, דאס לעהם האט זיך דערביי איבערגעברענט און מען האט דערפאר אויפ'ן ארט נאך געפונען רעשטען פון איהם.

אויפ'ן ארט פון די דאזיגע געביידעס האט מען געפונען אין א גרויסער צאהל פערשיעדענע שטיינערנע און בראנזענע געצייג, רעשטען פון כלים א. ד. ג., וועלכע בעוויזען, אז די איינוואוינער פון די געביידעס זענען שוין געוועזען גאנץ הויך ענטוויקעלט. אין די צפונ'דיגערע געגענדען פון אייראפא געפינט מען אויך רעשטען פון אזוינע פאליע־געביידעס, וועלכע האבען געדיענט אלס שפייכלערס, און וועלכע מען האט געבויט אויף פאליעס, כדי צו פערהיטען די תבואות פון נאג־חיות, ווי מייז, אדער פון א פערפלייצונג.

די געצעלטען, וועלכע מען געפינט ביי די ווילדע און האלב־ווילדע פעלקער, די אלטע קברים, וועלכע מען געפינט אויף די ערטער פון די אמאליגע ציוויליזירטע מלוכות, און וועלכע מען פלעגט אמאל געוועהנליך איינארדנען פאר די טויטע אזוי ווי די הייזער פאר די לעבעדיגע, און אויך די רעשטען פון די געביידען, וועלכע מען געפינט ביי די פערשיעדענע אויסגראבונגען און איבערהויפט אין דער רוימישער

שטאָדט פּאָמפּעיאַ, וועלכע איז אין 79־טען יאָהר נאָך קריסט. געבורט פֿערשאָטען געוואָרען בײַ אַן אויסבּרוך פֿונ׳ם וואולקאַן וועזוף — דאָך אַלץ גיעט אַ מעהר וועניגער גענויע פֿאָרשטעלונג וועגען דער ענטוויקלונג פֿון די געבײַדעס אַלײן און אויך פֿון דער אינערליכער אײַנריכטונג אין הויז.

נעבען אָדער אין מיטען געצעלט פֿלעגט ליעגען אויף דער ערד דאָס פֿײַער. דער רויך פֿלעגט אַרויס דורך אַ לאָך אין דער הויך אָדער איבער דער טהיר. שפּעטער האָט מען אַרום דעם פֿײַער אַרומגעלעגט שטײנער און דערנאָך האָט מען דאָס פֿײַער אַלײן אַרויסגעלעגט אויף שטײנער און עס האָט זיך בעקומען דער הערד, אָדער דער אויווען. שלאָפֿען פֿלעגט די גאַנצע פֿאַמיליע צוערשט אויף דער ערד אַרום דעם פֿײַער. אײניגע, צ. ב. די בושמענער שיטען פֿונאַנדער די אַש אַרום, כּדי עס זאָל זײַן וואַרימער און טריקענער צו שלאָפֿען. שפּעטער האָט מען אָבגעטײלט דעם אָרט אויף שלאָפֿען מיט אַ קלאָץ. אַהין פֿלעגט מען אַנלעגען די אַלע פֿעל, וועלכע מען האָט געהאַט, כּדי עס זאָל זיך בעקומען אַ בעסער געלעגער. דער בעסטער אָרט האָט זיך גערעכענט דער, וואָס איז אַמווײַטסטען פֿון טהיר און האָט געהערט דעם פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע, אָדער דעם גאַסט. שפּעטער, אין די צײַטען פֿון די רוימער, האָט מען אָנגעהויבען אַרומצושלאָגען אַרום די וואַנד ברעטער, און עס האָט זיך בעקומען אַרום די וואַנד לאַנגע בענק, אויף וועלכע מען פֿלעגט שלאָפֿען. אין אײניגע ערטער, וואו מען פֿלעגט די בהמות אויך האַלטען — איבער׳הויפּט ווינטער — אין הויז, פֿלעגט מען אײן טײל פֿון דער הויז־פּאָדלאָגע מאַכען העכער; דאָ פֿלעגען שלאָפֿען די מענשען. קײנע בעזונדערע מעבעל זענען אין שטוב נישט געווען. געזעסען איז מען אויף דער ערד, אָדער אויפֿ׳ן געלעגער. און נאָך איצט איז בײַ די אַראַבער אין פּאַלעסטינאַ קײן מעבעל אין זייערע הײַזלעך נישט פֿאַרהאַן. ווען נישט ווען בעגעגענט מען דאָרט נאָר אַ שטיקעל אָבגעזעגטע קלאָץ, אָדער אַ שטײן, וועלכע דיענען צום זיצען. פֿערשידענע מעבעל איז אַ ערפֿינדונג פֿון דער לעצטער צײַט.

בעלויכטען האָט זיך אַמאָל דאָס געצעלט דורכ׳ן פֿײַער זעלבסט. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען צו בענוצען דערצו פֿערשידענע אײלען: אין די צפֿונ׳דיגע געגענדען, ווי בײַ די עסקימאָסען — טראָן, אין די ערטער, וואו עס איז געוואַקסען דער אײלבערט־בוים — אַליווען־אײל; דערצו פֿלעגט מען עס אַנגיסען אין לעמפּעלעך, וועלכע מען קאָן

נאָך איצט טרעפֿען הונדערטערוויַז אין אַלע מוזעאומס, אַריַינלעגען דערין אַ קנויטעל אָדער עטליכע קנייטלעך. פֿון אַזוינע לעמפּלעך פֿלעגט נישט אַזוי שטאַרק ליכטיג זיַין. כדי צו בעלויכטען מעהר אָדער וועניגער דאָס הויז אין דער צייַט פֿון אַ יום־טוב, פֿלעגט מען אָנצינדען גאַנצע צעהנדליגער אַזוינע לעמפּעלעך. אין די רוסישע דערפֿער און שטעדטלעך פֿלעגט מען נאָך גאָר ביז נישט לאַנג בעלייַכטען דאָס הויז מיט קינעלעך. אייַנטונקען אַ קנויטעל אין חלב און מאַכען ליכט האָט מען געקאָנט שוין לאַנג. די לעצטע צייַט האָט מען גענומען נוצען צום בעלייַכטען נאַפֿט, גאַז, עלעקטריע א. ד. ג.

זיעבענטעס קאַפּיטעל.

האַנדעל און טראַנספּאָרט־מיטלען.

דער מענש בעפֿרידיגט זייַנע בעדערפֿנישען מיט דעם, וואָס ער בעקומט אַרום זיך אין דער נאַטור. צוערשט בענוצט ער נאָר די גרייַטע גיטער, וואָס די נאַטור גיעט איהם, שפּעטער הויבט ער שוין אָן צו בעאַרבייַטען דאָס, וואָס ער בעקומט פֿון דער נאַטור רויה. פֿון שטיין און פֿון רודעס מאַכט ער זיך די נויטיגע געצייַג; ער קאָכט זיך דאָס פֿלייש, באַקט זיך דאָס ברויט; שפּינט און וועבט און מאַכט זיך קליידער; האַקט אויס בוימער און בויט זיך אַ הויז. נאָר מיט דער צייַט וואַקסען די מענשליכע בעדערפֿנישען איבער די פּראָדוקטען, וואָס די אַרומיגע נאַטור גיעט איהם; ער הויבט זיך אָן צו נויטיגען אין זאַכען, וועלכע זענען פֿאַרהאַן אין אַנדערע ערטער, וועלכע זענען אָבער נישטאָ נאָהענט אַרום איהם.

אַזוינע בעדערפֿנישען וואַקסען אויס בייַ'ם מענשען צוערשט אַ דאַנק דעם, וואָס ער בייַט אָפּט דעם אָרט, אומוואַנדערנדיג. צ. ב., ווען דער מענש האָט אויף אַ געווויסען אָרט געפֿונען פֿאַרביגע ערד, מיט וועלכער ער האָט זיך צומאָהלט דעם פּנים, האָט בייַ איהם געקאָנט ענטשטעהן אַ בעדערפֿניש אין פֿאַרבען־זיך. און, איבערוואַנדערנדיג, האָט ער געקאָנט קומען אין אַנ'אָרט, וואו אַזוינע פֿאַרביגע ערד איז שוין נישט געווען. די אַרומיגע נאַטור־גיטער האָבען שוין דאָ נישט געקאָנט בעפֿריעדיגען אַלע זייַנע בעדערפֿנישען.

נייע בעדערפֿנישען, וועלכע האָבען נישט געקאָנט בעפֿריעדיגט ווע־

רען מיט די היימישע פראדוקטען, האבען געקאנט ענטשטעהן ביי'ם מענשען אויך דורך איבערגעהן צו נייע לעבענס-בעדינגונגען. למשל, ווען דער מענש האט זיך מיט'ן ערנעהרט מיט פלייש און אפט געגעסען אויך בלוט, וועלכע ענטהאלטען אין זיך פיעל זאלץ, האט ער זיך נישט גענויטיגט בעזונדער אין דעם דאזיגען געריץ; ווען אבער ער האט זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מייסטענס מיט ערד-ארבייט און האט זיך אנגעהויבען צו ערנעהרען איבערהויפט מיט געוויקס-שפייז, וועלכע ענטהאלט אין זיך זעהר וועניג קאלי-זאלץ, איז ביי איהם אויסגעוואקסען א דרינגענדע בעדערפניש אין דעם דאזיגען מאכל. אזוי בעגעהען זיך אויך די רויב-חיות אהן זאלץ און האבען עס פיינד, און גראז-עסענדע חיות לעקען זאלץ מיט דעם גרעסטען פערגניגען. אין די געגענדען ביי'ם ים בעפריעדיגט דער מענש די בעדערפניש אין זאלץ, טונקענדיג דאס עסען אין ים-וואסער. אין איניגע געגענדען אין אפריקא, וואו עס איז נישטא קיין זאלץ, בענוצען די נעגער-שבטים זאגאר דעם אורין פון די בהמות אלס זאלץ. און איז די בעדערפניש אין זאלץ ענטשטאנען, שטרעבט דער מענש צו בעפריעדיגען זי מיט אלע מיטלען

קאן א מענש נישט בעפריעדיגען זיינע בעדערפנישען מיט די ארטיגע מיטלען, מוז ער אנקומען צו פראדוקטען פון אנדערע ערטער. מיר האבען שוין געזעהן, אז דער אינדיאנער לויפט פאר 20 מייל צו ברענגען זיך די נויטיגע פארב. ווען ביי'ם מענשען ענטשטעהט אבער דער אינסטינקט פון אייגענטום (וועגען דעם, ווי דער בעגריף וועגען אייגענטום און דער אינסטינקט פון אייגענטום ענטשטעהט — אין דעם צווייטען ביכעל), קאן דער מענש שוין נישט נעהמען פריי, וואס ער וויל, ווען דאס געהערט אנ'אנדערען. אויב דער באדען, אין וועלכען דאס זאלץ געפינט זיך, געהערט איינעם, איז איינעמ'ס אייגענטום, קאן אנ'אנדערער, א פרעמדער, נישט נעהמען דאס זאלץ אומזיסט. ער מוז דעם אייגענטימער פון דעם זאלץ עטוואס געבען אנשטאט דעם, א זאך, וואס איהם איז איבעריג און דער בעל-הבית פון דעם זאלץ נויטיגט זיך אין דעם. עס ענטשטעהט א טויש פון פראדוקטען. אזוי טראגט דער אויסטראליער א שטיק דיאריט (א הארטער שטיין, פון וועלכען עס איז גוט צו מאכען געצייג) פאר צעהנדליגער מייל, כדי דארט איהם צו פערטוישען אויף א ביסעל פארב.

ווען די פערשיעדענע שבטים הויבען זיך אן צו פערנעהמען מיט וועלכע עס איז האנד-מלאכות, טרעפט, אז איין שבט ספעציאליזירט זיך,

אין איין מלאכה און דער אנדערער אין א צווייטער. אזוי, צ. ב., מאכען די ווארוי־אינדיאנער די בעסטע שיפלעך און בעזארגען מיט זיי אלע שכנ׳ישע שבטים; די מאקוזי־אינדיאנער ארבייטען־אויס צוויי זאכען, אין וועלכע אלע אנדערע שטאמען נויטיגען זיך שטארק: דאס איז, ערשטענס גיפט, צו פערגיפטען די פיילען, און, צווייטענס, באוועלנע מאטען; די ארעקונא־אינדיאנער זייהען און שפינען באוועל, פון וועלכען די מאקוזי מאכען דערנאך זייערע מאטען; די טארומא־און די וואתא־ווארי־אינדיאנער האבען א מאנאפאל אויף צושטעלען רייב־העלצער, זיי האדעווען אויך א גרויסע צאהל יאגד־הינד.

ביי אזא ספעציאליזירונג מוז שפעטער פארקומען א טויש פון פראָדוקטען צווישען פערשידענע שבטים. נאר צוערשט איז דער טויש א פשוט׳ער, אנ׳אונמיטעלבארער, ווי דער טויש פון דער פארב אויף דעם שטיק דיאריט, וואס מיר האבען געבראכט. איינער נעהמט ביי׳ם אנדערען דאס, וואס איהם איז נויטיג, און גיעט איהם אנשטאט דעם א זאך, וואס ביי איהם איז איבעריג. קיין בעגריף וועגען דעם ווערט פון פערשידענע זאכען האבען נאך צוערשט די ווילדע נישט. דער דאָזיגער בעגריף ארבייט זיך אויס ערשט שפעטער, ווען דער טויש קומט־פאר אפטער. דער בעגריף פון קויפען און פערקויפען ארבייט זיך אויס פיעל שפעטער. צוערשט קומט מייסטענס פאר דער טויש אין דער פארם פון געבען איינע די אנדערע מתנות. אזוי נעהמען אויף די אויסטראליער אויף זייערע א פערזאמלונג די געקומענע געסט און גיבען זיי מתנות, און יענע גיבען אנדערע מתנות צוריק. דערביי אבער דארפען די מתנות ווערט זיין איינע די אנדערע, ווען נישט, הויבען זיך די בעלי־בתים אן צו קריגען מיט די געסט. די וויכטיגקייט פון טויש פאר זיי פערשטעהען אפילו די ווילדע זעהר גוט. און דערפאר לאזען דורך אפילו די שטאמען, וועלכע זענען צוקריגט צווישען זיך און פיהרען צווישען זיך מלחמה, די מענשען פון א פיינדליכען שטאם, וועלכע טראָגען מיט זיך זאכען צו׳ם טוישען. בנוגע צו אזוינע איז דער דורכגאנג אפילו ביי די אויסטראליער־קאניבאלען אפען און זיכער. אזוי קאן מען אין אויסטראליען אפט טרעפען דורכגעהן דורכ׳ן פיינדליכען שבט גאנצע מחנות אויסטראליער אנגעלאדען מיט שטיקער זאמד־שטיין, פון וועלכע זיי וועלען אין דערהיים מאכען רייב־שטיינער פאר קערנער. דער אויסטראליער פערשטעהט, אז ווען ער וועט איצט זיין פיינד שטערען, וועט יענער איהם שפעטער שטערען דורכגעהן צו בעקומען די רויטע

ערד, למשל, וועלכע איז איהם אזוי נויטיג צום פארבען זיך.

די וויטערדיגע ענטוויקלונג פונ'ם טויש בעשטעהט אין דעם, וואס דער מענש בעקומט א בעגריף וועגען דעם ווערט פון דער טויש־זאך און הויבט זי אן צו שאצען. אזוי, צ. ב., ווען ער גיעט א שטיינערנע האק פאר א ביסעל זאלץ, ווייס ער שוין, וויפיעל, למשל, הויפענס זאלץ אדער פון וואס פאר א גרוים א שטיק זאלץ מען דארף איהם געבען פאר דער האק. ווען מען גיעט איהם ווענינער, האלט ער זיך פאר אבגענארט. ווען ביי צווי שבטים זענען פארהאן עטליכע מינים טויש־זאכען, קאנען פון זיי איינינע זאכען זיין מעהר גאנגבאר, איידער די אנדערע. צ. ב., פון א שטיק פייער־שטיין, א האק, א ביסעל פארב אין א שטיקעל זאלץ, קאן מען דאס שטיקעל זאלץ, למשל, אויסטוישען לייכטער, איידער די אנדערע זאכען, ווייל אין איהם נויטיגט מען זיך אפט אין אין אלע ערטער. דעם דאזיגען ארטיקעל הויבט מען דערפאר שפעטער אן צו נעהמען, נישט נאר דאן, ווען מען דארף איהם, נאר אויך דאן, ווען מען דארף איהם נישט האבען אונמיטעלבאר, האפענדיג, אז מען וועט איהם שפעטער קאנען אויסבייטען אויף דער זאך, אין וועלכער מען נויטיגט זיך. אזוי, צ. ב., איינער ברענגט אויפ'ן „מארק", ווי מיר וועלען דאס אנרופען, א שטיינערנע האק און ער וויל פאר איהר בעקומען א ביסעל פארב. ער געפינט אבער נישט קיין פארב, נאר א שטיקעל זאלץ. ער גיעט אוועק דעם אייגענטימער פון דעם זאלץ די האק, וועל יענער נויטיגט זיך אין איהר. און נעהמט ביי איהם דאס זאלץ, ווייל ער ווייס, אז זאלץ וועט ער קאנען שפעטער אויסטוישען אויף פארב אין אנ'אנדער ארט. דאס זאלץ ווערט דא אלזא גענומען נישט אלס פראדוקט, אין וועלכען מען נויטיגט זיך אונמיטעלבאר, נאר אלס פערמיטלער־פראדוקט, אויף וועלכען מען בייט־אויס אלע זאכען. אזא פערמיטלער־פראדוקט הייסט געלד. אלס געלד דינען ביי מענשען אויף די ניעדריגערע ענטוויקלונגס־שטופען פערשידענע זאכען: סיי עסענווארג, סיי צירונג; די לעצטע נאך אפטער, איידער די ערשטע, ווייל מיט די צירונג קאן מען זיך בענוצען, ביז מען בעקומט אויף זיי א בעלן.

אין בריטאנישער קאלומביע האט געדיענט אלס געלד א שנירעלמויער־קעפלעך. אזא שנירעל האט געהאט דעם זעלבען ווערט, וואס א ביבערן פעלכעל. אין צענטראל־אמעריקא האבען די באב פון קאקאא־בוים געדיענט אלס קליינע מטבעות. אין אבעסיניען האט מען אלין

געבּיטען אויף שטיקלעך זאלץ. אין סודאן טוישט מען אלץ אויף שטיקלעך לייוועגד אדער אויף דאס קלייד „טאבע", וואס איז דארטען זעהר אין מאדע. די זולו-נעגער און די קאפער בענוצען אלס געלד—אקסען. פאר זעקס אקסען קויפט זיך דער זולוס א ווייב. ביי די גריכען אמאל האט מען אויך בענוצט אלס געלד — אקסען. אזוי שאצט האמער אב א גוטע שקלאפין אין דריי אקסען און א שענעם דרייפוס אין צוועלף אקסען. ביי די רוימער האבען אלס געלד געדיענט שאף, און זייער נאמען פון געלד „פעקוניא" קומט־פאר פון דעם ווארט „פעקוס", וואס הייסט: שאף.

ווען מען האט אנגעהויבען צו מאכען צירונג פון מעטאל, האבען די צירונג אנגעהויבען צו דינען אלס געלד. אייניגע נעגער־שבטים אין אפריקא בענוצען נאך איצט אלס געלד שטיקלעך אייזען, מיט וועלכע זיי בעצירען זיך. די מצריים האבען בענוצט אלס געלד גאלדענע און זילבערנע פינגערלעך. און נאך אין מיטעלאלטער האבען זיך די קעניגען פון די אייראפעאישע צפון־לענדער בעריהמט מיט דער גרויסער צאהל רינגען, וואס זיי האבען געהאט. שפּעטער, ווען גאלד און זילבער האט זיך אנגעקליבען א סך, איז איבריג געוועזן צו מאכען פון זיי אינגאנצען צירונג. א טייל פון זיי האט פשוט אין שטיקלעך, אהן יעדער פארם, אנגעהויבען צו דיענען אלס געלד. מעהר נישט, מען פלעגט די שטיקלעך מעטאל וועגען. דער אלטער אידישער שקל האט אויך בעקומען זיין נאמען פון דעם ווארט „שקל", וואס הייסט: וועגען. און מיט דער צייט האט מען אנגעהויבען צוצוגרייטען שטיקלעך מעטאל פון בעשטימטער וואג אדער פון בעשטימטער גרויס, אזוי, אז מען האט זיי נישט געדארפט יעדעס מאל וועגען. כדי אלע זאלען אזוינע שטיקלעך מעטאל נעהמען זיכער און גלויבען, אז זיי האבען די נויטיגע וואג, האט מען אויף זיי גענומען מאכען בעזונדערע צייכענס אדער צוגעבען זיי א געוויסע פארם. אויף אזא אופן האבען זיך בעקומען מטבעות. די ערשטע מטבעות זענען ערשיענען אין לידיען, אין קליין־אזיען. דערנאך זענען אזוינע מטבעות ערשיענען אין פיניקיען, און גריכענלאנד, אין פאלעסטינא, אין פערסיען און אין דער גאנצער רוימישער אימפעריע. פון רוים זענען די מטבעות איבערגעגאנגען צו די גערמאנער, און פון די לעצטע— צו די סלאווען.

דאס אויסקלאפען און צוגרייטען מטבעות איז אומעטום געלעגען אין די הענד פון די רעגירונגען; ווייל נאר די רעגירונג האט געהאט א

געניגענדען אויטאריטעט און נאר איהר האט מען געקאנט גלויבען, אז זי וועט מאכען די מטבעות פון ריכטיגער וואג. נאר די רעגירונגען האבען זיך ארויסגעוויזען פאר נישט קיין גרויסע בעלי־נאמנות. זיי האבען באלד אנגעהויבען צו מאכען די מטבעות קלענער, ווי מען האט געדארפט, אדער פשוט גע'גנב'עט פון זייער וואג פאר'ן קעניג. אויף וויפיעל אזא פערקלענערונג פון וואג האט דערגרייכט, קאנען מיר זעהן דערפון, וואס דער איצטיגער ענגלישער „פונט", וועלכער דערמאהנט, אז אמאל איז ער בעשטאנען פון א גאנצען פונט גאלד, איז איצט א מטבע די גרויס ווי א רוסישע גאלדענע צעהנרובל'דיגע.

ווען דער האנדעל האט זיך ענטוויקעלט און מען האט געדארפט אפט איבערשיקען געלד אויף א ווייטע שטרעקע, וואס עס איז געוועזען גאנץ שווער, האט מען אנגעהויבען צו פערבייטען די מעטאלענע געלד מיט פאליכט־צעטלער, וועלכע די רעגירונג גיעט ארויס אויף א געוויסע סומע. אזוינע פאליכט־צעטלעך הייסען אסיגנאציעס. די אסיגנאציעס האבען נאך א מעלה אין פערגלייך מיט די מטבעות. די לעצטע רייבען זיך בימלעכווייז אוים און ווערען אן אין וואג, און די אסיגנאציעס ווערען גארנישט אן ביי'ם איבערגעהן פון האנד אין האנד. אין חינא זענען אזוינע אסיגנאציעס ערשיענען נאך אין VIII־טען יאהרהונדערט נאך קריסטוס־געבורט. און אין XIII־טען יאהרהונדערט האט דער סוחר־רייזענדער מארקא פאלא בעשריבען דאס געלד, וואס ער האט געזעהן ביי דעם חאן אין טאטאריע, און וועלכע זענען בעשטאנען פון געשטעמפעלטע שטיקלעך קארע פונ'ם זייד־בוים (טוט). אין איי־ראפא האבען זיך די אסיגנאציעס בעוויזען אין 17־טען יאהרהונדערט.

דער פערקעהר צווישען איין שבט און דעם אנדערען פלעגט פארקומען איבער שמאלע שטעגלעך נאר פוס־געהער. אלע משאות פלעגט מען טראגען אויף זיך, מייסטענס אויפ'ן קאפ. ברייטע אויסגעפאהרענע וועגען זענען ענטשטאנען דאן, ווען מען האט אנגעהויבען צו פאהרען אויף וואגענס. די רעדער און די פיס פון די בהמות האבען נאכאנאנד איבערגעלאזען זייערע שפורען, אויף וועלכע עס האט שוין קיין גראז נישט געוואקסען, אין דער צייט, וואס ארום איז די ערד בעדעקט געוועזען מיט גראז. אזוי האט זיך אויסגעטיילט א קענטיגער וועג. אזוינע וועגען האבען זיך אבער אויסגעבילדעט נאר אויף די גלייכע ערטער, און בעסער ווי אלץ אין די סטעפען. אין די בערגיגע ערטער, וואו עס איז שווער געווען צו פאהרען אויף וואגענס, האט מען געפיהרט משא, אנלא־

דענדיג עס אויף דעם רוקען פון דער בהמה: פון דעם קעמעל, אייזעל אדער פערד. אין אזויגע ערטער זענען נאך ביז איצט אין פילע פעלען געבליבען נאר שמאלע שטעגען. אין גאנץ אפריקא זענען נישטא קיין ברייטע וועגען, נאר שמאלע שטעגלעך. דורכלעגען א וועג דורכ'ן וואלד, וואו מען האט געדארפט אויסהאקען ביימער, האט מען אויך געפרובט ערשט שפעטער, ווען די בעפעלקערונג פון דעם ארט האט זיך פער־מעהרט און דער פערקעהר האט זיך פערגרעסערט.

ברייטע שאסע־וועגען האט מען צוערשט דורכגעפיהרט אין פער־סיען אין כורש'עס צייטען. כורש האט פעראייניגט זיין הויפט־שטאדט שושן פון איין זייט מיט בל, און פון דער אנדערער זייט — מיט סארדעס, דער געוועזענער הויפט־שטאדט פון לידיען. דער לעצטער וועג האט גע־האלטען ביז 2500 קילאמעטער און איז געווען איינגעארדענט זעהר גוט. דער וועג האט געהייסען „פאסט־וועג", וויל ער האט הויפטזעכליך געדיענט אויף איבערצופיהרען די בעפעהלען פונ'ם קיסר אין די וויטעסטע געגענדען פונ'ם לאנד. אויפ'ן וועג זענען געווען פאסט־סטאנציעס, אין וועלכע מען פלעגט שטענדיג בעקומען צו בייטען די פערד, אזוי אז דעם וועג, וואס א פוס־געהער האט געקאנט דורכמאכען נאר אין 90 טעג, האט מען מיט דער פאסט דא דורכגעמאכט אין 5—7 טעג.

נאר די בעסטע וועגען האבען געמאכט די רוימער. זיי האבען דורכגעפיהרט שאסע־וועגען איבער אלע מדינות, וואס זיי האבען איינ־גענומען, און איבער פילע טייכען האבען זיי אויפגעבויט בריקען, מייסטענס שטיינערנע, אזוי אז מען האט שוין נישט געדארפט זוכען, ווי אמאל, א נידעריג וואסער, א נישט טיעפען ארט אויף אריבערגעהן דעם טייך. און אויף גאר גרויסע טייכען, ווי אויפ'ן דונאי, וואו מען האט נישט געקאנט מאכען קיין געבויטע בריק, האבען זיי געמאכט פאראמען, אדער שיף־בריקען. גוטע וועגען זענען געווען נויטיג די רוימער, כדי שנעל קאנען איבערפיהרען מיליטער אין די וויטעסטע געגענדען, וועלכע זיי האבען איינגענומען. די זעלבע וועגען אבער האבען אויך פערלייכטערט דעם פערקעהר צווישען די פערשידענע פראווינצען און האבען מיטגעהאלפען דער ענטוויקלונג פון האנדעל.

אין פערסיען נאך פלעגט מען משא איבערטראגען אויף זיך, אדער אויף קנעכט אדער אויף משא־בהמות. וואגענס זענען ביי זיי געווען נאר אויף צוויי רעדער און האבען געדיענט אלס „רייט־וואגענס" אויף מלחמה. צו איבערפיהרען משא אויף וואגענס האבען זיי זיך נאך נישט

דערטראַכט. די רוימער האָבן שוין אויף זייערע וואָגענס איבערגעפֿירט אויך משא. די וואָגענס פֿלעגן זיי צודעקן מיט ביידלעך, כּדי צו פֿאַרהיטן פֿון רעגן. און די שטעדט זענען אַמאָל קיין דראָשקעס אויף צו פֿאָהרן נישט געווען. און אַפֿילו משא פֿלעגט מען אין זיי איבערפֿירן אויף וואָגענס נאָר ביינאַכט, ווייל די גאַסן אין די שטעדט זענען געווען זהער שמאָלע און די וואָגענס וואָלטן געשטערט דער באַוועגונג פֿון מענשן ביי טאָג. ווער עס האָט געדאַרפֿט ערגעץ־וואו, איז געגאַנגען במחילה צופֿוס. און גאָר די גרויסע שררות אָדער שררות׳טעס פֿלעגן זיך לאָזן טראָגן אין בעטלעך אָדער ליעג־שטולן. אַזאַ אַרט באַוועגונג געפֿינען מיר נאָך איצט אין גאַנץ יאַפּאַן און חינאַ. דראָשקעס זענען ערשינען אין די אייראָפּעאישע שטעדט ערשט אין 18־טן יאָהרהונדערט. און זיי פֿלעגט מען אָבער שוין איינשפּאַנען נישט קנעכט, ווי אַמאָל ביי די רוימער, און נישט קולים (אַרבייטער), ווי איצט ביי די חינעזער, נאָר פֿערד. אין ערשטן פֿירטל פֿונ׳ם פֿאָריגן יאָהרהונדערט האָט מען גענומען באַנוצן זיך מיט מעכאַנישער קראַפֿט צו ברענגען אין באַוועגונג די רעדער פֿון די וואָגענס. עס איז ענטשטאַנען דער לאָקאָמאָטיוו און אין לעצטן פֿירטל פֿונ׳ם פֿאָריגן יאָהרהונדערט — דער אויטאָמאָביל.

ווי דער ערשטער וואָגן איז ענטשטאַנען, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן אַזוי: די מענשן האָבן שוין פֿון לאַנג געקאָנט באַמערקן, אַז קייקלעדיג אויף אַ קיילעכדיגן פֿלאָקן איז לייכטער צו שלעפּן אַ קלאָץ, איידער ציהענדיג זי איבער דער ערד. ווען מען האָט אויף אַ פּאָר אַזוינע גלאַטע קיילעכדיגע פֿלעקער אַרויפֿגעלעגט אַ ברעט, האָט זיך באַקומען דער ערשטער וואָגן. די פֿלעקער, אָדער גרעבערע גלאַטע קלעצער פֿלעגן זיך קייקלען אונטער׳ן וואָגן אין ספּעציעלע רינגען. דערנאָך האָט מען דעם מיטעלסטן טייל פֿון די קלעצער־וואַלצן דינער געמאַכט און ער האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַן אַקס, אויף וועלכער די רעדער זענען געווען אָנגעזעצט פֿעסט, אומבאַוועגליך. אַזוינע וואָגענס פֿלעגט מען נאָך נישט לאַנג באַגעגענען אין די פּאָרטוגעזישע דערפֿער. און ערשט פֿיעל שפּעטער האָט מען די רעדער גענומען מאַכן באַזונדער און אָנטאָהן זיי אויף דער אַקס. די אַקס האָט מען צוגעשלאָגן אומבאַוועגליך צום וואָגן; געדרעהט האָבן זיך נאָר די רעדער.

אין די מזרח־לענדער און אין מיטעלאַלטער אויך אין אייראָפּאַ זענען די וועגן געווען געפֿעהרליך, ווייל אין די בערג און אין די וועלדער האָבן געוואָהנט רויבערישע שבטים, אָדער רויבער־באַנדעס, וועלכע

פלעגען אנפאלען אויף די דורכגעהער און פוהרען און ראבעווען. דערפאר פלעגט מען זיך דאמאלסט ניט לאזען אין וועג אליין, נאר גאנצע שיירות׳וויז, קאמפאניעסוויז. די סוחרים, וועלכע פלעגען פיהרען סחורה, פלעגען נאך געוועהנליך נעהמען מיט זיך סאלדאטען, אויף בעשיצען זיי פון רויבער, אויסער וואס זיי אליין פלעגען אויך געהן געוועהנליך בעוואפענט. אין די מזרח-לענדער, וואו קיין וועגען זענען כמעט ניטא און, איבערהויפט, ביי׳ם דורכגעהן א מדבר, קלייבען זיך צונויף גרויסע קאמפאניעס — קאראוואנען אויף קעמלען און פערד. אזוינע קאראוואנען פון מחמד׳אנישע סוחרים און גלאט פרומע עולי-רגל געהען נאך איצט יאהר-יעהרליך פון דער טערקיי איבער אראביען אין מעקא און מעדינא — אין געבורטס-שטאדט און אויפ׳ן קבר פון זייער נביא מחמד. גרויסע קאראוואנען ציהען זיך אויך פון צפון-אפריקא איבער דעם מדבר סאהארא און סודאן. אויף קאראוואנען פלעגט פארקומען דער גאנצער האנדעל אמאל אין אלטערטום צווישען פיניקיען און בבל פון איין זייט און מצרים פון דער אנדערער זייט.

אויסער דעם האנדעל אויף דער יבשה האט נאך שטענדיג געהאט א גרויסע בעדייטונג דער האנדעל אויפ׳ן ים. אין אלטערטום זענען די בעריהמטעסטע ים-רייזענדער און ים-הענדלער געוועזען די פיניקיער און נאך זיי די גריכען. די פיניקיער האבען געהאט זייערע קאלאניעס אין פיעלע ערטער אין דרום-אייראפא, אויף די אינזלען פונ׳ם מיטעללענדישען ים, אין צפון-אפריקא און אויך אויף די בריטאנישע אינזלען, וואו זיי פלעגען נעהמען צין, וואס איז נויטיג געוועזען אויף בראנזע מאכען. די פיניקישע שיפען פלעגען אמאל אויך צושווימען צו דער מינדונג פון דעם טייך רהיין און אפילו אין באלטישען ים, וואו זיי פלעגען נעהמען ברושטין, וועלכער איז אין יענע צייטען געוועזען איינער פון די וויכטיגסטע האנדעלס-ארטיקלען און פלעגט געהן אויף פערשידענע צירונג. די גריכען האבען אויך שפעטער געגרינדעט א גאנצע רייהע פון זייערע קאלאניעס אין קליין-אזיען, אין דרום פון דעם איצטיגען רוסלאנד, ביי׳ם שווארצען ים א. ד. ג.

ווייטע רייזען האבען שוין אמאל געמאכט אויך די פיניקיער. עס איז פארהאן א לעגענדע, אז פיניקיער האבען אמאל, לויט אנ׳אבמאך מיט א פרעה פון מצרים, געמאכט א רייזע ארום גאנץ אפריקא. די רייזע האט געדויערט גאנצע דריי יאהר. זומער-צייט פלעגען די שיפס-לייט ארויס אויפ׳ן ברעג, פערזייהען, ווארטען ביז עס ווערט צייטיג

דערנאך אבשנײדען די תבואה און פאהרען װײטער. געװעהנליך אבער פלעגען זיך די גריכען און פיניקער האלטען מיט זײערע שיפען נישט װײט פון ברעג. לאזען זיך אין ברײטען אפענעם ים און אויף גאר װײטע רײזעס האט מען אין אײראפא אנגעהױבען ערשט דאן, װען מען האט איבערגענומען בײ די חינעזער דעם קאמפאס. מיט דעם דאזיגען אינסטרומענט אין האנד האט מען זיך געקאנט לאזען אין ים, נישט מורא האבענדיג צו בלאנזשען. דער קאמפאס האט אויך געגעבען א מעגליכקײט צו לאזען זיך אין אזא רײזע, װי קאלומבוס האט אונטערגענומען, װען ער האט גערעכענט געפינען א װעג אין אינדיען ארום דער ערד און האט זיך אנגעשטויסען אויפ'ן װעג אויף א נײעם מאטעריק: אויף אמעריקא.

ס'פערשטעהט זיך, אז אזוינע נסיעות איבערן ים, װי קאלומבוס האט געמאכט, האט מען געקאנט פארנעהמען נאר אויף גוט אײנגעארדנעטע גרויסע שיפען. צו אזוינע שיפען איז דער מענש אבער, װי צו אלץ, געקומען נאר זעהר לאנגזאם. דער האטענטאט חאפט זיך אן פאר א צװײג, אדער פאר א קלאץ, װאס שװימט איבער'ן טײך, װען ער טרײבט־אריבער דורך איהם זײנע ציגען, און שװימט אויף „זײן הילצערנעם פערדיל“, װי ער רופט די קלאץ. די אויסטראליער זענען געקומען צו שװימען אויף די אײראפעאישע שיפען, זיצענדיג אויף פערשפיצטע קלעצער און רודערנדיג מיט די פיס. די אינדיאנער אין אמעריקא האקען אב א גראבען בוים, ברענען אוים די קלאץ אין דער לענג, דערנאך האקען זײ אוים מיט זײערע שטײנערנע, אדער אנדערע העק די אויסגעברענטע טײלען און בעקומען א שיפעל. די אויסטראליער שײלען אראב די קארע פון גראנגע בוימער, פערבינדען בײ בײדע ברעגען די קארע מיט ליקע און בעקומען אויך א שיפעל. כדי עס זאל זיך נישט צונויפדריקענען און פערליערען זײן פארם, שטעלען די אינדיאנער ארײן אין אזא שיפעל — אין דער ברײט — לײסטען, און כדי עס זאל זײן שטארקער, בעציהען זײ דערנאך דאס שיפעל מיט פעל. די עסקימאסען זענען דערגאנגען צו א הויכער מדרגה פון קונסט, מאכענדיג אזוינע פעל־שיפלעך (קאיאקען). די פאלינעזיער פלעגען שוין מאכען צוערשט פון לײסטען א סקעלעט פון א שיפעל און דערנאך ארומשלאגען דעם סקעלעט מיט ברעטער. אין אזוינע שיפלעך פלעגען קאנען זיצען ביז 80 מאן און מעהר.

די נײ־זעלאנדער האבען שוין אנגעהויבען צו בענוצען זעגלען

פֿאַר זייערע שיפֿלעך. בעמערקען, אז א מאַטע, וועלכע הענגט אויפֿ׳ן שיפֿעל און אין וועלכער עס שפאַרט זיך איין דער ווינד, פֿערגרעסערט די שנעלקייט פֿון שיפֿעל, האָט מען לייכט געקאָנט. און מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען בענוצען מיט דער קראַפֿט, אָנהענגענדיג א מאַטע צווישען צוויי שטעהענדיגע שטעקענס, בעפֿעסטיגטע צו די זייטען פֿון שיפֿעל. די עגיפּטער האָבען שוין אוועקגעשטעלט א מאַסט און זייערע שיפֿען און אָנגעהאָנגען א שטאַנג, אן וועלכען זיי פֿלעגען אָנבינדען די זעגלען.

זעגעל־שיפֿען זענען געווען אויך ביי די פֿיניקיער און גריכען און אין אייראָפּא ביז׳ן סוף פֿון אַכצעהנטען יאהרהונדערט. ווען פֿולטאָן אין אַמעריקא האָט ערפֿונדען דאָס דאַמפֿ־שיף. דאָס דאַמפֿ־שיף האָט געגעבען דעם מענשען די מעגליכקייט צו פֿערבינדען בעציהונגען מיט די ווייטסטע געגענדען, דערנעהנטערן איין לאַנד צום צווייטען און איין פֿאָלק צום צווייטען, בעקאָנען זיי נעהנטער מיט איינאַנדער און איבערטראָגען די קולטורעלע אוצרות פֿון איין פֿאָלק צום צווייטען.

און מען דאַרף גלויבען, אז די דאָזיגע נאָהענטקייט וועט ברענגען א מאָל אויך צו דעם, אז די פֿעלקער וועלען אויפֿהערען צו קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי אויף שונאים, אויפֿהערען צו באַוואָפֿנען זיך און נישט וויסען קיין אַנדערע בעציהונגען צווישען זיך, ווי פֿריעדליכע.